STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06141

VEGN ZIKH UN AYKH

Sarah Barkan-Silverman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שרה באַרקאַן (זילבערמאַן)

וועגן זיך און אייך

(ד ע ר צ י י ל ו נ ג ע ן)

אַרויסגעגעבן פון
שרה באַרקאַנ׳ס לייענער

1949

Copyright 1949

By

SARAH BARKAN SILVERMAN

Maplewood, N. J.

Printed in U. S. A.

25

אין אָנדענק פון מיין
זון חיים־הערץ.

אינהאַלט:

	זייט
מיין ערשטע ליד	7
וואָס ליבע איז	13
גיי פאַרשטיי	17
פּאָעזיע און אַ מאַנטל	20
די געהיימע ליבע	24
מיין מאַמע	30
זאָל זיך אייך דאַכטן, אַז איך בין אייער זון	34
אַ פּאַטער	38
בליי	43
ער האָט צוגעהאַלטן די טיר . . .	47
זיין לאָמפּ	51
פון איין לאַדזש	54
מעני האָט געוואוינען	58
זייער ווייסער שכן פון דער סאָוט	63
מיידלעך אין אַ זעלבסט-שוץ געגן פּאָגראָמען	67
יענע נאַכט	71
די לאַטקעס האָבן געזיגט	75
די מיסעס קאָהן	79
מיסטער קילמאָר פאַרגעסט זיין נאָמען	86
אַ איד — אַ טעמע	90
נאָר ליזאַ לור קען אים	94
צוליב אַ שטיקל מצה	98
פּערל די גוזמא׳טע	102
דעם דיכטער׳ס טאָכטער	110
שטאַרקער פון טויט	116
מיס מייבל	125
זי האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן	130
זי האָט געהאַט מיט איר איינזעעניש	132
29 און אַ פּעני	135
דער מאַן, וואָס וויל ניט אַהיים גיין שלאָפן	140

מיין ערשטע ליד

איך בין געקומען אַהער מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט. מיין מאַן איז געווען יונג, צעשראָקן, צוליב זיינע נייע פליכטן, האָט וויניג גערעדט. ער פלעגט אַהיימקומען צען ביינאַכט פון דער אַרבעט, געפונען זיין קינד שלאָפנדיג. דער אומעט, די אַנטוישונג אין מיין אויסגעהאָפט לאַנד, האָט אַ טרויער־ליד דורך מיר אַרויסגעזונגען. דערצו די בענקשאַפט נאָך מיין מאַמען.

איך פלעג איינוויקלען מיין קינד אין דער מאַמע׳ס געקעסטלטע פּאַרטשיילע און אומגיין שעה׳ן לאַנג איבער די גאַסן: אפשר וועל איך אימעצן באַגעגענען, אַן עלטערע פרוי, וואָס זעט אויס ווי מיין מוטער. איך פלעג אָפט חלומ׳ען, אַז איך בין צוריק אין מיין אַלטער היים, ביי מיין מאַמען.

פון אַ פלאַמיגער באַוועגונג, פון אַ צערטלעכער מאַמע׳ס שטוב, בין איך אַריינגעצאַמט געוואָרן אין קיך, וואָס איך האָב אַזוי פיינט געהאַט, ווי סם.

דער קליינער קאָרידאָר איז באַלד אָבער געוואָרן אַ שטיק אַמעריקע פאַר מיר. דער פערטער פלאָר, מיט די פיר טירן און גלעזערנע שויבן מיט קלאָרע פאָרהענגלעך — פון יעדער טיר פלעגן אַרויסקומען גרינע פרויען פון פוילן, פון ליטע, פון גאַליציע און פון וואו ניט?

מיין דאַמאָלסטדיגע באַליבטע צייטונג פלעגט אָפּלאַכן פון גאַליציאַנער, זיי פאָרשטעלן אין אירע פעליעטאָנען, פלעג איך זיך היטן פון זיי, און זיי פלעגן זיך אָפּרעכענען מיט די ליטוואַקעס, ניט געטרויען אונז, רופן אונז צלם־קאָפּ, איבערקרימען אונזער סאַמעך, און מען האָט זיך ניט געטרויט. פאַר מיר איז זייער שפּראַך געווען ווילד.

איין מאָל הער איך ווי אַ פרוי בעט איר מיידעלע:

— גאַי, מיין קינד, און ברענג מיר אַרויף אַ בראַיט.

מיין איך, אַז דאָס גייט זי קויפן ברויט, ערשט זי קומט אַרויף מיט אַ שטיק האָלץ.

אַז איך האָב שוין דערהערט זייער מאָדנעם לשון, האָב איך זיך אויפגעהערט שעמען מיט מיין שפּראַך און מיטן סאַמעך.

אין יענער הויז זיינען מיר אַלע געווען גרינע. איז די רייזע קיין אַמעריקע געווען די ערשטע טעמע, ווען מיר פלעגן זיך אויסזעצן אין

קאָרידאָר. אַלע האָבן שוין געהערט, אַז איך האָב געהאַט די שווערסטע רייזע פון אַלע מענטשן אויף דער גאָרער ערד. אַ קלייניגקייט, מיין רייזע! פלעג איך זיך באַרימען. — דריי מאָל פאַרבלאָנדזשעט אין וועג, און נאָך מיט אַן ערשט־געבוירענעם עופה'לע אין די אָרעמס.

איז אָט דערצייל איך זיי, ווי אַזוי איך האָב אַ זומער־לאַנג פאַר־בראַכט אין פינלאַנד און זיך מיט זיי צונויפגערעדט אויפן וואונק, ווי אַזוי מיר האָבן גע'גנב'עט די גרענעץ, ווי אַזוי איך בין געלעגן מיטן קינד אַ באַהאַלטענע, צוזאַמען מיט אַנטלאָפענע פון סיביר, מיט מער־דער; ווי אַזוי די אַלע פאַרברעכער האָבן ליב געהאַט מיין קינד, ווי זיי זיינען ניט דורכגעגאַנגען דעם גרענעץ, ביז מען וועט מיך מיטן קינד ניט מיטנעמען; ווי אַזוי אַ קאָפּנהאַגער מאַטראָס איז איין נאַכט שטיל אַריינגעקראָכן אין קעלער, וואו מיר זיינען געלעגן, און אויפן וואונק אונז דערציילט, אַז זיין קאַפּיטאַן שלאָפט אַ שיכור'ער, אַז ער פירט איצט אַ שיף מיט פעסלעך אויל, און ער קען אונז אַלעמען איבערפירן קיין קאָפּנהאַגן, אָבער אויב דאָס קינד צעשרייט זיך, וועט אונז זיין קאַפּיטאַן דערטרינקען.

און איך דערצייל, ווי אַזוי אַן אַלטע גוי'ע האָט מיר גע'עצה'ט, אַז איך זאָל דאָס קינד אַריינלייגן אין אַ ציך און עס צובינדן אויף מיין בויך, וועט קיינער ניט וויסן, אַז עס איז אַ קינד, נאָר אַז איך בין מעוברת...

ווי אַזוי איינער אַ רוס, אַ בלאָטיגער, מיט לאַנגע האָר און צעריי־סענע קליידער, האָט אָנגעשריען אויף דער אַלטער, דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען אַ שניי־ווייסע טיכעלע, געמאַכט אַ קניפּל פון ברויט און וואָדקע, אַריינגערוקט דאָס קינד אין מיילעכל און מיר האָבן זיך גענומען רוקן אויף די קני ביזן האַפן.

דער קאָפּנהאַגער מאַטראָס קריכט ווי אַ קאַץ, און מיר, אַ וואָסערע דרייסיק, נאָך אים. די נאַכט איז פינצטער, אַ דינער רעגנדל גיסט, און הוסטן טאָר מען ניט, און דאָס קינד, ווייס איך ניט, צי עס לעבט, צי עס איז טויט. גיב איך דאָס קינד אַ קניפּ, טוט עס אַ קליין וויינעלע, נע־מען אַלע לויפן צום קינד, ווילן עס דערשטיקן.

ווי אַזוי איך האָב געקלאָגט און געוויינט, און דער קאַפּיטאַן, צום גליק, איז געווען אַזאַ שיכור, אַז ער האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן, און די נאַכט איז געווען בלינד און דאָס קינד איז צוריק איינגעשלאָפן ווי אַ שטיין, אַז איך האָב ניט געוואוסט, צי עס איז טויט, צי לעבעדיג.

אַז עס איז געקומען צו דעם, ווי אַזוי מיר, אַלע אימיגראַנטן, האָבן זיך ניט געוואָלט צעשיידן, האָבן די ווייבער געוויינט הערנדיג.

דערפאַר, אָבער, האָב איך זיי דערפרייט מיטן סוף און זיי געמאַכט צום לאַכן. ווי אַזוי מיין מאַן איז געקומען אונז אַרונטערנעמען פון

שיף, און ער האָט געטראָגן אַ האַרטן קאַפּעליוש, מיט אַ הויכן קראַגן, ווי אַזוי מיר ביידע האָבן געוויינט, און ער האָט מיר מכבד געווען מיט באַנאַנעס, וואָס איך האָב זיי אויפגעגעסן מיט דער שאָלעכץ, און ווי אַט זיץ איך דאָ, און אַט איז דאָס קינד.

אַזוי האָב איך זיך אויסגעלעבט אין מיינע אומעטיגע שעה'ן, עס איז מיר געוואָרן גרינגער די בענקשאַפט איבערצוטראָגן. און דער קליינער קאָרידאָר האָט מיר אויפגעהאַלטן, ביז איין פרוי האָט מיר אונ־טערגעשטעלט אַ פוס.

זי האָט געוואוינט אין איינע פון די פיר צימערן אין זעלבן קאָרידאָר. אָבער קיינמאָל איז זי ניט אַרויס זיך צוזעצן מיט אונז. דערפאַר פלעגן מיר נאָך מיט מער נייגער קוקן אויף איר טיר, פענצטער, וואו אַ זייער דיקער פאָרהענגל האָט אונז צעטיילט. זי פלעגט גיין די האָר געשוירן, מיט גאָלדענע פענסנע, מיט אַ שוואַרץ בענדעלע נאָך זיי, האָבן מיר אַלע באַשטימט, אַז זי איז אַן אַנאַרכיסטקע. ווער רעדט נאָך, אַז מיר האָבן באַמערקט ווי אַ דין רויכעלע גייט פון איר אָפענעם פענצטער, וועלכער האָט אַרויסגעקוקט הויך צווישן די צוויי טענעמענט־הייזער, דאַמאָלסט האָבן מיר זיכער געוואוסט, אַז זי רויכערט. איינמאָל ווען איך בין גע־ווען פאַרטיפט אין דערציילן ווי שווער עס איז אונז געווען אויפצו־וועקן דאָס פאַר'שיכור'ט עופה'לע, ווי אַלע אויף דער שיף האָבן דאָס קינד שוין געהאַלטן פאַר טויט, און מען האָט עס שוין געוואָלט אַריינ־וואַרפן אין ים, קומט אַרויס די פרוי מיט די אונטערגעשוירענע האָר, שטעלט אַן אויף מיר אַ דינעם, איידעלן פינגער, און רופט אויס שטרענג און זיכער:

— מיסעס, איר'ט שוין געכאַפּט די אַמעריקאַנער בלאָפס? יעדעס מאָל וואָס איר דערציילט, מאַכט איר די זאַך אַביסל אַנדערש.

איך בין געבליבן זיצן זייער אַ פאַרשעמטע, און מער קיינמאָל ניט דערציילט די פרויען וועגן מיין שלעכטע רייזע קיין אַמעריקע.

דאָס קינד פאַרוויקלט אין דער מאַמע'ס פאַרטשיילע, פלעג איך אָפט שפּאַצירן איבער די גאַסן, אָפּשטעלן זיך דאָ און דאָרטן. די נייע וואונדער־וועלט, אַמעריקע, האָט מיך גערופן, געצויגן. דער מאָדנער מענטש מיט דער מאַלפּע און שפּיל־קאַסטן, די אידן וועלכע פאַרקויפן אַלע גוטע זאַכן אויף אַזוינע וועגעלעך, די אַלע בילדער האָב איך אָנ־געהויבן צו שילדערן אין מיינע בריוו צו מיין מאַמען.

מיין מאַמע, ניט קענענדיג לייענען און שרייבן, האָט מיינע בריוו געטראָגן צו דעם לערער און געלערנטן, ה. ציטראָן. ציטראָן איז גע־ווען מיין טאַטנ'ס אַ חבר, און איז אַלע יאָרן געווען דער אויפפּאַסער אויף אונז.

ער האָט מיר געשריבן:

— איך זע אין דיר דיין פאָטער׳ס נשמה, דיין פאָטער׳ס פּייער. — שרייב...

איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין וואָס ער מיינט מיטן וואָרט שרייב. און ווידער בין איך אומגעגאַנגען איבער די גאַסן, צוגעהערט זיך ווי מענטשןריידן, אָפּגעשטעלט זיך לעבן יעדער רעדל מענטשן, אַריינגע־קוקט אין די אויסגעפּוצטע קראָמען־פענצטער, געלייענט יעדן טאָג אַ אידישע צייטונג, כדי צו האָבן עפּעס נייעס צו שרייבן מיין מאַמען, וועל־כע האָט שטאַרק געבענקט נאָך אירע דריי קינדער, וואָס זיינען געווען צעשפּרייט איבער דער וועלט.

די נייעס פון די ערשטע סטרייקס ביי די שניידער, די בילדער, ווי אַזוי מען זעצט דאָ אַרויס פאַמיליעס אין גאַס אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג, זיינען געוואָרן מיינע טעמעס פאַר די בריוו.

און דערווייל איז אונטערגעוואַקסן מיין טעכטערל. זי איז געוואָרן מיין חבר׳טע, מיין מאַמע, מיין אויסהערערין. אירע בלאָנדע לאָקן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין מיין אָנהויבן שרייבן. זיי זיינען גע־ווען גאָלד־בלאָנד און זיך געדרייט ווי רינגלעך אין רינגלעך. יעדער פאַרנאַכט זיינען די פרויען געגאַנגען באַגעגענען זייערע מענער. די קינדערלעך אויסגעבאָדן, פאַרפּוצט, אין האַרט־געפּרעסטע ווייסע קליי־דעלעך. איז אָבער געווען אַ צרה מיט די לאָקן. פאַר יעדער לאָק האָב איך איר געמוזט באַצאָלן מיט אַ מעשה׳לע, אָדער אַ לידל. קיין סך קינדער־ליטעראַטור איז נאָך דאַמאָלסט ניט געווען, האָב איך זיי אַליין געמוזט פאַר איר פאַרטראַכטן. אויך איר אַליין האָב איך דערציילט וועגן מיין רייזע קיין אַמעריקע. האָט זי די מעשה איינמאָל געהערט, זיך דערשראָקן, זיך צעשריען, און די צוויי־יעריגע טאָכטער מיינע האָט מיר גלייך פאַר׳משפּט די זאַך, אַז זי האָט עס פּע, פּיינט, ווייל קינדער דערשרעקן זיך פאַר דעם, אַז זי האָט פּיינט דעם גרויסן מאַן מיט דער קלאָרער טיכעלע, און דעם בראָנפן אין טיכל, וואָס האָט זי אַזוי פאַר־שלעפּערט, אַז איר מאַמע האָט געדאַרפט וויינען. דערצו פלעגן איר די מעשיות גלייך דערעסן. יעדער אויף דער נאַכט, ביים שלאָפן גיין, האָב איך געמוזט עפּעס פאַרטראַכטן נייעס, האָב איך גענומען דערציילן די מעשה מיט די פייעד־פליגן אין פאַרזעצונגען.

איינמאָל האָט זיך צו אונז אַריינגעקליבן אַ נייער באַרדער, אַן על־טערער מענטש, מיט גראָבע ברילן אויף די בלויע, כמעט־קינדערשע אויגן. בייטאָג פלעגט ער אַרומגיין זוכן אַרבעט, און ביינאַכט פלעגט ער זיצן און לייענען ביכער. איידער ער פלעגט נעמען לייענען, פלעג איך הערן, ווי ער גראַבלט שטילינקערהייט אין ברויט־קעסטל, דערנאָך נעמט

קלינגען דאָס לעפעלע אין גלאָז, דערנאָך נעמט שמעקן הייסע קאַקאַ. דערנאָך ווערט שטיל. אַ גאַנצן ווינטער איז ער אַזוי געקומען שפּעט. קיין געלט צו צאָלן פאַרן צימער האָט ער ניט געהאַט, דעריבער פלעגט ער מיר אויסמיידן, און מען פלעגט מיר דערציילן, אַז ער שטייט הינ־טער דער טיר אין קאָרידאָר און הערט זיך איין צו מיינע מעשיות.

איך פלעג אים רופן „דער באָרדער מיט דער קאַקאַ", ווייל אין איין קעשענע פלעגט ער טראָגן אַ קעסטעלע קאַקאַ, און אין דער צווייטער — אַ ווערטערבוך.

איין ווינטער־נאַכט זע איך, ער שטייט הינטער דער טיר פון קינ־דער־צימער, שטיל. אין קיך איז ליכטיג, קען איך זען זיין פּנים, זיין שמייכל. ווען איך דערצייל, וויגט ער זיך, רייבט די דינע, בלאַסע הענט. פלוצלונג שרייט ער אַריין:

— מיסעס, ווי לאַנג וועט איר ציען?

— וואָס מיינט איר? — פרעג איך איבער אַ ביסל דערשראָקן.

— איך מיין, אַז איך דאַרף אַוועקפאָרן און וויל וויסן דעם סוף!

— אָט דאָס איז דער סוף! — האָב איך געענטפערט אַ פאַרשעמטע, ווי ער וואָלט מיר געכאַפּט ביי עפּעס וואָס עס איז ניט שיין צו טאָן.

אויף מאָרגן נאַכט איז ער אַריין שטיל ווי אַ קאַץ. ער איז אַלעמאָל צוגעגאַנגען צום טיר, צוגעלייגט זיין קאָפּ און געהערט וואָס איך דער־צייל מיין מיידעלע.

איין פרימאָרגן האָב איך געפונען אַ צעטעלע אויפן טיש:

„מיסעס, אייערע קינדער־מעשה׳לעך זיינען אויסגעצייכנט. שרייבט זיי אָן".

איך האָב זיי קיין מאָל אָבער ניט פאַרשריבן. ווען איך האָב אָנגע־הויבן שרייבן פאַר קינדער, האָב איך זיך געמוזט ווענדן צו מיין טאָכטער, זי זאָל זיך זיי דערמאָנען.

מיך האָט אָבער געצויגן צו שרייבן לידער. עס איז געווען דער אָרקעסטער איבערן וואַנט, וועלכער האָט עס צעוויגט אין מיר דעם גע־פיל אָנצושרייבן מיין ערשטע ליד. דאָרט פלעגן זיך צונויפקומען גרינע. זיי האָבן געשאַפן אַן אָרקעסטער פון וואַש־ברעטלעך. מיט דער הילף פון יונגע סאָפּראַנאָ־שטימען, מיט טיפע מענערשע שטימען, פלעגן זיך צונויפגיסן די טענער אויף די וואַש־ברעטלעך, וואָס די מענער מיט זייערע קנעכלעך האָבן אַרויסגעבראַכט אידישע פאָלקס־לידער, מאָריס ראָזענפעלד׳ס „מיין אינגעלע", „זי איז מער צו באַדויערן ווי שולדיג", „קיינער איז נישט שולדיק נאָר זיין נאָז". „איסט־סאיד, וועסט־סאיד" פלעגט זיך אַרויסהערן פון יענער הויז צו צעוויגן מיין אומעט צווישן די פיר ווענט. ווער רעדט נאָך די חנוכה־וואָך, דאַמאָלסט האָט די גאַנצע

טענעמענט־הויז אַוועקגעשמעקט פון די געפּרעגלטע גריוון און לאַטקעס. אונטער אַזאַ וויגנדיגער נאַכט האָב איך אָנגעשריבן מיין ערשטע ליד, וואָס איז געדרוקט געוואָרן.

ווען דאָס ליד איז צו מיר אָנגעקומען שוואַרץ אויף ווייס, האָב איך געציטערט פאַר פרייד. איך בין געווען אליין אין דערהיים. טויזנט מאָל האָב איך דאָס ליד געלייענט ביז איך האָב דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר. איך בין צוגעשפּרונגען מיט פרייד: אָט קומט אימעצער, מיט וועמען איך וועל מיר קענען טיילן מיין גרויס גליק, מיין ערשטע ליד וועל איך איצט לייענען. עס איז אָבער געווען דער אייזמאַן און גראַדע אַ נעגער. דאָס זילבערדיגע שטיק אייז איז עפּעס געווען אַזוי צוגעפּאַסט פאַר מיין צעהיצטקייט, אַז איך האָב זיך פאַנאַנדערגעלאַכט ווי אַ קינד, און אויפגעהויבן מיט די הענט דאָס שווערע שטיק אייז.

— לייג אַריין דאָס אייז אין אייז־קעסטל, — האָב איך געבעטן דעם שוואַרצן אייזמאַן.

ער האָט עס געטאָן אַביסל צעשראָקן און געוואָלט גלייך אַנטלויפן פון מיין הויז.

— גיי ניט, מיסטער, — האָב איך אים געבעטן, — איך וויל לייע־נען פאַר דיר מיין „פוירסט פּאָעם“ — האָב איך אים באַוויזן אויף אַ שטול.

ער האָט אָנגעהויבן באַגרייפן, וואָס דאָ קומט פאָר. איך האָב גע־לייענט, און ער האָט אַריינגעקוקט אין ציימונג, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען וואָס דאָרט איז געשריבן.

— איך פאַרשטיי ניט דיין שפּראַך, מיסעס, אָבער עס קלינגט גוט,

— האָט ער געזאָגט, און נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט צו ענדיגן איז ער ניט געוואָרן.

אַז איך האָב זיך אָפּטער גענומען דרוקן, בין איך מיט פרייד אַוועק צו מיין מאַמען, וועלכע איז שוין געווען אין אַמעריקע. זי האָט אויס־געהערט מיינע לידער און טיף געזיפצט:

— אוי, ווי איז מיר, דו האָסט זיך פאָרט איינגעגעבן אין טאַטן דיינעם, דיר צו לאַנגע יאָר, דו וועסט שוין אָפּזיצן דורך די נעכט, אוי ווי דיין מאַמען.

וואָס ליבע איז

צום ערשטן מאָל דורך פופצן יאָר פאַרהייראַטן לעבן איז דער 40־יאָריגער מאַן געגאַנגען לאַנגזאַם, טריט־ביי־טריט אַהיים. ער האָט געוואָלט דער וועג זאָל לאַנג געדויערן, ווי אַ קינד, וועלכעס עסט פון אַ צוקערקע ברעקלעך, ווייל ס'איז אַזוי געשמאַק, און ס'וויל ניט, אַז ס'זאָל זיך ענדיגן. וואָרום אַזוי ווי ער וועט נאָר אַריבערטרעטן די שוועל פון זיין היים, וועט זיין פרייד צעשטערט ווערן . . .

ער האָט מער ניט געטראַכט וועגן ציפערן, וועגן זיין באַלעבאָס' געשעפט, וועגן דעם, צי האָט ער חלילה ניט געמאַכט אַ טעות אין באַרעכענען די ביכער. דורך אַלע געבראַזגן פון גאַס, דורך קלאַפן און רוישן פון ניו־יאָרקער טומל האָט ער געהערט עטלעכע ווערטער פון איר: „ווען איך קריג מיין וואַקאַציע גלייך מיט אייך, פאָר איך וואו איר פאָרט . . ."

טראַכטנדיג וועגן די עטלעכע ווערטער, האָט ער זיך דערמאָנט אַ סך פאַסירונגען, זינט דאָס מיידל איז אָנגעקומען אַרבעטן אין זעלבן אָפיס, לעבן זיין זייט. אָפטמאָל הייסט זי אים צוהאַלטן איר מאַנטל, ווען זי טוט זיך אָן אַהיים־צו־גיין. זיי עסן יעדן טאָג אין זעלבן רעסטאָראַן. ביי די אינגערע מענער איז זי פאַררעכנט פאַר אַן „אַלד מעיד". אָבער אין פאַרגלייך מיט אים איז זי גאַנץ יונג. זי איז אַ הויכע, אַ טונקעלע; זי רעדט לאַנגזאַם, זי רעדט וועגן ביכער, דערציילט אים אָפט זאַכן פון איר לעבן, וואָס קיין אַנדערע מענטשן דערציילט זי ניט. ער דערמאָנט זיך איצט, אַז זי האָט אים אַמאָל דערציילט, פאַרוואָס זי האָט ביז איצט ניט געהייראַט: „ווען איך קריג אַ מאַן אַ ניט־גאָר יונגן, אַן אינטערעסאַנטן, אַזאַ, וואָס לייענט ביכער און ווייס וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, וואָלט איך אפילו היינט געהייראַט".

ער האָט זיך איצט דערמאָנט, ווי אַזוי זי האָט דעמאָלט אויסגעזען. זי האָט געקוקט אויף אים, אַריינגעשמייכלט אין די אויגן. יאָ, ס'איז ליבע, די מיס ברוקס האָט אים ליב. ער אַליין איז צו איר שוין אויך צוגעוואוינט. ער זעט זי מער ווי זיין אייגענע ווייב. פון אַכט אינדערפרי ביז פינף נאָכמיטאָג זעט ער זי. דורך דער מיטאָג־שעה שפּאַצירן זיי ביידע אַזוי נאָענט, אָפט אַפילו געאָרעמט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער קען זי שוין צוואַנציג יאָר.

אַ וואָרימער ציטער איז אים אַריבער איבערן לייב. ער האָט אויס־געגלייכט זיינע גלידער, אָריינגעאָטעמט די פאַרנאַכטיקע זומערדיגע לופט. ווי גוט ס'וואָלט געווען — האָט ער געטראַכט — ווען מיר פאָרן טאַקע צוזאַמען אויף וואַקאַציע. ער וואָלט זיך פאַרפוצט אין ווייסן. ער וואָלט אַלע וואָכעדיגע פעק פון זיך אַרונטערגעוואָרפן און וייט־וויט פון אַלץ און אַלעמען, ערגעץ לעבן אַ קלאָרן וואַסער, אָדער אויף אַ באַרג געזעסן צוזאַמען מיט אימיצן, וואָס האָט אים ליב — מיט אַ נייער ליבע.

ער האָט זייער געוואָלט פאַר אימיצן פאַרטרויען זיין פרייד. ווען זיין מאַמע לעבט, וואָלט ער איצט צו איר געלאָפן, ווי דאַמאָלסט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל באַגעגנט זיין ווייב.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ פענצטער מיט שפיגלען און זיך באַטראַכט: זיינע בלאָנדע האָר שוין באַזילבערט, אָבער איצט האָבן זיי אים אויסגעזען וויכטיג, עס האָט געשטימט מיט מיס ברוקס' ווערטער: „ווען איך פאַרליב זיך אין אַ מאַן אַ געשטעלטן, ניט קיין צו־יונגן, וואָלט איך היינט געהייראַט . . ."

פלוצלינג האָט ער זיך דערשראָקן פאַר זיינע געדאַנקען. ווי קומט ער צו טראַכטן פון אַזוינע נאַרישקייטן, און וואָס נעמט אים אַזוי לאַנג דער גאַנג? אינדערהיים וואַרט זיין ווייב און קינד.

ער האָט גענומען גיין האַסטיגער, אָבער דער געדאַנק וועגן זיין ווייב און קינד האָט ווי צעבלעטערט אַ בוך. ווען זיין ווייב ווייס, וועגן וואָס ער טראַכט איצט! זי איז דאָך אַזאַ טייערע . . . וואָס איז איר טייערקייט? איר וועלט הויבט זיך אָן פונם קינד און ענדיגט זיך מיטן קינד. אָבער ער אַליין טוט דאָך אויך ניט ווייניג פאַרן קינד. צוליבן קינד האָבן זיי אַפילו מער קיין קינדער ניט, כדי דעם איינציגן קינד זאָל וואָס בעסער זיין. זיין ווייב איז געטריי ווי אַ הונט צו אים. אינדער־היים איז אַלץ אין אנגענעמען צושטאַנד. זי איז אויך ניט קיין מיאוסע — איז וואָס האָבן אים די מיס ברוקס עטלעכע ווערטער אַזוי דערוואַ־רעמט, אַזוי דערפרישט?

ער האָט דערזען אַ צעגרינטן בוים. ער האָט זיך אַרונטערגע־שטעלט אונטערן בוים און זיך פאַרטראַכט: אָן עלנטער בוים אויפן גאַס . . . יאָ, אַזוי וועט עס זיין — מאָרגן גייט ער אַריין צום פאַרוואַלטער און בעט אים, אַז זיינע צוויי וואָכן וואַקאַציע זאָלן זיך אָנהויבן פון 15טן יולי, פונקט אין דער זעלבער צייט ווי מיס ברוקס וואַקאַציע. און — אפשר ניט? דאָס וועט דאָך זיין דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער וועט אַזוי אָפּנאַרן זיין ווייב, זינט ער האָט חתונה געהאַט.

איבער אַ פילם־טעאַטער האָט אַ שילד דערציילט וועגן אַ שפּיל, וואָס הייסט: „דאָס לעבן הויבט זיך אָן נאָך פערציג". ער האָט גע־

קוקט אויפן בילד לעבן אַריינגאַנג פונם טעאַטער. אַ בילד פון אַ מיטל־יעריגן מאַן. ער האָט געשמייכלט צו זיך: „וואָס ליבע איז", האָט ער געטראַכט.

ער איז אַריין אין הויז אַן אַ „גוט אָוונט". אַ יאָר נאָך דער חתונה האָבן זיי זיך אויפגעהערט קושן פאַרן פאַרלאָזן די היים און אַהיים־קו־מענדיג.

— ביזט היינט שפּעט, — איז אים זיין ווייב אַנטקעגנגעקומען און אים אַריינגעקוקט אין די אויגן. זי האָט עפּעס דערקענט אין אים. זיי־נע אויגן, וואָס האָבן ערשט נעכטן אויסגעזען ווי פּוסטע פלאַשן, האָבן איצט געפינקלט, ווי שטאַרקער ווין וואָלט אין זיי אַריינגעשטראָמט. — וואו ביזטו געוועזן? אַ שעה צייט ווי מיר וואַרטן אויף דיר מיטן עסן, — האָט זי אים ניט אָפּגעלאָזן.

— אָט, געזעסן אין סענטראַל פּאַרק אַ ווײַלע. ס'איז זומער אויף דער וועלט, — האָט ער אַ באַגליקטער אַרויסגערעדט.

זי האָט געקוקט אויף אים. עפּעס אַזוי אַנדערש האָט ער איר אויס־געזען — עפּעס ווי אַ ווייטע אַמאָליגע דערמאָנערונג. אויף זיין מויל האָט אַ שפּילעוודיגער שמייכל זיך געמיניעט. ווען האָט זי אַזאַ שמייכל געזען? . . .

ער האָט געקוקט אויף איר: זי, זיין ווייב, איז אויך הויך און טונקל, אַזוי ווי מיס ברוקס. ערשט איצט האָט ער דערזען, אַז זי איז גאַנץ שיין פאַר אירע יאָרן.

— וואָס קוקסטו אויף מיר, זעסט מיך צום ערשטן מאָל? — האָט די פרוי זיינע שוין אויך זומערדיג געשמייכלט. — דער סענטראַל פּאַרק האָט דיך אינספּירירט?

— יאָ, אינספּירירט, — האָט ער געלאַכט. — ס'איז זומער אויף דער וועלט.

דער טיש איז, ווי אַלעמאָל, געווען געגרייט מיט דריי בלויע טעלער און זעקס גאָפּל־מעסער. זיין ווייב אָבער איז אַנדערש, זי לאַכט עפּעס פון אים. אפשר זאָל ער איר טאַקע דערציילן די גאַנצע געשיכטע מיט דער מיס ברוקס, ווי ער וואָלט עס געטאָן פאַר זיין מאַמען, ווען זי לעבט?

זי האָט צוגעטראָגן דאָס עסן צום טיש און האָט אים ווידער אָפּ־געמאָסטן.

— ביזט היינט גוט, מיין מיסטער . . .

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר — דו זעסט מיך צום ערשטן מאָל? — האָט ער גענוצט איר פראַגע.

— יאָ, מיר דאַכט, אַז איך זע דיר צום ערשטן מאָל, — האָט זי שוין גערעדט ערנסטער, און דערביי שפּילעוודיג אַ צופּ־געטאָן זיינע

געדיכטע, עטוואָס גרוילעכע האָר.

ער וואָלט זי געוואָלט קושן, אָבער ער האָט זיך געשעמט. אַרום זיי איז געוואָרן אַזוי וואַרעם, אַזוי אַנדערש ווי געוויינלעך. ער האָט גע־געסן און געטראַכט: „וואָס ליבע איז” . . .

און זי האָט געטראַכט: „וואָס אַ שעה אין סענטראַל פּאַרק קאָן טאָן צו אַ מענטשן?”

גיי פאַרשטיי

דער שרייבער איז געווען זייער פאַרטיפט איבערן שרייב־טיש ווען ער האָט דערפילט אַ האַנט אויף זיין פלייצע.

— העי, אריאל, דו ביזט אויף דער ערד, אָדער אויפן הימל ? — האָט דעם שרייבער׳ס פריינט געפרעגט זייער פאַרזיכטיג, מיט אַ מינע ווי ער וואָלט זיך פילן שולדיג פאַר דעם, וואָס ער האָט זיין פריינט אי־בערגעשלאָגן אין מיטן פון זיין אַרבעט.

דער שרייבער האָט בלויז געשמייכלט, פּרובירט איינהאַלטן זיין פאַרדרוס אין זיך : אַז עס מאַכט זיך אים אַ פּאָר שעה צייט צו שרייבן שלאָגט מען אים איבער.

דער פריינט, אַ מענטש אַ פאַרמעגלעכער, אַ פאַרהייראַטער, מיט אַ שיינער היים און אַ טייערן אויטאָמאָביל, פלעגט זיך פון צייט־צו־צייט צו־כאַפּן צו זיין יוגנט־פריינט, דעם שרייבער, וואָס לעבט אין אָרעמקייט ערגעץ אין ניו־יאָרק אין אַ פּיצל צימערל, עסט וואָס ער האָט און ווען ער האָט ; אָפט באַצאָלט ער פאַר עטלעכע וואָכן דירה־געלט פאַר זיין פריינט.

אויך איצט האָט ער באַטראַכט זיין פריינט׳ס קליין צימערל : ס׳איז די זעלבע זאַך — אויפן געז־אויוועלע קאָכט זיך דאָס קליינע קענדעלע מיט קאַווע ; די שויבן זיינען פאַרהויכט מיט פּאַרע ; די בעט צע־וואָרפן . . . אַ פּאָר עפּל מיט אַ שטיקל ברויט ליגן לעבן טינטער. שטיי־נערנע ווענט, גראָע, טרויעריגע, פאַרשטעלן די ליכט און אין מיטן טאָג ברענט דאָ פייער צו באַלייכטן זיין האַנט, וואָס פינטלט אויפן קלאָרן פּאַפּיר און וועבט אויס לידער.

דער פריינט, פון וועמען עס האָט געשמעקט מיט גאָס־קאַלטע פריי־שע לופט, וואַרעם געקליידעט, מיט בלויע דורכגעלייטערטע אויגן, האָט גענומען אַרומגיין הין און צוריק אין קליינעם צימערל וואו זיין פריינט, דער שרייבער, לעבט אין נויט. ער האָט באַטראַכט זיין פריינט׳ס לאַגע... יאָ . . . זיין פריינט איז געבליבן אַ שרייבער, און ער, וועלכער האָט אויך אַמאָל געטרוימט פון ווערן באַרימט, פון דערהייבן זיך, איז נאָר דער־גאַנגען אַזוי הויך ווי ביז אַ פאַמיליע, אַ רעגירונגס־שטעלע און אַ הויכע שיינע הויז אויף אַ שפּיץ פון אַ באַרג, ערגעץ אין דרום ניו־דזשוירזי.

אָבער מער פון אַלץ האָט אים געוואונדערט ווי אַזוי זיין פריינט קען שאַפן אַזוינע שיינע געדאַנקען אָט דאָ, אין דעם ביטערן ווינקל.

— קום צו מיר — בעט ער זיך ביי אים — מיין פאַמיליע איז איצט אין פלאָרידע . . . אַ פייער ברענט אין קאַמין. קום, דוד, וועסט זען סביבה . . . וועסט זען בילדער. איי איז איצט פראַכטפול אויף די בערג!

דוד, אָדער אריאל, ווי זיין פריינט האָט אים אַ צו־נאָמען געגעבן אין יענע טעג, ווען ביידע צוזאַמען האָבן זיך געהאָלפן פעדערן די פליגלען, האָבן צוזאַמען פאַנטאַזירט פון אַ ניט־ערדיש לעבן, האָט זיך נישט־ווילנדיג אויפגעהויבן פון בענקל, וויסנדיג פון דערפאַרונג, אַז ווען זיין פריינט זעצט זיך אָן, וועט שוין אַנדערש ניט זיין.

דער פריינט איז געווען איבערגליקלעך ווען ער האָט דעם שרייבער אַריינגעפירט צו זיך אין זאַל. דער פראָסט האָט געברענט אין דרויסן און אין גרינעם געראַמען צימער איז געווען וואַרעם, שטיל — און קאַלירפול.

— הער זיך איין, „אַדלער" מיינער, אַז דו'סט אַוועקגעפגר'ן ביי דיר דאָרטן אין צימערל עסנדיג ברויט מיט עפל און גראָד שרייבן דאָס וואָס דו ווילסט, און אָן באַצאָלט, איז לאָמיר כאָטש האָבן אַן אָנדענק, אַז ביי מיר אין הויז האָסטו עפּעס געשאַפן. געדענק, און אַ גוטן טאָג!

דער שרייבער האָט נאָכגעקוקט זיין פריינט און געלאַכט ווי אַ קינד. ער האָט זיך דערמאָנט די גוטע גרינע יאָרן ווען אַלע האָבן געהאַלטן, אַז זיין פריינט וועט ניט אַנדערש נאָר ווערן אַ צווייטער מאָגולעסקי, אַן אַקטיאָר, אַ קאָמיקער.

דער שרייבער איז געבליבן אַליין אין דעם גרויסן הויז. ער איז געבליבן שטיין, געקוקט אויף אַלץ אַרום אים מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם — אַ מבין אויף שיינקייט, מיין פריינט — האָט ער געשמייכלט. זיין שיינע הויז איז אַ געלונגענע ליד. דער פייער־קאָלירטער טעפּיך האָט זיך פאַרמאָסטן מיט די פלאַמען פון קאַמין. די פלאַמען האָבן געשטיפט, געגלעט מיט רויטע צונגען די שטיינער און איינער דעם אַנדערן פאַרלאָפן דעם וועג אין קוימען אַריין . . . פונקען זיינען געפאַלן אויפן בלעך אונטערן פייער, געפינטלט, געפינטלט און אויסגעגאַנגען...

אַ ליבע וואַרעמקייט האָט געצערטלט דעם שרייבער'ס פּיס. די ליידיגע שטולן אַרום פייער האָבן אים דערמאָנט אָן יוגנט־ליבעס, אָן לאַנג פאַרלאָרענע פריינט. דורך די דינע גאַרדינען האָט אַריינגעשיינט די שוואַכע ווינטערדיגע זון, זיך אָפּגערוט אויף די זיידענע קישעלעך. אַלץ אַרום האָט אויסגעזען ווי שטיקער רעגנבויגן. דער דרויסן האָט אַריינגעלאַכט מיט אַ ווייסן צוויבער־פּנים. פאַרפראָרענע, באַשנייטע בוימער האָבן געשעמערירט אַנטקעגן די זון־שטראַלן, ווי ברילִיאַנטן.

דער שרייבער האָט זיך דערמאָנט אָן אַ פּאָר פערזן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שרייבן אין זיין צימער. די פערזן זיינען געווען וועגן באַ־

שנייטע בוימער, וואָס ער האָט געזען אין אַ בוך. ער האָט זיך דער־פרייט קוקנדיג אויפן קלאָרן דרויסן . . . אָט דאָ וועל איך ענדיגן מיין ליד.

פּאַפּיר מיט אַן אָנהויב פון ליד איז געלעגן אויפן טיש, וואו עס האָט זיך געלייענט:

„באַשנייטע ביימער, געטוליעט צוזאַמען
ווי גרייז־גרויע קעפּ מיט בריליאַנטענע קאַמען".

און אָט איז עס. אָט זיינען קלאָרע בערג מיט פינקלענדיגע וועגן. אָט זיינען באַשנייטע ביימער און עס שרייבט זיך ניט. די זון האָט גע־נומען פאַרגיין און צעוואָרפן רויטע בענדער אויף באַשנייטע בערג — פאַרהאַנגען שויבן מיט פייער־גאַרדינען. קינדער אויף שליטעלעך פליען אַראָפּ און אַרונטער די בערג, פילן אָן די לופט מיט פרייד, מיט געלעכ־טער. נאָר דער שרייבער שטייט לעבן פענצטער — קוקט אויף די אָנ־קומענדיגע שאָטנס, וואָס כאַפּן זיך אַריין אין צימער. דאָס פייער אין קאַמין ווערט דאָס איינציגע ליכט וואָס באַלייכט דעם נאָענטן שטח אַרום קאַמין. אָבער ביסלעכווייז גייט עס אויס און פאַרבייט זיך אויף אַש . . .

די נאַכט קריכט אַלץ דרייסטער אין צימער . . . דורך דינע גאַרדי־נען שפּינט זי אַלץ אַרום אין גרויער רו . . . דער שרייבער קאָן אַלץ ניט אָפּטרעטן פון פענצטער . . . עפּעס האַלט אים דאָרט צו . . .

אַ קלאַפּ מיטן טיר האָט אים אויפגעוועקט פון זיין פאַרטיפטקייט. זיין פריינט איז אַריינגעקומען מיט פּעקלעך.

— נו, אַריאַל, האָסט עפּעס אויפגעטאָן? קום, לאָמיר בעסער כאַפּן אַ בייס צוזאַמען, ווי אין די אַלטע גוטע צייטן . . . געדענקסט אין קליינעם צימערל, ביי דער מיסעס רייך. האַ, געדענקסט?

— אוי, אַלטע גוטע צייטן!

דער פריינט האָט צעוויקלט אַ הערינג און זיך געפרייט.

— אוי, דו הערסט, ברודערקע, איז מיר עס גוט היינט מיט דיר אַליין. און ספּעציעל מיטן „ליטוואַק" . . . ביי מיין פרוי קאָנען אַזוינע זאַכן אין הויז ניט אַריינקומען . . . ס'פּאַסט ניט, זאָגט זי, צו עסן הערינג אין דעם געגנט . . .

זיי האָבן זיך געזעצט עסן אַמאָליגע פּאַטראָוועס.

דעם שרייבער'ס פריינט האָט זיך היינט געפילט גוט. היינט פילן זיך ביידע ווי אַמאָל.

— נו, געשאַפן עפּעס אין דער אומגעבונג? . . . ס'איז דאָך דאָ פונקט געשאַפן פאַר דיכטער.

דער שרייבער אָבער האָט אים געוויזן אַ ליידיקן בויגן פּאַפּיר:

— וואָס? גאָרנישט געשאַפן דאָ? — איז דעם שרייבער'ס פריינט איבערראַשט עוואָרן. — גיי, פאַרשטיי! — האָט ער אַרויסגערעדט . . .

פּאָעזיע און אַ מאַנטל

דער דיכטער ב., וואָס זאָגט אָפּט אַרויס גאַנץ קלוגע געדאַנקען אין זיינע לידער, איז דאָס מאָל אַזוי אַריינגעפאַלן, אַז ער קען זיך אַליין ניט פאַרגעבן, און נאָך מער פאַרדריסט אים, וואָס זיין שרה, אַ פּשוט'ע פרוי, האָט איבער אים געוואונען. נאָר לאָמיר אייך פריער דערציילן די מעשה.

מיר זיינען דאָך אַלע ניט פּערפעקט, קיין מלאכים גייען ניט אַרום אויף דער ערד. נו, האָט דער דיכטער ב. אַ טבע צו שרייבן פּאָעזיע. „זאָל זיך דיר דאַכטן — פאַרענטפערט ער זיך פאַר זיין ווייב — אַז איך שפּיל קאָרטן. וויפיל געלט קאָסט אַ קאָפּ טינט מיט אַ שטיקל פּאַפּיר? איז וואָס אַרט דיר, אַז איך שרייב? . . .” אָבער זי איז ניט צופרידן.

פון וואַנען עס נעמט זיך צו אים דער געפיל צו פּאָעזיע, ווייס ער אַליין ניט. אַמאָל ווייזט זיך אים אויס, אַז עס איז צוליב דעם, וויל ער איז עלנט. ווי אַזוי אַ מענטש מיט אַ פרוי, מיט קינדער, מיט אַ היים, מיט אַ ראַדיאָ, קען זיין עלנט? איז אַביסל שווער צו דערקלערן, אָבער אַזוי איז עס.

דוכט זיך אים גאָר אַמאָל, אַז ער איז אַ געבאָרענער מוזיקער, נאָר אַזוי ווי ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט דערשלאָגן צו דעם, שפּילט ער, ווייזט זיך אים אויס — מיטן פּען אויפן ווייסן פּאַפּיר. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ ניט די מעשה מיטן מאַנטל.

זייענדיג אָפּט מאָל אין דעם דיכטער'ס היים, האָב איך באַמערקט, אַז זיין הויז־געזינד האַלט גאָר ניט פון אים. די קינדער הי־געבאָרענע, כאָטש גאַנץ ראַדיקאַלע, איז ניט זיי לייענען אידיש, און ניט זיי פאַר־שטייען דעם טאַטנ'ס פּאָעזיע. אָפּט קומען זיי אַרויס און נעמען יאָ עפּעס ריידן וועגן „אָלד מען” — וואָסי, אַ חבר'טעס אַ טאַטע האָט געזאָגט, אַז היינט האָט ער געלייענט אין צייטונג, זייער „אָלד מענ'ס עי סאָנג”. בלייבן זיי אָפּט שטיין לעבן טאַטנ'ס שרייב־טיש, און קוקן אויף אים ווי אַזוי נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט זיצט ער, ווען אַלע אין הויז שלאָפן שוין געשמאַק און שרייבט אַזוי אַוועק ביז פאַרטאָג. אַמאָל קוועלט ער שטילערהייט ווען זיין טאָכטער שטעלט זיך אַוועק קוקן אויפן ווייסן פּאַ־פּיר בעת ער שרייבט. דאָס בילד אַליין ווערט פאַר אים שוין אַ טעמע

פּאַר אַ ליד. אַלעמאָל קלייבט ער זיך דאָס בילד צו באַזינגען. — זע נאָר אַ בילד, — קלערט ער — אין שטוב איז שטיל, זיין ווייב'ס ווייס־לעכע לאָקן ליגן צעוואָרפן אויפן ווייסן קישן, אַ לאָמפּ וואַרפט ליכט אויפן ברוינעם טיש, ער זיצט און שרייבט, און זיין שיינע, יונגע טאָכטער שטייט אַזוי און באַוואונדערט אים.

אָבער דאָס גליק פון זיין טאָכטער'ס באַוואונדערן אים, איז אים אויך צעשטערט געוואָרן. איין נאַכט שטייט זי אַזוי לעבן זיין רעכטער האַנט און קוקט, ווי אַזוי ער טאַקט און פיילט זיינע פערזן. טראַכט ער: מיינע קינדער האָבן מיך פּאַרט באַמערקט — אפשר וועט מען פּאָרט קריגן אַ קאַפּיטשקע דרך־ארץ פּאַר אַ טאַטן, אַ דיכטער. ערשט די טאָכטער צעלאַכט זיך, און פרעגט:

— סעי, פּאָפּ, דו שרייבסט גאָר ווי אַ טשאַינעמאַן, פון רעכטס אויף לינקס? כי־כי־כי — ווי פאַני! — און זי לויפט אַריין צו זיך אין צי־מער. בלייבט ער שוין ווידער אַנטוישט.

אָבער דאָס איז נאָך אַלץ ניט די מעשה מיטן מאַנטל. דער דיכטער ב. האָט גראָדע יאָ גרויס דרך־ארץ פּאַר זיינע קינדער. ער זעט אין אַלץ שיינקייט. דער איידעם, אַ טראָק־טרייבער, אַז ער טוט זיך אַ שטעל אַריין מיט די ברייטע פּלייצעס אין טיר אַריין, זעט ער, דער שווער, שיינקייט און געזונטקייט, און אָפט ווייזט זיך אים אויס, אַז דעם איי־דעמ'ס געזונטע הענט מיט די מוסקולן זעען אויס ווי געזונטע צווייגן פון אַ בוים. ער פרעגט זיך נאָך וועגן זיין אַרבעט, און גיסט אים אַפילו אָן אַ גלאָז טיי. אַ קלייניקייט, וואָס וואָלט ער ניט געטאָן פּאַר זיינע קינ־דער. וואָס טוט מען אָבער, אַז זיי האָבן ניט קיין רעספּעקט פּאַר אים, דעם דיכטער דעם טאַטן זייערן, וועלכער זיצט ביז שפּעט און שרייבט? אָפט באַזינגט ער זיי אַפילו אין זיינע לידער. שרעקט ער זיך, אַז זיי זאָלן זיך חלילה ניט דערוויסן, ווארום מער וועט אים פעלן . . . איז וואָס טוט דער דיכטער? ער טוליעט זיך אַליין ווי אַ קינד צו זיין ווייב. איז אַלץ גוט און פיין, ביז מען נעמט ריידן וועגן געלט. ער איז חלילה ניט קיין פּאַראַזיט: ער פאַרדינט זיך זיין ברויט מיט זיין אייגענעם שווייס. אָבער די ווייב, שרה, אַרבעט און זי איז די פאַרדינערין. קאָן זי דאָס אים גראָד ניט מוחל זיין. וואָס ער זאָל ניט טאָן פּאַר איר, איז ניט גענוג.

זי איז די קולטור־פאַרזאָרגערין אין איר אָרגאַניזאַציע. ווילט זיך איר אַמאָל באַשרייבן די אַרבעט אירע. זעט ער איין אָוונט זי שרייבט עפּעס און שרייבט, מאַטערט זיך ביז גאָר. אָבער אים וויל זי ניט בעטן, ווייל ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק, האָט זי געזאָגט, אַז „שרייבן איז אויך מיר אַן אַרבעט!" בעט זי אים ניט, אַז ער זאָל איר העלפן. פונ־

דעסטוועגן גייט ער צו און פרעגט:

— ווילסט אפשר איך זאָל דיר העלפן? . . .

העלפט ער איר און עס טוט אים הנאה, וואָס זי געפינט אַן אינטע־רעס אין שרייבן. אָבער דאָס העלפט אויך ניט. און נעמען נעמט זיך די גאַנצע אומצופרידנקייט פון דעם, וואָס ער פאַרדינט ניט פון זיין שרייבן. עד ווען ער, דער דיכטער, וואָלט קענען ווייזן זיין ווייב אַ טשעקל פון דעם מאגאַזין, וואו מען דרוקט זיינע לידער! . . .

און איצטער הויבט זיך אָן די מעשה מיטן מאַנטל. זי, דעם דיכ־טער'ס ווייב, גייט זייער שיין געקליידעט. אַלעמאָל אין אַ נייעם מאַנטל, עטלעכע שיינע קליידער, און ער, דער דיכטער ב. פרייט זיך, וואָס מען לאָזט אים צורו. ווייל אָפט פילט ער, אַז זיין ווייב איז שוין באַלד־באַלד געוועכט, ווייל ער קאָן שרייבער, וואָס שרייבן ערגער פון אים און קריגן גאַנץ פיין באַצאָלט. אָבער, אַז עס איז געקומען ערב ווינטער, זיין מאַנטל איז פול מיט לעכער, און דערצו הערט ער נאָך אַלעמאָל ווי מען רעדט, אַז עס איז ניט אַמאָליגע יאָרן, ווען אַ דיכטער פלעגט אַרומגיין אין אויס־געדרייטע שיך, ווילט זיך אים פשוט גיין אָנגעטאָן אנשטענדיג. און דאָ איז זיין שרה די פאַרדינערין, און דאָ זעט ער ווי זי קויפט זיך אַ נייעם מאַנטל און אַ נייע קלייד און עטלעכע פּאָר שיך.

טוט ער ערב ווינטער אַ זאָג:

— מיין מאַנטל בעט זיך שוין אויך אויף אַ נייעם . . .

מער האָט ער ניט באַדאַרפט. זי איז געוואָרן אָנגעצונדן:

— דו שרייבסט דאָך פּאָעזיע — וואו איז דיין געהאַלט? קויף דיר אַ מאַנטל פון דיינע גראַמען . . . — און זייענדיג צעוואָרעמט האָט זי אים אַריינגעזאָגט נאָך און נאָך, וואָס עס איז אים אַריין אין זיבעטן ריפּ:

— דיינע לידער טויגן אַפּנים ניט, אַז ניט וואָלסטו מסתמא יאָ גע־קראָגן באַצאָלט.

„עך" — קלערט דער דיכטער — „איך וועל איר ווייזן, אַז איך קריג יע באַצאָלט פאַר מיינע לידער". און ער נעמט און שרייבט זיך אַליין אָן אַ אידיש בריוול, וואָס דאָס זאָל הייסן אַז דער רעדאַקטאָר רופט אים כדי אים צו באַצאָלן אַ צענערל פאַר אַ ליד.

— שאַ, שרה, ס'איז דאָ אַ טשעקל איז דאָ.

האָט ער זיך געפרייט און די ווייב האָט זיך מיטגעפרייט. ער האָט געעפנט דאָס בריוול, וואָס ער האָט זיך אַליין געשיקט, און דאָס גע־לייענט פאַר זיין ווייב.

— זעסט, מיין ווייב, מען צאָלט מיר גראַדע יאָ פאַר מיין שרייבן. און נאָך מער: מען האָט מיר אַלע יאָרן געצאָלט! — האָט דער דיכ־טער ב. געפּרואווט זיין אַן אמת'ער אַקטיאָר, לייענענדיג דעם בריוו

פאַר זיין ווייב.

האָט זיך דעם דיכטער'ס ווייב מיט אים ניט געאַמפּערט און טוט אַ זאָג זייער אַ צופרידענע:

„זעסטו, ווער עס פאַרגינט דיר ניט, זאָל אַליין ניט האָבן — נעם דיר דעם טשעק און גיי קויף דיר אַ ווינטערדיקן מאַנטל..."

אַזוי האָט זיין ווייב איבער אים געוואונען. איז דאָס ניט קיין שפּאַס?

די געהיימע ליבע

איצט, ווען די פּאַמיליע פּרימען איז געזעסן אונטן לעבן הויז און געזען ווי די אַלמנה, די שכנה מיט די דריי קינדער, קלייבט זיך אַרויסצופאָרן ערגעץ אין אַ פּאַרק, איז דער מיסעס פּרימען ווידער אַרויפגעקומען אויף די געדאַנקען יענער שרעקלעכער געפיל, וואָס זי האָט שוין באַלד־באַלד פון זיך פאַרטריבן.

דער אלמנה איז גוט! — אַזוי האָט זי געפילט. מר. פּרימען, איר אַרבעטלאָזער מאַן, האָט אויף איר געקוקט מיט גרויס פאַרדראָס.

„זע נאָר, ווי דזשעלעס זי איז דאָס אויס דער שכנה אירער, וואָס יענע פאָרט אויס! פּונקט ווי זי וואָלט אין איר לעבן ניט אויסגעפאָרן. פּונקט ווי ער וואָלט ערשט מיט פינף יאָר צוריק ניט געהאַט קיין שיינעם אויטאָמאָביל, און אַ גוט־באַצאָלטן דזשאַב".

מרס. פּרימען האָט טאַקע שטאַרק מקנא געווען די אלמנה. ניט ווייט פון זיי איז געשטאַנען אַ טייערע קאַר, אינעווייניק זיינען געזעסן דער אלמנה'ס דריי קינדערלעך, זומערדיג געקליידט, און צוויי רייכע לעידיס האָבן צו זיי גערעדט זיס און העפלעך. די מוטער זייערע איז געשטאַנען אין דער שפּייז־קראָם אַ פאַרפּוצטע, און איינגעהאַנדלט עסנוואַרג מיטצונעמען אויף זייער אַרויספאָר, וואוהין די טשאַריטי־לעידיס האָבן זיי גענומען.

ווען די שוואַרצע גלאַנציגע קאַר איז אַוועק און איבערגעלאָזן הינטער זיך פּליענדיגע שטיקלעך פּאַפּיר און אַ שטויב, האָט אין דער מיסעס פּרימענ'ס האַרץ אויפגעברויזט יענער טרויעריגער געפיל, אַז אַן אלמנה איז אַ סך בעסער ווי איר — מיט איר אַרבעטלאָזן מאַן.

מר. פּרימען האָט זיך געבויגן אַ נערוועזער אויפן הילצערנעם קעסטל, און געהיט זיין ווייב'ס בליקן, וועלכע זיינען נאָכגעפלויגן נאָכן פּולן אויטאָמאָביל. אין איינעם פון זיי זיצט די אלמנה מיט אַ טשאַריטי־לעידי. די דריי דאַרע קינדערלעך אין אַלטע ריינע קליידעלעך זיינען אומגעשפּרונגען פריילעכע, ווי זיי וואָלטן וויסן, אַז באַלד וועט קומען די צייט, ווען זייערע ניט־דערנערטע קערפּערס וועלן ווערן קרעפטיגער.

מר. פּרימען האָט שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן און אויסגערופן:

— אַז דו קוקסט אַזוי נאָך די אויטאָמאָבילן, קענען מיר אויך אויס־

פּאָרן. לאָמיר אויסגעבן דאָס געז־געלט. — דערביי האָט ער אַרויס־געבנומען דריי דאָלער פון קעשענע און איר געוויזן: — אָט איז עס, יו סי?

דאָס איז שוין געווען צופיל פאַר איר. עס האָט איר אויסגעוויזן, ווי ער רייצט זיך מיט איר און זי האָט אויסגערופן, אַליין ניט־פילנדיג ווי אַן אויפגעזידטע קעסל וואָלט איבערגעפלאָסן:

— אַ פרוי אָן אַ מאַן איז בעסער ווי איינע, וועלכע האָט אַזאַ מאַן ווי דו! — האָט זי אַרויסגעברויזט און אַריינגעלאָפן אין הויז.

זוכנדיג אַרבעט דעם גאַנצן טאָג, האָט ער נאָר געהערט: אַ „פרוי אָן אַ מאַן איז בעסער ווי אַ פרוי מיט אַ מאַן ווי דו".

די שטאָט איז פול מיט אַלדאָסגוטס. די קראָמען מיט די טייער־סטע מעבל און קליידער רייצן זיך מיטן אַרבעטלאָזן. ער גייט לאַנגזאַם לעבן די רייצנדיגע געשעפט־הייזער. ניטאָ זיך וואָס צו איילן. קומען וועט ער היינט אַהיים זייער שפּעט. איר שרעקלעך וואָרט דערוויטערט אים פון איר. זי, זיין מערי, זאָל אים אַזוי ווײ־טאָן! און אפשר וואָרט זי טאַקע אויף זיין טויט? אפשר וויל זי אים דער'הרג'ענען? און פאַר־וואָס ניט? — האָבן אים אומעטיגע געדאַנקען גענומען עגבערן זיין מאַרך. ער האָט אַ פאַרזיכערונג־פּאָליסי פון עטלעכע הונדערט דאָלער. ער האָט טאַקע געלייענט אין די צייטונגען וועגן אַ גוטן פּאַטער, וועלכער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, כדי זיין פאַמיליע זאָל גוט זיין.

אָ, ניין, דאָס טוט ער ניט, איז אים אַ ציטער דורך דורכן לייב. זיין מערי וועט סיי־ווי־סיי זיין אומגליקלעך אָן אים. און אפשר זאָל ער ערגעץ אַנטלויפן? געבן זיין מערי'ן צו פאַרזוכן דעם טעם, וואָס עס מיינט בלייבן אַליין מיט דריי קינדער.

אַזוי האָט דער 30־יאָריגער פּאַטער אַרומגעשפּאַנט איבער גאַסן און געסלעך מיט אַ צייטונג אין האַנט, נאָכטראַכטנדיג וואָס ער האָט דורכגעלעבט די דריי יאָר, זינט ער האָט פאַרלאָזן זיין שטעלע אַלס אַן אויטאָמאָביל־פאַרקויפער.

גליקלעכע פינף יאָר האָט ער געהאַט אין זיין לעבן. אַ שיינער איז ער, אַ געזונטער און אַ היגער־געבוירענער, זיין שטעלע האָט ער גע־קראָגן מער צוליב זיין שיינקייט און העפלעכקייט, ווי צוליב זיין גע־שעפט־פייאיגקייט. און זיין מערי — יונג, געלערנט און געזונט. האָבן זיי ביידע געשפּאַנט אַנטקעגן זייער גליקלעכער צוקונפט, אין וועלכער זיי זיינען אַזוי זיכער געווען.

און איצט? איצט איז זייער קליינע היים פּוסט. ער האָט שוין געאַרבעט פאַר דער דאַבליו־פּי־עי, איז ער אָבער ניט געווען צוגעפּאַסט צו שלעפּן שטיינער און גראָבן ערד. זיינען זיי איצט ווידער אויף רע־

ליף. ניין דאָלער קריגט זיין מערי אויף צוויי וואָכן צו לעבן זאַלבעפינף. ניין דאָלער, — לאַכט ער צו זיך. אַמאָל פלעגט אים אַוועקגיין אין איין זונטאָגדיגן טאָג ניין דאָלער, ווען ער פלעגט געבן זיין פאַמיליע אַ „גוד־טאַים".

אָבער אַלע טרויעריגע געדאַנקען האָבן אים ניט אַזוי ווי געטאָן, ווי זיין ווייב'ס מעסערדיגע פאַר ווערטער, אַז — אַ פרוי אָן אַ מאַן, איז בעסער ווי איר, מיט אַזאַ מאַן ווי ער.

די אָנקומענדיגע נאַכט האָט אים געוויקלט אין אומעט. זיין גאַר־ניטער הענגט אויף אים ווי אַ זאַק. ער קוקט נאָך מיט קנאה די איילנ־דיגע סעילס־לייט, וועלכע גייען אַרויס פון די געשעפטן נעט־געקליידט, און איילן זיך געוויס אַהיים. ער האָט זיך שוין עטלעכע מאָל אָנגעקוקט אין שפּיגל־ווענט פון די געשעפטן. אפשר זעט ער אויס מאָדנע, וואָס אַלע גיבן אים דעמזעלבן ענטפער: „ניטאָ קיין אַרבעט". ער דערמאָנט זיך אין די צייטונג־נייעס וועגן די מיליאָנען, וועלכע זיינען אָן אַרבעט פונקט ווי ער. וואו זיינען זיי אַלע? — קלערט ער, — ער וואָלט זיך וועלן באַקאָנען מיט זיי.

דער גרוילעכער אָוונט בעט זיך ביי אים: גיי אַהיים.

עס ווייזט זיך אים אויס, אַז ער הערט זיינע קינדער'ס קול'כלעך. אָבער ער ווייסט: וויט־וויט איז זיין היים פון אים.

אין די פענסטער פון דעם אַלטן גראָען הויז האָבן פיר קעפּ אַרויס־געקוקט מיט פינקלענדיגע דערוואַרטנדיגע אויגן. די בלאַסע פּנים'ער און בלאַנדע לאָקן פון זיינע פיר ליבסטע האָבן אים אויסגעזען, ווי בלומען ערגעץ אויף אַ מיסט־פעלד, וועלכע רייסן זיך צו דער זון און ער, דער טאַטע זייערער, איז דאָס די זון.

הע, מ'וואַרט אויף אים. זי, מערי, אויך, — איז אים פריילעכער געוואָרן. ער האָט אָבער די האַנט ניט געהויבן זיי צו באַגריסן, ווי ער פלעגט עס טאָן אַלעמאָל — ווייל זיין ווייב איז דאָרט געזעסן. ער האָט זיין ווייב איצט געהאַסט, און דאָך רחמנות געהאַט אויף איר. זי זיצט אַזוי און וואַרט אויף אים, אויף דעם „גוד פאַר נאַטינג", וועמען קיינער וויל קיין אַרבעט ניט געבן.

מערי פרימען האָט איבערגעלעבט אַ שרעקלעכן טאָג. אַט האָט איר זייער געקרענקט פאַר דעם שרעקלעך וואָרט, וואָס האָט זיך אַרויס־געכאַפּט פון איר מויל. און אַט האָט עס איר פרייד פאַרשאַפט. זאָל ער טאַקע ניט מיינען, אַז עס איז איר גרינג צו גיין אין רעליף־סטאַנציע נאָך די אָרימע פאַר דאָלער. מ'זאָגט סיי־ווי, אַז ער פוילט זיך אונטער. אַלע אַרבעטלאָזע פוילן זיך אונטער. ס'מאַכט ניט אויס, ס'איז גוט, וואָס זי האָט אים ווייי געטאָן. אָבער ווי דער אָוונט האָט זיך גענומען

אַנרוקן און זי האָט דערזען, אַז ער איז נאָך ניטאָ, האָט עס איר שטאַרק פֿאַרדראָסן: אפשר איז ער אַנטלאָפֿן? אפשר האָט ער זיך דער׳הרג׳עט? ער איז דאָך אַזוי אויך אַרומגעגאַנגען אומעטיג, — האָט די יונגע פֿרוי איבערגעקלערט אַלערליי שרעקלעכע געדאַנקען, און זיך פֿאַרוואָרף געמאַכט פֿאַר איר שלעכטקייט צו איר אַרבעטלאָזן מאַן, צו איר העראָלד׳ן.

זינט זייער הייראַט האָט דאָס פֿאָר־פֿאָלק ניט פֿאַרבראַכט אַזאַ ליבלעכן אָוונט צוזאַמען. דער טונקל־גרינער ווייכער שטול, וואָס די מוטער אירע האָט איר אָוועקגעשאָנקען, זינט מען האָט ביי זיי צוגענומען די געבאָרגטע מעבל, האָט מערי׳ן דערמאָנט אָן גליקלעכע אָוונטן. זי איז געזעסן ביי איר מאַן אויף די קני און געפּרוווט גוטמאַכן איר טעות. זי האָט אַפילו פֿאַר אים אָפּגעבאַקן אַ „פּאַי” פֿון עפּל, וועלכן ער האָט אַזוי ליב. זיי האָבן דאָס איצט געגעסן, פֿאַרזופּנדיג קאַווע, גאָר ווי אין די אַלטע צייטן.

אָבער איר העראָלד האָט אַלץ ניט געקענט פֿאַרגעסן. ער — אַזוי געזונט, אַזוי יונג, און דאָך אָן נוצן. זיין מערי האָט דאָך געקענט חתונה האָבן מיט אַ רייכן יונגנמאַן. האָט ער גענומען פּלאַנעווען אַביסל גליק פֿאַר איר דורך זיין אָפּוועזנהייט.

— מערי האָני, איך האָב אַ פּלאַן, — איז ער פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען, — לאָמיר זיך צעשיידן אויף אַ שטיקל צייט. יעס, צוליב די קינדער.

— צעשיידן? — האָט אים זיין ווייב אַרומגעכאַפּט.

אים איז פֿריילעכער געוואָרן פֿון איר שרעק פֿאַר זיין וואָרט. און נאָך שטאַרקער האָט ער געוואָלט טאָן וועגר ווייסט וואָס, אַבי זיין פֿרוי און קינדער זאָלן ניט ליידן קיין הונגער:

— איך מיין ניט קיין שלעכטס, האָני, איך מיין, אַז ביז איך וועל קריגן אַרבעט, וועט מען מוזן אונטערבלאָפֿן. אַלע בלאָפֿן. איך וועל זיך ניט ווייזן אין דער היים, און דו לאָז וויסן דער רעליף־פֿרוי, אַז איך בין ניטאָ, פֿאַרשוואונדן און שוין. דו האָסט ניט קיין מאַן.

זיין ווייב האָט אים אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן. זיין פֿאַרענדערטער אויסזען זינט היינט פֿרי, זיין פֿרייד מיט איר גוט זיין צו אים, האָט זי פֿאַרזיכערט, אַז קיינער, אַחוץ דער טויט, קאָן זיי ניט צעשיידן. איר ליבשאַפֿט צו אים, איר פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאַר איר ווי־טאָן אים, האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז קיינער, אַ חוץ דער טויט, קען זיי ניט צעשיידן. האָבן זיי זיך אָנגעקוקט, זיך צעלאַכט, און זי האָט געזאָגט: „יעס, מיר וועלן זיך צעשיידן פֿאַר „פֿאַן”.

— האָני באָנטש, ס׳איז אַזוי ווי אין די מואוויס. אָבער וואו וועסטו זיין? — האָט זי קינדעריש־נייגעריג אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן.

— איך וועל ניט פאַרפאַלן גיין. איך וועל קומען שפּעט ביינאַכט, און אַוועקגיין גאָר־גאָר פרי. און ווען עס איז וואַרעם — קען איך אי־בערשלאָפן אין פּאַרק.

דער פּלאַן איז איר געפעלן — עד מ'דאַרף טאָן ווי אַ סך טוען. אָ, זי קען איינעגע, וועלכע אַרבעטן אַפילו אונטער און נעמען רעליף.

זי הערט זיך געגנוג אָן, זינט זי גייט אַהין נאָך הילף.

די רעליף־אָנגעשטעלטע, אַ דאַר, עלטער מיידל, מענעריש גע־שוירן, רעדט זייער ווייניג און טוט זיך זעלטן אַ קרים, מעג זי ווער ווייס וויפיל צרות אויסהערן אַ טאָג. זי האָט זיך גאָרניט געערגערט, ווען מערי פּרימען האָט איר טרויעריג דערציילט:

— שוין אַ וואָך צייט און ניטאָ אים. מיין מאַן איז פאַרשוואונדן.

— אָ, וועל, וואָלסט בלויז אָנגעלעבט נאָך אַ קינד מיט אים, — האָט דאָס אַלטע מיידל געטרייסט מערי'ן, שרייבנדיג איר שפּייז־צעטל. אָנשטאָט ניין דאָלער פאַר צוויי וואָכן, האָט זי אַרונטערגענומען צוויי דאָלער, זאָגנדיג קלוג און געלאַסן:

— איצט, מיסעס פּרימען, קענסטו אויסקומען מיט ווייניגער. דיין מאַן דאַרף דאָך ניט עסן ביי דיר.

מערי'ן האָט אַ זעץ געטאָן אין האַרצן. הערסט אַ מעשה? נאָך ווייניגער! ס'האָט זיך גאָר ניט געלוינט.

די אָנגעשטעלטע האָט דערזען איר צער און זי געטרייסט:

— מ'וועט מוזן אויסמאַכן פאַפירן צום שטאַט, אַהין, וואו מ'העלפט פאַטערלאָזע קינדער, אויב דיין מאַן וועט זיך ניט אָפּרופן.

אַלע אין גאַס האָבן שוין געוואוסט, אַז מר. פּרימען איז ניטאָ. פאַר־שיידענע קלאַנגען האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן. דער האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך דערטרונקען; יענער האָט געגלויבט, אַז ער איז אַנט־לאָפן מיט אַ צווייטער. און ווער עס האָט געקענט, האָט זיי, די פיר עלנטע, מיט עפּעס געהאָלפן.

שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע שכנים שלאָפן שוין, גנב'עט זיך אָפּטמאָל אַריין פּרימען צו זיין פרוי. זי וואַרט שוין אויף אים. ער קושט־אָן די שלאָפנדיגע קינדער. אויך פאַר זיי מוז עס זיין אַ סוד. אַ קינד קען זיך אויסריידן. און איידער דער הימל ברעכט זיך אויף טאָג, מוז דער מאַן ניט ווערן. אַ שכנה קען אים נאָך דערהערן אַרונטערגיין די טרעפּ. מ'האָט מערי'ן שוין געפרעגט אַ פּאָר מאָל, ווער עס איז דער מאַן, וואָס איין שכנה האָט געזאָגט, אַז זי האָט אים געזען אַרויסגיין אינמיטן נאַכט פון דער מיסעס פּרימענ'ס הויז.

פירן זיי זייער ליבע געהיים. איצט קריגט זי דירה־געלט, אויך מילך פאַר די קינדער. זי ציטערט נאָר, עמיצער זאָל ניט באַמערקן

איר מאַן, ווי ער גייט אַרויס באַגינען, ווי זיי קושן זיך אין האָל.

און ער — מיסטער פרימען? ער שפּאַנט גאַס־אויס גאַס־איין, פון שאַפּ צו געשעפט, זוכט און זוכט אַרבעט, אַז עס זאָל שוין נעמען אַן ענ־דע צום שפּיל.

— עך, — טראַכט ער, — ס'איז שווער צו פירן די געהיימע ליבע. ער וואָלט שוין גערן דערלעבן די שעה, ווען ער וועט קענען זען זיינע קינדער וואַכע. דערווייל פירן מאַן און ווייב אַ געהיימע ליבע — צוליב אַביסל מער רעליף.

מיין מאַמע

(צום אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־טאָג)

אַ שווער לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיין מאַמען, ווען מיר, אירע קינדער, זיינען אַריין אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. טויזנטער אידישע טאַטעס און מאַמעס האָבן איבערגעלעבט דאָס זעלביגע. אַ קלייניגקייט — אַ שניידערל, אַ שוסטערל זאָל וואָגן זאָגן:

— מיר ווילן אַרונטערוואַרפן דעם צאַר! — „מיר" — פלעגן די טאַטעס און מאַמעס האָבן פון וועמען צו לאַכן:

— קוק אים נאָר אָן — ער׳ט אַרונטערוואַרפן דעם צאַר!

אונזער מאַמע האָט פון אונז ניט געלאַכט, זי האָט נאָר געציטערט איבער די קינדער. זי האָט געקענט טראָגן אירע מיידלעך אַ גלעזל טיי אין פאַבריק, אָדער אַ גלאָז מילך. זי איז צו דרייסיג יאָר געוואָרן אַן אַלמנה און אַזוי אָפּגעמאַטערט זיך איר לעבן. און דאָ גייען אירע מייד־לעך גאָר אַוועק ביז שפעט אין דער נאַכט צו רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמ־לונגען. איינמאָל איז זי זיך אַוועק באַקלאָגן אויף אונז צו ציטראָנ׳ען, וועלכער איז געווען מיין פאָטער׳ס אַ חבר. ציטראָן, אַ לערער, אַ שטאָט־פאַרזאָרגער (ער איז מיט אַ פאַר יאָר צוריק געשטאָרבן אין ווילנע) האָט אונז אויסגעפּערעגט פאַרוואָס מיר שאָנעווען ניט דער מאַמען:

— אַז אייער טאַטע וואָלט געלעבט, קען זיין, אַז ער וואָלט געווען ווי איר. אָבער אייער שוואַכע, אָרימע מאַמע?

דערנאָך האָט דער מאַמען אַליין פאַרדראָסן פאַרוואָס זי האָט אונז פאַר׳מסר׳ט פאַר ציטראָנ׳ען.

ביסלעכווייז האָט זי געמאַכט שלום, מער אָדער ווייניגער, מיט אירע נייע ליידן. אויך פאַר איר האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. אין שטוב האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען אינטעליגענטע מענטשן. מיר האָבן זיך דערלערנט אָנשרייבן אַ בריוול אָט פון די אינטעליגענטע רייכע טעכטער, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן חבר׳ן מיט אונז. פלעגט זי שוין אַליין אַרויסהעלפן. יעדעס מאָל וואָס אַ פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען, איז זי גאָר געוואָרן אויפגעלעבט, צוגעקליבן דעם צימער אונטער־קרעכצנדיג, אונטערזיפצנדיג און דערנאָך — שטיל תפילה טאָן פאַר

די קינדער אירע און פּאָר אַנדערע טאַטע־מאַמע׳ס קינדער, אַז עס זאָל זיי קיין בייז ניט געשען.

צוגעקליבן די קאַמער, גרייט געמאַכט פאַר דער פאַרזאַמלונג, פלעגט זי אַריינגיין צו ציפּע־ריווע׳ן, יענע זאָל זיצן און ריידן מיט איר ביז די פאַרזאַמלונג וועט אַריבער. ווייל ציפּע־ריווע האָט האָלד געהאַט צו קוקן וואו מ׳באַדאַרף ניט און ריידן אַ סך. די מאַמע פלעגט זיך אָפּט אַוועקזעצן אין אַ ווינקעלע ווען די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אונזער הויז, זיצן דאָרט און ציטערן. אָט האָט איר מויל אַ ציטער געטאָן; אָט האָבן אירע אויערן זיך פאַרשפּיצט צום טיר, אפשר גייט ווער? אפשר אַ געפאַר? אָבער פון טיר איז זי ניט אָפּגעטראָטן. אַלע חברים האָט זי געקענט ביים נאָמען. אָפּט האָט זי אָפּגעקאָכט באָב, געמאַכט טיי, אַלץ ציטערנדיג און מיט אַ שטילער תפילה אויף די דינע ליפּן.

נעכט איז זי אָפּגעזעסן לעבן פענצטער און געוואַרט אויף אונז. איר קליינער קערפּער איז נאָך קלענער געוואָרן. אירע גרויסע אויגן זיינען דאַן געווען ווי ביי אַ מוטער־קאַץ (ניט צוגעגליכן), ווען זי ליגט מיט קליינע קעצעלעך און דערשמעקט ערגעץ אַ הונט.

— קינדער, פלעגט זי זיך בעטן, זאָלן בעסער אַלע „סכאָדקעס” זיין ביי מיר אין שטוב, וועל איך שטיין לעבן טויער און היטן. און אַז איך וועל היטן, האָף איך צו גאָט, אַז עס וועט קיינעם גאָרניט געשען.

און זי פלעגט טאַקע היטן. שטיין אַזוי איינגעהילט אין איר דיקער טוך הינטערן טויער און אַרויסקוקן מיט די אייביגע, אייביגע מאַמע־אויגן.

נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע, ווען די רעאַקציע האָט זיך צעבושעוועט, איז אונזער הויז געווען דער פּלאַץ, וואו מ׳פלעגט זיך באַהאַלטן. פון איין זייט פענצטער איז געווען אַ פּאַרקן און ווען מ׳איז אַרויסגעשפּרונגען און אַריבער דעם פּאַרקן, איז מען געווען אין אַ צווייטער גאַס.

די קאַמער איז געווען פול. קיינער האָט ניט געאַרבעט. אַ סך האָבן זיך ניט געטאָרט ווייזן אין זייער היים. געווען אַזוינע, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן אין צייט פון דער „קאָנסטיטוציע” און מ׳האָט זיי צוריק געזוכט צו אַרעסטירן.

פלעגט די מאַמע אַרויסגיין אין מאַרק און צוריקקומען מיט קאַרטאָפל, מיט הערינג און עס פלעגט ווערן לעבעדיג.

איין טאָג איז די מאַמע אַריינגעלאָפן אַ פאַרמאַטערטע מיט איר האַנט אויפן ברוסט און אויסגערופן:

— קאָזאַקן! קינדער! אונזער הויף איז אַרומגערינגלט.

אַ סך זיינען זיך צעלאָפן דורכן פענצטער און איבערן פּאַרקאַן. מיר

האָבן אַרויסגעקוקט דורכן טיר און דערזען, ווי אַזוי אַ זשאַנדאַר מיט באַ־דינער גייט פון שטוב צו שטוב. עס הערט זיך אַ געשריי, אַ געוויין, און די מאַמע גייט אום איבערן קאַמער, זי ברעכט אירע הענט און קוקט אויף אונז מיט גרויס שרעק און געבעט. פּלוצלונג רופט זי אויס:

— קינדער, טעכטער מיינע! איר מוזט מיר אַלץ געבן, וואָס איר האָט אין שטוב! איך וועל מיט זיי אַרויסגיין, אַנטלויפן. גיכער ראַטע־וועט זיך; ראַטעוועט מיך! אַנטלויפט! קאַזאַקן!

איך און די שוועסטער זיינען געזעסן ווי פּאַראורטיילטע צום טויט. און אָט־אָט קומען זיי. עס הערן זיך אַפילו זייערע שפּאָרן.

— וואוהין לויפט מען? מ׳קען דאָך דאָ ניט איבערלאָזן די מאַמע מיט די ניט־לעגאַלע זאַכן, וואָס מיר פאַרמאָגן אין שטוב.

פּלוצלונג האָט די מאַמע צוגעשלעפּט דעם טיש צו אַ וואַנט, וואָס פירט צום בוידעם און גענומען קלעטערן אַהין. פלינק איז זי געוואָרן ווי אַ טיגערין, ווען אירע קינדער זיינען געווען אין געפאַר: לאָזט מיך, איך ווייס וואָס אויבן טוט זיך, וויי צו מיר.

— מאַמע, וואוהין קריכסטו? וואָס זוכסטו? — האָבן מיר זי גע־בעטן. — מ׳קען ניט דורכגיין דעם הויף. קום אַרונטער!

— איך ווייס וואו דאָס ליגט און וואָס אויבן געפינט זיך, — האָט זי אַרונטערגעשריגן פון בוידעם.

עטלעכע מינוט שפּעטער איז זי שוין געקראָכן פון בוידעם מיט אַ פולן קאָרב ביכער, פּראָקלאַמאַציעס און אַזאַ שווערע גראָבע מיט טינט איינגעווייקטע שטיק שוואָם, וואָס מ׳האָט גענוצט פאַר שריפטן.

— מאַמע, וואוהין גייסטו? — האָבן מיר זיך געשטעלט אין טיר. אירע באַקן האָבן געפלאַמט. אירע הענט האָבן געציטערט, ווען זי האָט די אַלע זאַכן צוגעדעקט מיט אַ טישטוך און מיט נאָך אַ טישטוך, אויבן אַרויפגעלייגט בייגל, קיכעלעך, אויפגעהויבן די הענט צו גאָט, פאַר־ריכט דאָס טיכל אויפן קאָפּ און אַרויס.

איך מיט מיין שוועסטער זיינען געבליבן געפּלעפּטע. אונזער פּרוואוו זי צו פאַרהאַלטן האָט ניט געהאָלפן.

— איך וועל גיין מיט דער מאַמען, — האָב איך זיך געבעטן.

— ניין, איך וועל גיין מיט דער מאַמען, — האָט מיין שוועסטער נחמה מיך אָפּגעשטופּט פון דער טיר.

— ניין, קינדער, איר וועט ניט אַרויס פון שטוב! — האָט די מאַ־מע זיך געשטעלט מיטן רוקן צום טיר. — אין שטוב בלייבט!

אין אַ שעה אַרום איז זי געקומען צו לויפן. געווישט אירע אויגן, געצופּט די ברעגן פון איר טיכל. איר קאָרב איז געווען ליידיג, די קאַ־מער איז געווען איבערגעקערט פון די קאַזאַקן. און מיר זיינען אויך

נאָר וואָס געקומען פון אונזער באַהעלטעניש. די מאַמע האָט דערציילט:

— איך גיי אַזוי אַרויס מיטן קאָרב „טריף־פסול״, דאָס האַרץ קלאַפּט ביי מיר ווי חיים קאָוואַל׳ס האַמער. דער טויער איז אַרומגערינגלט מיט טויזנטער, מיליאָנען מערדער. קלער איך: אייער טויטער טאַטע זאָל מיר העלפן דורכגיין די מערדער. בויגט זיך ניט איין אַ קאָזאַק, בויגט זיך, אַ נכפה אויף אים, אַרונטער פון פערד, און טוט אַ פרעג:

— וואָס פאַרקויפסטו, זשידאָווקע?

— איז פאַלט מיר איין גלייך אַ דערלאַנג טאָן דעם קאָזאַק די קאָרב מיטן „טריף־פסול״, מיט די בייגל און קיכלעך, און לאָזן זיך לויפן. האָט מיר מיין האַרץ דערמאָנט, אַז אַ קאָזאַק קען גיכער לויפן מיטן פערד ווי איך. זאָג איך אים:

— בייגל פאַרקויף איך, — און טו אים אַ דערלאַנג אַלע בייגל.

— נאַ, זאָג איך, האָב זיי אומזיסט, — און לאָז זיך לויפן.

— וואו ביזטו געלאָפן, מאַמע? וואו האָסטו די זאַכן פאַרטאַכלעוועט? — פרעגן מיר זי.

— אַ דאגה וואו, — רעדט שוין אונזער ליבע מאַמע מיט אַ גליקלעכן שמייכל איבער איר אויסגעזאָרגטן פנים. — אין דער ווייבערשער שול האָב איך דאָס באַהאַלטן. ביינאַכט וועט מען דאָס מוזן ערגעץ באַשטאַטן.

איך און די שוועסטער האָבן געקוקט אויף אונזער מאַמען, ווי אַזוי זי האָט אַלץ צונויפגענומען, אויפגעהויבן פון דער ערד די קישנס, וועלכע די קאַזאַקן האָבן צעוואָרפן, און זיך געפילט קליין אַנטקעגן איר. זי האָט זיך קיינמאָל ניט באַרימט מיט איר טאַט. נאָר איצט, ביים אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־טאָג, דערמאָן איך זיך אָן מיין טויטער מאַמען און איך טראַכט וועגן טויזנטער אַזעלכע מאַמעס ווי זי, שטילע העלדן, וואָס קיינער ווייס ניט פון זיי, אָט־די מאַמעס, וועלכע האָבן געהאָלפן פאַרזייען דעם גליקלעכן היינט און דעם נאָך גליקלעכן מאָרגן.

זאָל זיך אייך דאַכטן, אַז איך בין אייער זון

אַז אַ מאַמע זאָל אָפּהיטן די בעט פון איר זון, וועלכער איז אומגעקומען אין דער מלחמה, איז פאַר קיינעם ניט קיין וואונדער, אָבער נאָך וואָס זי גייט דריי מאָל אַ טאָג צו דער באַן־סטאַנציע, דאָס האָט איר אייגענער מאַן אַפילו ניט געקענט פאַרשטיין. איר מאָדנע אויפפירונג האָט אים געשראָקן. יעדן פרימאָרגן פלעגט זי אַריין אין זונ'ס צימער און באַטראַכטן די ליידיגע בעט. אין קישן איז נאָך געווען אַ גרוב פון זונ'ס קאָפּ, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן. זי האָט יענעם פרימאָרגן ניט געהאַט קיין צייט צו פאַרבעטן די בעט. אַפילו דער שטויב איז איר טייער, און זי לאָזט עס ליגן.

זי שטייט אַזוי אַ ווײַלע, זיפצט ניט, וויינט ניט, ווי ס'וואָלט גאָרניט געשען, נאָר זי נעמט זיך דערמאָנען די אַלע געוואוינהייטן פון איר זון. זי שמייכלט צו זיך, און ווען איר מאַן כאַפּט זי שטיין אַזוי אין צימער, ווערט ער בלאַס, דערשראָקן. ער נעמט אָן איר דאַרן אָרעם און פירט זי אַרויס. ערשט דאַמאָלסט נעמט זי וויינען, קערט זיך האַסטיג אָפּ פון אים און פאַרשליסט פאָרזיכטיג די טיר פון צימער, ווי דאָרט וואָלט געלעגן דער אויסבאַהאַלטענער זון אירער, וועמען דער שונא זוכט און וויל אים טויטן. דערנאָך טוט זי זיך ווידער אָן און גייט ווי געוויינטלעך אין באַן־סטאַנציע, זעצט זיך אַוועק און וואַרט.

די אַלטע פרוי, וואָס פאַרקויפט די זיסע זאַכן, קען זי שוין. די מאַמע מיט די זוכנדיגע אויגן — אַזוי הייסט ביי איר די מוטער, וואָס זיצט אָפּ שעה'ן לאַנג און וואַרט טאָמער וועט זיך איר זון אומקערן. די גרויע פרוי, וואָס האַלט דעם בופעט אין סטאַנציע, קלייבט פאַר איר אויס אויסשניטן פון צייטונגען, וואו עס דערציילט זיך, ווי דער און יענער זון האָט זיך אומגעקערט אַהיים נאָכדעם ווי מ'האָט שוין אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז ער וועט זיך ווען אָפּזוכן. די מאַמע הערט זיך צו מיט ווייניג איבערראַשונג. זי ווייסט ידען ניט, אַז איר זון לעבט? איר מזיק וועט זיך דען לאָזן פון אימעצן כאַפּן? געדענקט זי דען ניט, ווי ער פלעגט קענען אַריבערשפּרינגען איבער אַ ברענענדיגן באַרג האָלץ, ווי גיך ער האָט געקאָנט לויפן! אַזוי פלעגט זי טראַכטן און הערן ווי די אַלטע פרוי האָט פאַר איר געלייענט וואָס עס האָט געטראָפן מיט שוין לאַנגבאַווייַנטע זין — ווי אין איין שיינעם פרימאָרגן האָבן זיי אויפגעפּראַלט

די טירן און אַריין צו זייערע טאַטע־מאַמעס.

די אויפזעער אין סטאַנציע האָבן זי שוין געקענט, און ווי זיי פלעגן צוגיין נאָענט צו איר פלעגט זי אַ פרעג טאָן: בין איך אייך אין וועג?

— ניין, ניין, — איז אַלעמאָל געווען דער ענטפער פון די מענער, וואָס קערן דעם דיל, — זיץ, זיץ, מוטער, גאָט איז מיט דיר! — און אַלע האָבן געוואוסט, אַז איר זון איז שוין טויט מער ווי אַ יאָר, און זי הערט אַלץ ניט אויף צו וואַרטן, אפשר וועט ער פאָרט קומען. יעדן טאָג קומט זי, קומט פרי און גייט אַהיים שפעט.

אַלע ווײַלע זײַנען אָנגעקומען מענגעס סאָלדאַטן און מאַטראָסן. אין די הענט שווערע זעק און טשעמאָדאַנעס; די פּנים׳ער פאַרברענט פון זון און ווינט, די אויגן פול מיט שטויב. זיי זײַנען אָנגעקומען אין גרופּן און פלוצלונג צעלאָפן זיך ווי פאַרשפּאַרטע טויבן, ווען מ׳טוט פלוצלונג אָן עפן אויף דאָס טירל פון זייער געפענגעניש.

דאַמאָלס טוט די מאַמע זיך האַסטיג אַ הויב אויף און נעמט דורכ־לויפן די גרופּעס אײַלנדיגע סאָלדאַטן. אירע אויגן — צוויי שטיקער פײַער. זי יאָגט זיי דורך די פאַרזאַמלטע, קוקט אין אַלעמענס פּנים׳ער, באַטראַכט די בילדער, וואָס מ׳קען זען די יאָרן אין באַן־סטאַנציעס. דאָ קושט זיך אַ מאַמע מיט אַ זון, אײַנגעקלאַמערט אײנס אין צווייטן, און מ׳זעט בלויז אַרויס די קעפּ אויף די פּלייצעס; און דאָרטן — אַ חתן מיט אַ כלה . . . די סטאַנציע איז געפּאַקט, און זי איז אינמיטן. זי פּלאָנטערט זיך יעדן אונטער די פיס, כאַפּט אַ זעץ אין זייט, אין רוקן, אָבער זי פילט ניט דעם ווייטאָג.

שפּעט בײַנאַכט גייט זי אַהיים, שלאָפט איבער אַ פּאָר שעה און גייט ווידער אַהין, וואו זי האָפט צו טרעפן איר אײנציג קינד . . . און דער מאַן שווײַגט. ער זאָגט ניט קיין וואָרט. ער ווערט גרויער, שטילער. ער האָט זיך אויך אָפּגעלערנט פון איר — קוקן גלאָט אַזוי דורכן פענצ־טער. קוקן און קוקן.

איין טאָג, ווען זי איז אַזוי געזעסן אין סטאַנציע אויף דער באַנק און זיך צוגעהערט ווי די באַנען קלאַפּן אויס דאָס שענסטע ליד, דאָס ליד, וואָס מיינט „מיר קומען! מיר קומען! מיר קומען!", זעט זי אָן אַ זייט, ווי עס שטייען אַ טשעמאָדאַן און אַ זאַק . . . דער סאָלדאַט איז מסתמא אויף אַ ווײַל אָפּגעטראָטן. איז זי גיך צוגעקומען און זיך גע־שטעלט זיי היטן. פּעק אָן אַ סאָלדאַט, האָט זי זיך געוואונדערט. און גלײַך האָט זי דערפילט, אַז די פּעק זײַנען אירע . . . יע, אירע פּעק. זי האָט זיי אָפּגערוקט, אַז זיי זאָלן קײנעם ניט זײַן אין וועג. זי האָט זיי אָנגערירט מיטן פוס, ווי זי וואָלט געוואָלט דערפילן וואָס אינעווייניג טוט זיך. זי האָט געגנישטערט מיט אירע גרויסע, צעשראָקענע אויגן,

פּרובירט טרעפן וועמען עס געהערן די פּעק, ביז אַ יונגער מאַטראָס איז אַרויס פון אַ טעלעפאָן־שטיבל. ער האָט זיך געווישט דעם ברודנעם שווייס פון זיין יונגן פּנים און מיט גרויס איבערראַשונג געקוקט אויף דער פרוי, וואָס איז געשטאַנען ווי זיינע אַ מאַמע און געהיט זיין אייגנ־טום.

— איך האָב געמיינט ס׳איז מיין זון׳ס זעק . . . גאָט איז דאָך אַ גוטער . . . איך זע זעק ליגן זיך איינינקע אַליין, אָן קיינעם ניט, היט איך די זעק, — האָט די פאַרצווייפלטע מוטער געשטאַמלט און געקוקט מיט גרויסע טרוקענע אויגן אויפן יונגינקן מאַטראָסל.

דער מאַטראָס האָט זי אָפּגעמאָסטן, געביסן זיין ליפּ און געשוויגן.

— און דיין מאַמע קומט דיך ניט איבערנעמען, האַ? דיין מאַמע איז קראַנק, צי פאַרשפּעטיגט? — האָט זי זיך געוואונדערט.

— נישטאָ קיין מאַמע, — האָט ער קורץ געענטפערט.

— נישטאָ דיין מאַמע! ווי איז מיר! — האָט זי אויסגעשריען און אַ הויב געטאָן ביידע שווערע פּעק, ווי זיי וואָלטן געווען פון פּוך, גענומען מיט זיי איילן דורך דער סטאַנציע און דער מאַטראָס איז איר נאָכגעלאָפן. די אויפפּאַסער פון סטאַנציע און די פרוי פון „סטענד" האָבן פאַרגעסן זייערע פליכטן און געווישט מיט טיכעלעך די פייכטע אויגן.

— ס׳איז איר זון! איר זון! — האָבן זיי זיך דערפרייט. — גאָט האָט איר געהאָלפן! — האָבן די מענטשן גערעדט, בעת זי האָט גע־שטופּט די צוויי פּעק אין דער ערשטער טעקסי, וואָס זי האָט געטראָפן.

דער יונגער מאַטראָס איז איר נאָכגעגאַנגען ווי זיין אייגענער מאַ־מען, און זיצנדיג אין טעקסי האָט ער דער ערשטער אָנגעהויבן:

— ניטאָ וואו איבערצונעכטיגן, געררופן אַלע האָטעלן. מיין מאַמע איז שוין טויט אַ יאָר צען, און מיין טאַטע איז מיר פאַרפאַלן געוואָרן אין דער מלחמה.

די אידישע מאַמע האָט קיין וואָרט ניט געהערט וואָס ער האָט גערעדט, נאָר געקוקט אויף די ברוינע פּעק און גערעדט האַלב צו זיך און האַלב צו אים:

— איך זע פּעק ליגן היט איך זיי צו.

ס׳איז שוין געווען באַלד פאַרטאָג, ווען דער מאַן אירער איז צו־געפאַלן צו דער טיר, ווען ער האָט דערהערט צוויי שטימען און שווערע טריט. אָבער די מאַמע איז אים אַנטקעגנגעלאָפן. אירע אויגן האָבן אָנגענומען גאָר אַן אַנדער גלאַנץ, די ווינקלען פון מויל האָבן קינדעריש געלאַכט, ווי פון איינעם, וואָס האָט נאָר־וואָס געפונען עפּעס, וואָס ער האָט אַ לאַנגע צייט געזוכט.

— ס'איז ניט אונזער מילטאָן, נאָר פּונקט ווי ער . . . אַ לאָק פּאַלט אויף זיין שטערן, ניט קיין שוואַרצער, נאָר אַ בלאָנדער. מיר וועלן אים האַלטן מיט אונז . . . ער'ט שלאָפן אין מילטאָנ'ס בעט . . . — האָט זי גערעדט מיט אירע לעצטע קרעפטן.

דער יונגער מאַטראָס איז ניט קיין דרייסטער געשטאַנען אַ ווײַלע מיט זיינע צוויי פּעק. ער האָט ניט געוואוסט ווי מ'וועט אים אויפנעמען אין אַט דעם פרעמדן הויז . . . אָבער קיין סך האָט די מוטער ניט גע־דאַרפט רעדן. דער פאָטער פון געפאַלענעם זון האָט אַלץ פאַרשטאַנען צוליב וואָס זי פלעגט גיין אין סטאַנציע. ער האָט דעם עלנטן מאַט־ראָס אַריינגעהאָלפן אין זיין זונ'ס צימער. די פרוי זיינע האָט צום ערשטן מאָל פאַרבעט די בעט מיט אַ קלאָרן איבערצוג. און ווען די זון איז אַרויס און דער יונגער זעלנער האָט באַטראַכט דעם צימער, די קליידער אין אַלמער, די ביכער, דאָס בילד פון אַ יונגן מאַטראָס, איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן. עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער וועט פאַר־נעמען די בעט פון איינעם, וואָס ליגט ערגעץ אויפן דעק פון ים . . .

די מאַמע איז אַריין מיט הייסן פרישטיק. אירע טרוקענע גרויסע אויגן האָבן געפינקלט מיט אַ גלעזערנעם גלאַנץ.

— גוט־מאָרגן, מאָם! — האָט דער יונגער מאַטראָס באַגריסט זיין נייע מאַמע.

— גוט־מאָרגן! גוטמאָרגן! — האָבן אירע ליפּן געציטערט און זי האָט גיך אַראָפּגעשטעלט דאָס טעצל אויפן שטול, ווייל עס האָט גע־ציטערט אין אירע הענט.

— מעיק בעליוו, מאָם, פּליז, מעיק בעליוו, — האָט ער זיך פאַ־נאַנדערגעווייַנט. אָבער אירע אויגן זיינען אַלץ געבליבן גרויסע, גלע־זערנע, טרוקענע. און קוקנדיג אויף זיין גאָלדענעם בונט האָר, וואָס איז געווען אַזוי געדיכט, ווי איר מילטאָנ'ס, האָט זי געענטפערט:

— יעס, יעס, אַי'ל מעיק בעליוו, פאַרוואָס טאָקע ניט?

און דער עלנטער מאַטראָס איז שוין אויף שטענדיג געבליבן מיט זיי . . .

אַ פּאַטער

דער 35־יאָריגער גודמאַן האָט זיך ניט געוואָלט שיידן מיט זיין יונגער פרוי, וועלכע האָט זיך געריכט יעדע מינוט צו ווערן מוטער. ער איז געשטאַנען מיט זיין הוט אין האַנט, די ליפּן האָבן ביי אים געציטערט ווען די נוירס האָט אים באַפוילן:

— גייט אַהיים מיסטער גודמאַן — איר׳ט אָפּרופן.

ער האָט נאַכלעסיג אַרויפגעוואָרפן זיין הוט אויפן קאָפּ און זיך אַראָפּגעבויגן צו זיין פרוי׳ס פּנים. זי איז געלעגן אויף אַ טיש און אַרויפגעשמייכלט צו אים מיט אַן אויסגעקרימט מויל. ער האָט פאַרשאַרט אירע שוואַרצע לאָקן, וואָס זי האָט אַזוי פאַרזיכטיג אויסגעלייגט אויף איר שטערן היינט פאַרטאָג, פאַרן גיין אין שפּיטאָל. ער האָט אָפּגעווישט איר פּייכטן שטערן און קושנדיג זי אין ביידע פאַרמאַכטע אויגן, האָט ער געטראַכט: אפשר וועט זי שטאַרבן? אפשר וועט ער זי מער ניט זען? . . .

די נוירס איז שוין געוואָרן אומגעדולדיג.

„די „אָלד בעטשלאָרס״ ווען זיי דערוואַרטן אַ קינד, מאַכן זיי זיך אַזוי נאַריש״, האָט זי געשמייכלט און געקוקט אויף זיינע עטלעכע גראָע פעדעמלעך, וואָס האָבן אַרויסגעזילבערט פון זיין שוואַרצן קאָפּ האָר.

ער איז געשטאַנען און ניט אַרונטערגענומען פון זיין ווייב די אויגן ביז די עלעוועיטאָר־טיר האָט זיך געעפנט. דער עלעוועיטאָר־פירער, אין ווייסן געקליידט, האָט זיך דין צוגעפּרעסט צום וואַנט, מיט אַ פאַרכאָוועט ריר פון זיינע הענט אָנגענומען דעם ברעג פון ווייכן טיש אויף רעדער, געהאָלפן דער עלטערער נוירס אַריינפירן גודמאַנ׳ס פרוי אין עלעוועיטאָר.

גודמאַן איז געשטאַנען פאַרלאָרן, געוואָלט עפּעס טאָן און ניט געוואוסט וואָס.

ווען די טיר האָט זיך פאַרזיכטיג פאַרמאַכט אַנטקעגן זיין פּנים, האָט ער זיך דערמאָנט ווי איינמאָל, דאָס איז געווען אין פרילינג, האָט ער זיין מיידל געדאַרפט „אויסנעמען״ און געבן איר אַ „גוד־טאַים״. ס׳איז געווען דאָס צווייטע מאָל, ווי זיי האָבן זיך געדאַרפט טרעפן, דאָס איז טאַקע זיין איצטיגע ווייב, וואָס ליגט אויפן טיש. איז ער געלאָפן כאַפּן אַ באַן, כדי זי צו באַגעגענען אין דער באַשטימטער צייט. ער איז

געלאָפֿן, זיך זײער געאײַלט, נאָר װען ער איז צוגעלאָפֿן צום באַן איז די באַן אַנטלאָפֿן.

ער איז אַרומגעגאַנגען אין שפּיטאָל־קאָרידאָר און פֿאַרגעסן דורך װעלכער טיר ער איז אַרײַנגעקומען. אַרום אים איז אַלץ שנײ־װײס, שטיל און עס שמעקט מיט מעדיצין. ער האָט געזוכט די טיר אַרויס־צוגײן, ביז ער האָט דערזען די ריזיגע שויב, װאָס האָט פֿאַרשטעלט די נאַר־װאָס געבאָרענע עופֿה׳לעך. זײ האָבן געשריען, געװאָרפֿן די פּיצ־לעך אברים און אויסגעזען דורכן גרויסן גלאָז, װי װײסינקע קאַטשקעלעך אויף אַ טײַך.

גודמאַן איז געבליבן שטײן לעבן דער ריזיגער שויב, אַרונטערגע־נומען זײן היטל און געדרײט אין די הענט. שוין יאָרן װי ער האָט ניט געזען אַ נאַר־װאָס געבאָרן קינד. ער װאָלט נאָך לאַנג אַזוי געשטאַנען און געקוקט. האָט אים אַ נוירס אַ פֿרעג געטאָן:

— איר האָט דאָ אײער קינד?

ער האָט גאָר ניט געענטפֿערט און איז אַװעקגעגאַנגען, װי אַ פֿאַר־שעמטער אינגל.

ס׳איז געװען זיבן אין דער פֿרי. אַהײם װעט ער ניט גײן. װאָס װעט ער איצטער טאָן אין דער הײם? ער׳ט גײן גלײך אין אָפֿיס אַרײַן, האָט גודמאַן באַשלאָסן.

סטיװ, דער דינער, אַ הױכער אײרישמאַן, האָט אין אָפֿיס געהאַלטן אין צוזאַמענגעמען די ניט־װיכטיקע פּאַפּירן און אַרײַנשיטן אין קאָרב די אַש פֿון ציגאַרעטן. ס׳איז נאָך קײן אַכט אַזײגער ניט געװען װען גודמאַן איז געקומען. סטיװ האָט אָפּגעמאָסטן גודמאַנען מיט אַ בײזן בליק. סטיװ איז פֿול בײזן האַלז פֿון די אַגענטן מיט זײערע מאָנטאָג־דיגע מעשׂיות. אָפֿט קומען זײ טאַקע גלײך פֿון אַ הוליאַנקע אין אָפֿיס אַרײַן. ער װאָלט געקענט אויף אויסװײניק איבערדערצײלן זײערע געפֿעפֿערטע װיצן. אויך מיסטער גודמאַן, דער אידישער בוכהאַלטער, האָט זיך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק גע׳חבר׳ט מיט די אַגענטן און ניט אײנמאָל געקומען פֿאַרהוליעט און מיד זיבן אַזײגער אין אָפֿיס אַרײַן, און אונטערגעדרעמלט אין אַ װינקל אויף אַ שטול.

— סטיװ, דו װײסט פֿאַרװאָס איך בין געקומען אַזוי פֿרי אַהער?

— האָט גודמאַן געװאָלט פֿאַרטרויען דעם אַלטן אײרישמאַן זײן דער־װאַרטעטע פֿרײד, נאָר סטיװ האָט אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט, װי אײנער זאָגט: שוין געהערט אײערע מעשׂיות. שוין געהערט. די אַגענטן האָבן אים איצטער אויסגעזען אַזױנע זינדיגע! אײנער נאָך דעם אַנ־דערן זײנען זײ אַרײַן אין אָפֿיס נעמען זײערע פּאַפּירן און קעסטלעך צי־גאַרן פֿאַר פֿראָבן. זײ זײנען געװען נעט געקלײדט, אַ סך מיט אויסגע־

קראַכענע גלאַנציגע קעפּ, אַ סך מיט גלאַנציגע האָר, ווי פּרעמדע פּאַ־רוקן, זיי האָבן זיך פאַרקליבן אין ווינקעלעך און דערציילט וויצן, שטאַרק געלאַכט און ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס גודמאַן גייט אַן אַ קראַוואַט ?

— סעי, גודמאַן, ווער האָט דיר אויסגעטאָן די טאַי ? — האָט איי־נער אַן עלטערער וואויל־יונגעריש אַ פרעג געטאָן גודמאַנען, די איבע־ריגע האָבן געלאַכט.

גודמאַן האָט געשוויגן. ניין — זיי די חברה וועט ער גאָר ניט דערציילן, אַז זיין ווייב גייט אים איצט צו קינד. ניט זיי. ניין.

ער האָט געקוקט אויפן טעלעפאָן און עפּעס מורא געהאַט אָפּצו־רופן דעם שפּיטאָל. אפשר שלעכטע נייעס ? ווער ווייס . . . ער וועט נאָך וואַרטן אַ ווײַלע, וועט שוין אפשר זיין אַלץ איבערגעקומען.

אין אָפּיס איז שטיל געוואָרן. די אַגענטן זיינען אַוועק און איבער־געלאָזט אַ דינעם גרויען רויך אין קליינעם צימער. טעסי די סעקרע־טאַרשע איז אַריינגעקומען. גודמאַנען איז גוט געוואָרן. טעסי איז יונג און שלאַנק. שטייט זי גלייך, זעט זי אויס ווי אַ סטאַטוע אין אַן אַנגעצויגענעם רויטן זייד פאַרוויקלט.

טעסי׳ן וועט ער אַנזאָגן זיין גרויסע פרייד, זיין גרעסטע דערוואַר־טונג אין לעבן.

— טעסי דאַרלינג — האָט ער אָנגעהויבן בעת דאָס נייַנצניעריג מיידל האָט זיך געצויגן מיט איר מאַנטל אין האַנט אים אויפצוהענגען.

— טעסי, קום אַהער, ווי לאַנג דאַרף דויערן צו האָבן אַ בעיבי ?

טעסי האָט אים אָנגעקוקט און גענומען אַרומפירן אירע הענט אַרום איר טאַליע, דערנאָך האָט זי ווידער אַ קוק געטאָן אויף מיסטער גוד־מאַנען, וועלכן זי האָט גאָר ביז דער מינוט ניט באַמערקט און וועלכער זעט אויס היינט פּרי אַזוי „פאָני״ אָן אַ טאַי און די האָר ניט גוט פאַר־קאַמט.

— כי־כי־כי ! — האָט זי זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, — דו ביזט „קוקו״.

— לאַך ניט, טעסי, קום אַהער, איך האָב דיר עפּעס צו דערציילן, — האָט ער אָנגענומען איר דין הענטל און זי ווי אַ ברודער געצויגן צו זיך.

זי האָט זיך פאַרטראַכט מיט אויגן ווי קאַרשן נאָך אַ רעגן, און אַרויסגעזאָגט :

— אָ, יעס ! — אין דעם אופן ווי ער האָט זי אָנגענומען פאַרן האַנט האָט זי דערפילט, אַז ער איז עפּעס אין אַ פאַרלעגנהייט.

— מיין ווייב איז היינט פאַרטאָג אַוועק אין שפּיטאָל. טע׳זי דיער, —

האָט ער איר זיך פאַרטרויט, אַזוי ווי פאַר אַן עלטערער מומען, — ווי לאַנג נעמט צו האָבן אַ בעיבי? — האָט ער זי ווידער געפרעגט, און זיך געפילט ווי קינדעריש אומבאַהאָלפן.

— מיין מאַמע איז געשטאָרבן, ווען זי האָט געבוירן מיין קלענערן ברודערל, — האָט דאָס יונגע מיידל מיט ווייטאָג אַרויסגערעדט.

— געשטאָרבן? — האָט זיך דער קינפטיגער פאָטער אָפּגערוקט פון טעלעפאָן.

ס'איז געווען אַזוי נאָענט פון זיין אָפיס צום שפּיטאָל, נאָר אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס איז שרעקלעך ווייט. מענטשן שווימען איבער ניו־יאָרקער גאַסן, ווי קאָלירטע כוואַליעס אויפן ים. ווי גיך זיי לויפן! וואו איילן זיי זיך? טראַכט גודמאַן. מילא, ער דאַרף זיך איילן . . . זי זאָל כאָטש ניט געבאָרן אַ מיידל, ווי זיין מומע פריידעלע. יענע האָט געהאַט איין פלייצע העכער, האָט זי ניט געקענט קריגן קיין חתן, און געמוזט צו 25 יאָר חתונה האָבן מיט אַן אַלמן מיט פיר קינדער . . . פאַרוואָס זאָל זי אים ניט געבאָרן אַ זון, ווי פעטער זלמן? . . . יענער איז געווען אַ הויכער, אַ געזונטער, אַ פריילעכער. ער האָט געהאַנדלט מיט וואַלד. ווען ער פלעגט אַהיימקומען, פלעגט ער יעדן קינד מיט־ברענגען אַ מתנה. אַלע אין שטאָט האָבן אים ליב געהאַט . . . אַוודאי וועט זי אים געבאָרן פעטער זלמנ'ען . . . שאַ, ווי וואָלט מען גערופן זלמן אויף ענגליש? זיין ווייב פלעגט אָפליגן שעה'ן לאַנג זונטאָג פרי מיט אים אין בעט און זאָרגן וועגן נעמען פאַר איר קינד. דערמאָנענדיג זיך וועגן די זונטאָג פרימאָרגנס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער הערט נאָך דעם טיק־טאַק, ווי דאָס קלאַפּן פון זיין האַנט־זייגערל, וואָס ער פלעגט הערן ווען ער האָט צוגעלייגט זיין אויער אונטער זיין פרוי'ס האַרצן און אויסגערופן, ווי אַ קליין אינגל בעת ער הערט אַ ניי זייגערל גיין:

— ס'קלאַפּט, איך זאָל אַזוי לעבן, ס'קלאַפּט! . . .

ער איז אַזוי געגאַנגען און גאַרניט באַמערקט, אַז ער איז שוין לעבן שפּיטאָל.

די נוירס — איר האָט ער ניט געקענט פאַרשטיין. עס שטייט לעבן איר אַ פרוי, וואָס קלאָגט און וויינט — מיט אַ אינגלשן מאַנטעלע אין האַנט און פרעגט: — וויפיל אַזייגער איז ער געשטאָרבן? און די נוירס ענטפערט קורץ און קאַלט: — זיבן. עס טוט זיך אַ ריר דאָס האַרץ און ער פרעגט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם: וויפיל אַזייגער איז ער געבאָרן געוואָרן?

די נוירס ענטפערט:

— אַכט אַזייגער, — נאָר ער קאָן נאָך ניט אַריינגיין זען זיין זון.

— איך בין אַ פּאָטער, אַ פּאָטער, אַ פּאָטער, — האָט ער אומגעדולדיק אַרומגעשפּרייזט.

ווידער איז דער פּאָטער געשטאַנען לעבן דער ריזיגער גלעזערנער וואַנט און אַריינגעקוקט, ווי אַזוי די נאַר־וואָס געבאָרענע עופה'לעך צאַפּלען זיך אין די שניי־ווייסע וויגעלעך. ער האָט ווידער געדרייט זיין הוט אין האַנט, און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ראָזעווע קאַטשקעלעך שווימען אויף אַ קלאָרן טייך און קוואַקען: קוואַ־קוואַ־קוואַ.

אַ יונגע נוירס איז צוגעקומען און ווידער געפרעגט:

— איר האָט דאָ אַ קינד?

— יעס מעם, אַ אינגעלע.

ווען ער איז אַריין צו זיין פרוי אין צימער האָט ער גאָר ניט געקאָנט פרעגן, ניט זאָגן, כאָטש זיין גאַנץ לייב און לעבן האָט גערעדט.

בליי

דער אַלטוואַרג־הענדלער האָט זיך געוואָרפן אויף זיין געלעגער אַן אומרואיגער, אַ צעקאָכטער, און אַלע מינוט גערופן זיין ווייב, וועלכע איז זייער געשמאַק געשלאָפן אין צווייטן צימער.

— ליזע, דו הערסט, פאַרברענט זאָלן זיי ווערן! דו הערסט ווי אַזוי מען פאָרעט זיך ביים ביסל בליי?

ווי מייז דערשמעקן קעז, אַזוי דערשמעקן זיי דאָס ביסל סחורה — די באַנדיטן!

ער איז אַרונטער פון בעט, און זיך געשטעלט לעבן פענצטער. אַ קאַלטער, דריבנער רעגן האָט זיך געריסן צו די פאַרהאַקטע שויבן, גע־פייקלט ווי אַרבעס אויף בלעך, און נאָך מער צרות פאַרשאַפט דעם אַלטן מיסטער ראַווין. וואָלט ער זיך כאָטש געקענט צוהערן צו אַ וואָרט, וואָלט ער אימעצן געקענט זען — איז אָבער די נאַכט אַזוי שוואַרץ, אַזוי טומלדיג, ווי געשאַפן ספּעציעל פאַר רויבער. און זי, זיין גראָבע ליזע, ליגט און כראָפּעט, ווי ניט איר זאַך.

די טירן פון זיין אַלטן גאַראַדזש, כאָטש פאַרשלאָסענע, האָבן דאָך געקרעכצט, געמאַכט טומל, געבויגן זיך אונטערן רעגן־שטורעם, און נידעריג איז אומגעפלויגן הין־און־צוריק אַ פלעק ליכטיגקייט פון אַ זוך־ליכט.

נו, דאָס איז עס, מ'רויבט אים צו זיין בלוט, זיין ביטערע האָרעוואַ־ניע. איצטער איז ער צופרידן וואָס זיין ווייב שלאָפט. אַי וואָלט זי געענומען נקמה פון אים. — איזי — פלעגט זי אים בעטן — איזי, פאַר־קויף די ביזנעס, שפּעקוליר ניט, גלייך זיך ניט צו די גרויסע. דו ביסט שוין ניט קיין אינגעלע, וויפיל נאָך? — ער וואָלט אפשר אַליין זען איינשלאָפן . . . פאַרפאַלן. אָדער אפשר וועט גאָט העלפן און זיין איי־דעם וועט אָנפאָרן . . . נו, וועט ער זיי געבן בליי.

דערמאָנט זיך וועגן אײדעם האָט ער שוין ווידער ניט געקענט איינ־דרעמלען. אַי, ווען ניט דער אינגערער איידעם זיינער, וועלכער איז אַריין מיט אים אין די ביזנעס, וואָלט ער שוין לאַנג אויפגעגעבן די אַלט־וואַרג־געשעפטן. נאָך עטלעכע יאָר, און אַ זיבעציגער רוקט זיך אונ־טער, אַ היים האָט ער, אַ פּאָר קאַרס, און געלט באַרע — ניט צו פאַר־זינדיגן, נאָר זינט דער איידעם איז מיט אים געוואָרן פאַרטנערס לאָזט

ער אים ניט אָפּ. אַ ניי לעבן, אַ נייעם מוט, אַ נייעם זין האָט ער אין אים אַריינגעגעבן מיט זיין געלערנטקייט.

אָבער ווי געלערנט דער איידעם זאָל ניט זיין, איז ער אָבער, איזי רובין, נאָך אַלץ דעם איידעמס רעכטע האַנט. בעת'ן אויפקויפן דאָס אַלטוואַרג, שטייט דער איידעם שטיל און דער אַלטער רובין איז דער מבין. ער האָט אַזאַ גראָבן פינגער מיט אַ נאָגל . . . דיק און שאַרף, ווי אַ פאַרזשאַווערט שטיק אייזן, זעט אויס דער פינגער זיינער, דאַרף ער זען וואָס פאַר אַ מין מעטאַל דאָס איז — טוט ער אַ גראַבל דעם ראָסט פון מעטאַל מיט זיין פינגער. זיינע אויגן האַלט ער כמעט פאַרמאַכט. בלויז זייערע דינע בלויע שפּעלטלעך בלאַנקען, נישטערן . . . און לאַנג דאַרף אים ניט נעמען: אַ רייב דעם ראָסט — און ער ווייסט שוין וואָס פאַר אַ פּרייז צו געבן.

יאָ, ביים קויפן פילט זיך דער אַלטער שטענדיג שטאָלץ, וויכטיג, ווען דער איידעם זיינער שטייט לעבן אים אַ שטילער, אַ הילפסלאָזער. אָט דאָס טאַקע האַלט אים צו צו די געשעפטן אויף די עלטערע יאָרן.

דער איידעם ווידער, בעת ער זיצט מיטן שווער אויפן טראָק, קלערט ער אויף דעם אַלטן וואָס עס ווערט געמאַכט פון די אַלע זאַכן, וואָס זיי, די פאַרמיטלער, קויפן אויף און ברענגען צוריק צו די שמעלץ־אויוונס, צו די מילן. איצט פילט ער זיך זייער שטאָלץ, דער אַלטער. אַמאָל פלעגט ער זיך אַ ביסל שעמען מיט אַזאַ „מלאכה", אָבער זינט דער איידעם האָט אים געגומען אויפקלערן, אַז פון לייוונט מאַכט מען גאָר שפּאָגל נייע בריוו־פּאַפּיר, און אַז פון טאַקטור מאַכט מען גאָר צודעק פאַר דעכער, פילט ער זיך שטאָלץ: אַזוי פיל יאָרן פאַרקויפט סחורה און קיינמאָל ניט געוואוסט צו וואָס מ'דאַרף די אַלע טראַנטעס. זיצט ער מיט אַן אָפן מויל און וואונדערט זיך בעת דער איידעם זיינער קלערט אים אויף ווי וויכטיג עס איז זייער אַרבעט.

— אַנדערש ווערט אַלץ ביים פאַרקויפן, בעת זיי ברענגען דאָס אַלטוואַרג צו דער קאָמפּאַניע, וואָס קויפט פון זיי און שיקט עס פאַנאַנ־דער צו די פאַרשיידענע אינדוסטריעס. דעמאָלט איז ער דער „געניטער" דזשאַנקמאַן, איזי ראַווין, הילפלאָז. געוווג האָט ער זיך דאָרט אָנגעליטן איידער ער איז געוואָרן פאַרטנער מיטן איידעם.

— העי, איציקל איז דאָ! — פלעגן יונגע פעדלער אויסרופן אַזוי גיך ווי איזי ראַווין איז אָנגעפאָרן מיט זיין סחורה אין ריזיגן ברוד־הויף.

— ווי לאַנג וועסטו נאָך אַרבעטן, איציק'ל? — פלעגט אַ צווייטער אים געבן אָנצוהערן, אַז ער מעג זיך שוין אָפּרוען, אַז ער האָט שוין געגוג געלט.

— עס פעלט אים נאָך אַ דרייצנטע פּראָספּעריטי, — פלעגט אַ

דריטער אונטערהעלפן אָנציען דעם אַלטן הענדלער.

אין דעם הויף דאָרט, וואו מען ברענגט דאָס אַלטוואַרג, איז פּאַר אים געווען אַן אָפּקומעניש. די יונגען דאָרטן אַזוינע ריזן, ברייט־פּליי־ציגע, פאַרברוינטע, מיט הענט ווי דעמבעס ווען זיי קומען זיך פאַרנאַכט צונויף מיט זייער סחורה ווערט אַ געדודער, מ'הויבט אָן ריידן וועגן פּרייזן, וועגן סחורות. זייערע שטימען זיינען אַזוינע שווערע, שניידנ־דיגע; זייערע פּנים'ער — פאַרברוינטע, ליפּן — צעשפּאָלטן פון ווינט, האָר — וואָל צעשויבערטער. און יעדערער איילט זיך אַהיימגיין, אַהיים — צום ריינעם העמד, און שטיק זייף, אָבער קיינער פאַרגעסט ניט אָנ־צוציען איזי'ן.

ער, איציק ראַווין, קאָן אַ נעם טאָן אַ שטיק אייזן, אַ פּאָכע טאָן, אַז אַלע צוציקעס זאָלן זיך צעפליען. ער איז נאָך גענוג שטאַרק, זיינע הויכע קינבאַקן זיינען מיט אַ טונקעלער הויט באַצויגן, מיט טיפע שפּאַלטן פול מיט ראָסט־שטויב; זיי דערמאָנען, אַז ער לעבט נאָך, אַז ער קען זיך נאָך פאַרמעסטן מיט די צוציקעס ווען עס קומט צו צע־ברעכן אַן אַלטע קאַר. אָבער שלאָגן וועט ער זיך ניט. אַזוי איז עס פריער געווען, איידער דער איידעם איז געוואָרן זיין שותף. איצט בלייבט ער שוין זיצן אין אויטאָמאָביל און דער איידעם איז דער פאַר־קויפער. ער גייט ניט אָנגעטאָן ווי די איבעריגע אין טראַנטעס. ער גייט אין אַ לעדערנעם דזשעקעט און טראָגט אַפילו רינגען אויף די פינגער. און ווען דער אַלטער ראַווין זעט ווי די איבעריגע בלייבן שטיל ווען זיין איידעם קומט אַריין אין הויף, קוועלט ער גאָר אָן.

איצט אָבער איז ער אַליין. מ'ראַבירט זיין בליי און ניטאָ קיינער, און זיין אַלטע שלאָפט אַלץ . . . פּלוצלונג האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן דעם געפיל, וואָס מאַטערט אים זינט דער קריג האָט אויסגעבראָכן אין אייראָפּע. וועגן בליי דאַרף אים זיין איידעם ניט אויפקלערן אויף וואָס עס גייט . . . ער ווייס ברוך־השם אויף וואָס דאָס גייט, האָט ער טאַקע יום־כפור געבעטן ביי גאָט, שטיל אין זיך האָט ער געבעטן:

— אָ, גאָטעניו, שיק מיר צו פּרנסה, אָבער אָן בליי, זאָל פון מיין בליי ניט געמאַכט ווערן קיין קוילן.

דער איידעם ווערט גראָד אַ דערפרייטער, אַז עס מאַכט זיך זיי אַביסל בליי צו קויפן, און ער, ראַווין, דרייט אַוועק זיין קאָפּ און זאָגט:

— קויף דו, קינד, איך קאָן אויף דעם ניט קוקן. אָך, בליי, בליי! אַן אויסכאַפּעניש געוואָרן אויף בליי.

פונדעסטוועגן וועט ער אַרויסגיין זען, ווי גרויס דער היזק איז. ער האָט גענומען אַ זוד־ליכט און אַרויס. אַרום איז געווען פייכט, פינצטער און שטיל. דער ווינט האָט נאָך אַרומגעיאָגט טויטע בלעטער און זיי

זיינען געפלויגן ראַווינ'ען אין פּנים אַריין.

ער האָט זיך צוגעבויגן נידעריג צום גאַראַדזש — אָט איז עס, אַ גרוב האָבן זיי אונטערגעגראָבן, די רויבער. ראַווין האָט אויפגעשלאָסן די טירן און אָפּגעשאָצט זיין היזק: אַלץ איז דאָ: די זעק וואָל, דער אייזן; בלויז דעם בליי האָבן זיי אַוועקגערויבט. עטלעכע שטיקער זיי־נען נאָך געבליבן פון וויטלעך, אונטערן פונדאַמענט. ראַווין האָט די גרוב באַטראַכט, געוואָרפן ליכט אַרום און אַרום, און געמורמלט:

— קליינע גנבים'לעך, מסתמא. ניט געקענט דערגרייכן מיט די קורצע הענטלעך. כי־כי־כי, קליינע רויבערלעך.

אינעווייניג האָט עס אים טיף הנאה געטאָן: פּטור געוואָרן פונם בליי. אָבער דער אידעם, וואָס וועט ע ר זאָגן? אַז עס מאַכט זיך אַביסל בליי, נעמען זיך זיינע הענט טרייסלען פאַר גליק . . .

ראַווין איז אַריין אין שטוב, זיך געלייגט שלאָפן. טיף אין זיין האַרצן האָט ער זיך געטרייסט, אַז עס פאַרדריסט אים ניט אויפן בליי, עס אַרט אים אַפילו קיין האָר ניט. איצט וועט ער קאָנען רואיג אַנט־שלאָפן ווערן . . . ניין, ער זוכט ניט צו מאַכן געלט פון בליי . . . קוילן מאַכט מען דאָך . . . פון בליי . . . און ער האָט איינגעדרעמלט מיטן וואָרט „בליי" אויף די ליפּן.

אויף מאָרגן, גאַנץ פרי, זיינען ביידע ווידער אַרויסגעפאָרן אויפ־קויפן אַלטוואַרג. ראַווין האָט איבערגעטראַכט טויזנט מאָל צי זאָל ער דערציילן דעם איידעם וועגן דער גנבה, צי ניט? ניין, האָט ער דערנאָך פעסט באַשלאָסן — ניט דערציילן, וואָס וויס ער, דער צוציק, וואָס עס טוט זיך אין גאַראַדזש?

אָט פאָרן זיי אַריין אין אַ שמאָלער, פאַרברודיגטער גאָס און עס קומען זיי אַנטקעגן אינגלעך מיט צעפלאַמטע אויגן. מיט גרויס פרייד שרייען זיי זיי אַנטקעגן:

— לעד, מיסטער! יו באַי לעד?

— בליי, פּאַפּ. — איז דער איידעם גיך אַרונטערגעשפּרונגען פון טראָק, און זיך געלאָזן פירן פון די פּאָר אויסגעדאַרטע פאַרבלאַטיגטע אינגלעך.

איציק ראַווין איז געבליבן זיצן אויפן אָרט, און דאָס מאָל ניט גע־גאַנגען אויספּרובירן דעם מעטאַל.

אַז דער איידעם איז צוריקגעקומען מיטן בליי, האָט דער אַלטער ראַווין געשאָקלט מיטן קאָפּ . . . ער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, ווען ער האָט דערקענט, אַז דאָס איז די גע'גנב'עטע סחורה . . . אים קאָן מען ניט נאַרן . . . אָבער מ'דאַרף זען, קלערט ער זיך, אַז מער זאָלן זיי שוין ניט אַרויס'גנב'ענען . . . ער'ט מוזן האַלטן אַ הונט אין גאַראַדזש . . .

ער האָט צוגעהאַלטן די טיר . . .

דער 65־יאָריגער בערל ווילנער איז אַרומגעגאַנגען מיט פאַרלייג־טע הענט אויף הינטן, נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויפן שטיינערנעם מויער און געמורמלט צו זיך :

„היינט וועט עס געשען, בערעלע ווילנער. היינט וועסטו זיי אָפּ־טאָן אויף טערקיש, היינט גייסטו זיך איינער אַליין אַריינגעבן אין מושב־זקנים" . . .

ער האָט געקוקט אויפן אויפשריפט און עס האָט אים עפּעס אַזוי ווי געטאָן — וואָס פאַר אַ טרויעריגער נאָמען ! פאַרוואָס האָט ער דאָס נישט איינגעזען מיט 25 יאָר צוריק, ווען די „האָום" איז געבויט גע־וואָרן ? ער האָט דעמאָלט פאַרמאָגט אַ גרויסן מעבל־געשעפט. זיין הונדערטער איז געווען דער ערשטער. נעמט ער און לאָזט אויפשרייבן פונקט ביים אַריינגאַנג : „מושב־זקנים" — אַ שיינער מושב . . . ער וועט בעסער גיין אויף דער צווייטער זייט. דאָרט איז אָנגעשריבן : „האָום פאַר עידזשד" (היים פאַר אַלטע).

גייט ער אַזוי, קוקט אַרונטער אויף די שטיינער, ווי דאָ אונטן אויפן שטיין וואָלט אַלץ געווען פאַרשריבן. ער מורמלט זיין צער, ער באַ־קלאָגט זיך פאַר דעם שטיינערנעם טראָטואַר און טאַפּט אַלע מינוט אין בוזעם־קעשענע, צי ער האָט דעם קאָנווערט מיט די אינשורענס־פּאַפּירן. און ער לויבט זיין ליבן נאָמען, וואָס ער איז ניט געווען קיין נאַר און זיך כאָטש פאַרזאָרגט מיט דעם.

אַי וועט זיך דאָס אַ קאָפּ אָפּטאָן, אַי וועט מען אים זוכן, זיין רי־וועלע וועט אַרומלויפן פון קינד צו קינד און פרעגן : „דער טאַטע איז ניט געווען ביי אייך ?" אַי וועט זי זיך רייסן ביי די האָר, זיין אידענע, עס וועט איר שוין ניט ליגן אין קאָפּ קיין נאַרישקייטן . . . און אפשר וועט מען אים אַפילו ניט זוכן ? אפשר וועט מען זיין גליקלעך, וואָס מ'איז פון אים פטור געוואָרן ? . . .

ניט צוליב אָרעמקייט אָדער היימלאָזיגקייט האָט בערל ווילנער געוואָלט אָנקומען אין אַ משוב־זקנים. פאַרקערט, ער מיט זיין ריוועין אָדער ריוועלע, ווי ער רופט זי, וואוינען זיך אין דריי וואָרעמע, ליכטי־קע צימערן. זיין זון, וועלכער האָט איבערגענומען זיינע געשעפטן, גיט זיי גענוג צום לעבן. און וואָלטן זיך די קינדער זיינע דערוואוסט, וואָס

זייער פּאָטער פלאַנעוועט איצט, וואָלט עס פּאַר זיי געווען די גרעסטע באַליידיגונג. זיין ווייב שטייט אַצינד און פּילט די גוטע פיש. אויפן אויוון קאָכט זיך אַ יונגע הינדעלע, אָבער אים איז ביטער. זיין ווייב האָט זיך אַריינגעלאָזן מיט דער טאָכטער זייערער. וואו די טאָכטער גייט נעמט זי מיט דער מאַמען — דאָ צו אַ קאָרטן־פּאַרטי, דאָ אַ טעאַטער. ניט אַזוי גלאַט נעמט זי מיט דער מאַמען. פריער ציט זי דער מאַמען אײַן, זעט, אַז די מאַמע זאָל זיך אָנטאָן נאָך דער לעצטער מאָדע, פירט זי אין „ביוטי־פּאַרלאָרס" און ברענגט זי צוריק אַן אַנדער ריווקע.

„געוואַלד, ריווקע, זע נאָר ווי דו זעסט אויס, אַ מיידעלע און פּאַר־טיג! שעמסט דיך גאָר ניט?" טענה'ט בערל צו זיין ווייב.

און ריווקע, זיין ווייב, וואָס איז אין גאַנצן דריי יאָר אינגער פון אים, ענטפערט אים: „וואָס דען, ווי דו, קוים וואָס דו גייסט". זי שטייט אַזוי אַנטקעגן אים, די לאָקן אָנגעדרייטע, די ליפּן אַביסל צוגעפאַרבט, און פרייט זיך. זונטאָג קומט ער גאָר אָפּ. גאַנץ פרי פאָרן שוין די קינדער צו מיט די אויטאָמאָבילן און נאָך איידער ער ענטפערט אויף דער פראַגע צי ער וויל מיטפאָרן, טוט שוין די שנור אַ זאָג: „וואו וועט איר אייך שלעפּן, שוואָר־לעבן? די בעסטע זאַך פּאַר אייך איז צו זיצן אין דער היים". „וואו וועסטו זיך טאַקע ברעכן אַ גאַנצן טאָג אין קאַר?" גיט אים זיין ווייב אָנצוהערעניש און נאָכט נאָך נאָכט גייט זי אַוועק מיט דער טאָכטער.

אַז דאָס וואָסער איז אים שוין דערגאַנגען צום האַלז, מוז ער זיי אַלעמען ווייזן, אַז אין מושב־זקנים איז בעסער ווי אין דער היים. ווען ער קען נאָר ביי זיך פּועל'ן אַהין אַריינצוגיין. היגטערן אייזערנעם פּאַרק אין גרויסן הויף שפּאַצירן אַרום די אַלטינקע, שטיל און גע־האָרכזאַם היטן זיי זיך ניט אַרויפצוטרעטן אויף אַ גרעזל, ניט צו פּאַר־טשעפּען מיטן פּאָלע אַ גרין בוימל. אידן מיט שניי־ווייסע בערד, אידן מיט אָפּגעגאָלטע באַקן, וואָס האַלטן זיך נאָך גאָר פּאַר יונגע, זיצן און לייענען צייטונגען, אידענעס אין קלאָרע קליידלעך מיט ווייסע שערצלעך, שמועסן געמיטלעך, זיפצן אונטער.

אַן אַלטינקער מיט ברילן און אַ שפּיציג ווייס בערדל איז צוגעקו־מען צום אייזערנעם פּאַרקן, געקוקט אויף בערל'ען און געגעדט צו זיך, בייסנדיק דעם שפּיץ פון בערדל און זשמורענדיק מיט די אויגן:

„זאָל דאָס זיין איינער פון דאַנען? טאָ ווי־זשע קומט עס וואָס מ'האָט אים פלוצלינג אַרויסגעלאָזן אויף אַ שפּאַציר ערב ליכט־בענטשן?..."

אַ מיטל־יאָריגע אידענע אין אַ שוואַרץ שאָטינענער קלייד, מיט ווייסע קאָרעלן און אַ גלאַנציגן פּאַרוק האָט שוין ניט געקאָנט פאַרטראָגן

וואָס דער איד דרייט זיך אַרום טויער און האַלט אין איין באַטראַכטן אַלץ וואָס עס טוט זיך אין הויף. איז זי צוגעגאַנגען מיט גַעוואַגטע טריט צום אייזערנעם פּאַרקן און אַרויסגעשריען:

„מיסטער, גענוג אייך קוקן אויפן בייז וואונדער, קומט אַריין און קוקט אַרום!"

בערל ווילנער האָט גאָרנישט געענטפערט. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ווי נאָר ער פאַרפירט אַ פריינטלעכן שמועס מיט די אַלטינקע הינטערן אייזערנעם פּאַרקן, איז ער שוין איינער פון זיי, געהערט ער שוין צום מושב־זקנים און ער קען מער אַהיים ניט גיין.

פונדעסטוועגן האָט זיך אים געוואָלט זיצן איצט אויפן באַנק מיטן אַלטינקן, וועלכער קוקט אַריין אין אַ ספר. ער וואָלט געהאַט זיין גליכן מיט וועמען זיך דורכצורײדן, מ'וואָלט צוזאַמען געפירט שמועסן. ער וואָלט אפשר איצט אָט־אָ־דאָ געקאָנט אָפּדינען גאָט, געגן וועמען ער האָט געזינדיקט די גאַנצע פערציג יאָר, וואָס ער איז אין דעם טריפה־נעם לאַנד — וואו אַלטע ווייבער גייען אין „ביוטי־פּאַרלאָרס" און שמירן זיך די ליפּן, און טעכטער נעמען זיי אויס צו „פּאַרטיס". ער האָט מיט האַסטיגע טריט אַריינגעשפּאַנט אין קאָרידאָר פון דער געביידע און אָנגעקלונגען. אַ יונגערמאַן אין אַ יאַרמולקע, מיט גאָלדענע ברילן אויפן נאָז האָט די טיר געעפנט און מיט פאַרוואונדעטע בליקן, וואָס עס קען דאָ פאַר ליכט־בענטשן טאָן אַ איד, געפרעגט:

„וואָס קאָן איך טאָר פאַר אייך, רב איד?"

בערל איז געבליבן שטיין לעבן דער אָפענער טיר. מיט איין האַנט האָט ער גענומען אַרויסציען די פּאַפּירן פון בוזעם־קעשענע, מיט דער צווייטער האָט ער פעסט צוגעהאַלטן די טיר און אָנגעהויבן מיט אַ ניט־זיכערן קול:

„איך . . . איך . . . וויל דאָ אַריינקומען צו אייך, איך — האָב געלט, דאַנקען גאָט, אַריינצוגעבן. איינשורענס האָב איך אויך, דאַנקען גאָט. לאָזט מיר זען דעם עלטסטן".

„אָבער קומט אַריין און מאַכט צו די טיר, מ'קען דאָך ניט שטיין אין אַן אָפענער טיר", האָט דער פאַרוואַלטער געוואָלט צומאַכן די טיר.

„וואָסי, עס ברענט דער פראָסט?", האָט בערל זיך גענומען רוקן הינטערווײַלעכס צום אַרויסגאַנג.

„איך פאַרשטיי אייך ניט, צו וואָס זייט איר געקומען, און וואָס שטייט איר אין טיר?", האָט אים דער יונגערמאַן באַטראַכט.

אַלטינקע האָבן גענומען פאַרבייגיין דעם אָפּיס, געכאַפּט אַ קוק, שטילינקע ווי טויבן, געוואָרקעט פון אונטער בערד, פון אונטער טיכעלעך, געקרעכצט.

בערל האָט געהאַלטן זייער פעסט דאָס טיר־הענטל.

„ווייסט איר וואָס, רב איד״, האָט שוין דער פאַרוואַלטער פאַר־שטאַנען אַז דער איד קאָן ניט פועל'ן ביי זיך, „גייט אייך געזונטערהייד אַהיים. באַלד ווערט שוין שבת. איר וועט אייך דאָך ניט וועלן אונטער־שרייבן אום שבת״.

„ניט וועלן, ניט וועלן, אודאי ניט וועלן״, — האָט בערל ווילנער זיך דערפרייט. זיין דינער איינגעבויגענער קערפער האָט זיך נאָך מער איינגעבויגן מיט דאַנקבאַרקייט צום קלוגן מענטשן, וואָס הייסט אים אַהיים גיין.

:: :: ::

„וואו דרייסטו זיך אַרום צו אַלדע גוטע יאָרן?״ — איז אים זיין ריוועלע אַנטקעגן געקומען. „מ'דאַרף גיין עסן און דו ביסט ניטאָ״. אויפן טיש איז געווען געגרייט שמעקנדיגע פיש, די ליכט האָבן פריילעך גע־ברענט און ריוועלע איז שוין געווען אָנגעטאָן אַוועקצוגיין. „עס אויף גיכער, לוסי וועט באַלד בלאָזן דעם האָרן, מיר דאַרפן אויסגיין צו אַ פּאַרטי״.

בערל האָט געקייט לאַנגזאַם. אָט דאָס מוז ער איר כאָטש אָפּטאָן, ער'ט עסן פּאַמעלעצקע. נישקשה, זי האָט צייט. און ער האָט זיך אַזוי געפרייט, וואָס ער האָט ניט צוגעמאַכט די טיר פון מושב־זקנים, אַז ער האָט אַפילו ניט גערעדט קיין וואָרט ווען ער האָט דערזען אַ נייעם אומ־גליק — זיין אַלטיטשקע האָט זיך אָפּגעפּאַרבט די נעגל!

„גיי, גיי, מאַמעלע, גיי וואו דו ווילסט״, — האָט ער איר מיט ליב־שאַפט צוגערעדט. אַליין האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַלטן וויג־שטול און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן מויל, ער זאָל זיך חלילה ניט אויסריידן פאַר זיין ריוועלע'ן, וואָס ער האָט דאָס אַזוינס היינט געוואָלט אָפּטאָן . . .

זיין לאַמפּ

דער קאַסטום־פּעדלער, מיסטער מאַלקין, האָט געפונען אַ טרייסט פאַר זיך אין יענע מאָמענטן, ווען עס הויבט אָן פלאָגן דער געוויסן פאַר־וואָס ער נעמט אַזוי פיל איבער אויף די אַרטיקלען, וואָס ער פאַרקויפט זיינע קונדן, איבערהויפּט זיינע אָרימע קונדן.

ער פאָרט דוכט זיך אַרום מיט אַ ליידיגער קאַר, פונדעסטוועגן וועט ער אייך פאַרקויפן פון אַ פוטערנעם מאַנטל ביז אַ לעפל. מיט אידן האָט ער פיינט צו האַנדלען, עס טוט אים צען מאָל אַזויפיל וויי, ווען ער זאָל פאַרקויפן אַ צען דאָלאַרדיגן אַרטיקל צו אַ אידישער פרוי פאַר אַכט־און־צוואַנציג דאָלאַר. גייט ער בעסער אין קריסטלעכע געגנטן.

די קריסטן האָבן אים זייער ליב, זיי רופן אים מ אַ ר י. ער איז זייער אַ גוטער צוהערער און נאָך אַ בעסערער אויסהערער, מיט אייזער־נעם געדולד שטייט ער אָפטמאָל אָפּ אין אַ קונד'ס הויז, און הערט אויס אַן עלנטע פרוי, וואָס האָט ניט קיינעם פאַר וועמען אַראָפּצוריידן זיך פון האַרצן. זי דערציילט אים פון אירע קינדער, פון איר מאַן און פון וואָס ניט?

מאַרי איז זייער אַ שיינער. כאָטש אין די מיטעלע יאָרן, דערלאָזט ער אָבער ניט, אַז זיינע האָר זאָלן בלייבן גרוי; שטענדיג גלאַנצן זיי ביי אים, און ליגן אַזוינע קלעפּיגע, מיט פינגער־כוואַליעכלעך.

שמייכלט ער און שטימט צו צו אַלץ, וואָס זיין קונד דערציילט אים, וואונדערט זיך כלומר'שט און גיט דער פרוי קאָמפּלימענטן:

— אַזוינע גרויסע קינדער האָט איר שוין? יו דאָנט לוק איט (דו זעסט ניט אויס צו האָבן גרויסע קינדער) — און די פרוי רויטלט זיך און הויבט ערשט אָן ריידן פון דאָס ניי. ווערט שוין מאַרי'ן גוט. ער'ט איר קענען עפּעס פאַרקויפן. הויבט ער אָן וואַרפן בליקן אויף די פענצ־טער. אפשר גאַרדינען? אפשר אַ קאַרפּעט? אפשר מעבל? און אָפט בלייבן שוין אַזעלכע פרויען זיינע שטענדיגע קונדן.

אָפט קומט ער אין אַ שיינעם פרימאָרגן נאָך געלט און געפינט אַ ליידיגע וואוינונג. ניטאָ די פרוי, ניטאָ די מעבל. הויבט זיך אָן אַ זור־כעניש, און עס בלייבט ווי אַלעמאָל: די איבעריגע צאָלן איינער פאַרן צווייטן. זיינע קונדן וועמען מאַרי מאַלקין גיט אויף אויסצוצאָלן, זיי־נען אין גרויסע קאָאָפּעראַטיווע, — איינער באַצאָלט פאַרן צווייטן אָבער

זיי קענען זיך ניט. מוז ער רעכענען אַ פּרייז — זאָגט ער אָפּט.

אַזוי פירט מאַרי זיינע געשעפטן. פאָרט אַרויס יעדן טאָג. אַמאָל מיט פּאַרטיקע אַרטיקלען און אַמאָל בלויז מיט אַ פּעקל לאַנגע קאַרטלעך, אַביסל צו ברודיגע, וואָס שטימען זייער שלעכט מיט זיין קלאָרן קראַגן, — שרייבט, מעקט און זוכט קונדן.

זייער אָפּט אָבער פאַרדריסט מאַרי'ן, וואָס ער דאַרף זיך באַשעפּ־טיגן מיט אַזאַ אַרבעט. איבערהויפּט, ווען ער קומט קאָלעקטן ביי זייער אַן אָרימער פאַמיליע, ביי אַזוינע, וועלכע צאָלן פאַר אַ בעט, צי פאַר בעט־געוואַנט, פאַר זאַכן, אָן וועלכע זיי קענען ניט לעבן. זיי צאָלן אים און צאָלן אים, דריי מאָל אַזוי פיל, און ער נעמט און נעמט.

איז איין מאָל פאָרט ער אַזוי אַביסל הינטערן שטאָט. ער ווייס, אַז אויב מ'פאַרקויפט עפּעס אַ פאַרמערקע, איז מען כאָטש זיכער, אַז זי וועט ניט אַרויסמופן אין מיטן דער נאַכט.

ס'איז אָנהויב פרילינג. אַ פאַרגעניגן צו פאָרן הינטערן שטאָט. שטיל. איין הויז פון דער צווייטער איז ווייט. פון פעלדער גייט שוין אויף אַ פאַרע. פערד הירזשען, צוגעבונדענע הינט צעבילן זיך אויף אים. דאַמאָלסט נעמען פרויען אַרויסקוקן דורך די פענצטער.

מאַרי האָט זיך שוין זיינע סימנים: אויב דער אַריינגאַנג איז אַ שיינער, אַרום איז זויבער, אין פולשטענדיגער אָרדנונג, ווייס ער שוין, אַז ער האָט דאָ אַ קליינע האָפנונג עפּעס צו לייזן. די פרויען פון יענע הייזער לאָזן זעלטן אַריין אין פאָדער־צימער, גיבן אָפּט אַ וואָרף די טיר אין פּנים. פאַרקערט, אין הייזער און הויפן, וואו עס זעט זיך אַ קו שפּאַצירן, איבער אַ לאָנקע, וואו אַ פערד הירזשעט, וואו אַן אַלטע באַנק געפינט זיך אונטער אַ בוים, דאָרטן שרעקן זיך ניט די פעדלערס אַריינ־צוגיין; דאָרטן רוען זיי זיך אָפּ, מאַכן אָפּט געשעפטן און האַנדלען אָפּט איין זאַכן פאַר זייער אייגענעם הויז־געברויך: אייער אָדער האָניג; דאָרטן זעצן זיי זיך אויפן באַנק אָפּעסן זייערע סענדוויטשעס, פאַרטריב־קען מיט אַ גלאָז וואַרעמע מילך.

שטעלט זיך מאַרי מאַלקין אָפּ לעבן אַ זייער אַלטע פאַרם־הויז, וואו אַ הונט און אַ ציג שפּילן זיך, יאָגן זיך איינס דאָס אַנדערע איבערן גרי־נעם פעלד. דערזעט ער אַן אַלטעטשקע קומט אַרויס פון שטיבל. זי האָט אים דערזען פון איר קליינעם פענצטערל:

— וואָס פאַרקויפסטו? — פרעגט זי מאַרי'ן און פאַרריכט איר אָפּגעקראָכענע היטעלע אויפן קאָפּ. ענטפערט מאַרי ניט. ער גייט גיך צום קאַר, נעמט אַרויס אַ בלויען הויכן זאַל־לאַמפּ, מיט אַ גרויסן ראָזעווען הוט, מיט בלאַנקע קייטעלעך.

— זעסט, מאַדער? — אָט דאָס פאַרקויף איך! און נאָך טייערע

זאַכן פֿאַרקויף איך . . . אַבי געזונט און געלט.

אַװעקגעשטעלט דעם לאָמפּ אויפֿן גראָז, באַקוקט אים פֿון פֿאַר־שיידענע ווינקלען, האָבן ביידע גאַר אַנגעקוואָלן פֿון טייערן לאָמפּ. מאַרי האָט געצויגן די קייטעלעך. די אַלטע איירישע פֿאַרמערקע האָט זיך ניט דערלויבט אָנצורירן דעם שיינעם לאָמפּ. אָבער אירע אַלטע אויגן האָבן אָנגעהויבן לויכטן, און ווי זייער אָפּט אין אַזעלכע פֿאַלן, האָט זיך דער פֿעדלער געמוזט איינשפּאַנען אין וואָגן פֿון אייזערנעם געדולד.

די אַלטע איירישע פֿרוי האָט אים אַריינגעפֿירט אין דער פֿאַרצייטי־גער פֿאַרם־הויז, זיך געהייסן אים זעצן, דערלאַנגט אים דעם פֿאַמיליע־אַלבום מיט אירע קינדערשע בילדער, גערעדט און גערעדט, אויסדער־ציילט אים פֿון איר קינדהייט, פֿון איר יוגנט, פֿאַרטרויט אים, אַז איר מאַן גלויבט ניט אין מאָדערנע איינריכטונגען און אַז זינט זי האָט גע־הייראַט וויל זי האָבן אַזאַ שיינעם לאָמפּ. און זי נעמט טאַקע דעם שלאַנקן, קאַלירפֿולן לאָמפּ, וואָס זעט אויס אין אַלט־פֿרענקישן צימער, ווי אַ יונ־גע כלה אַנטקעגן אַ גרייז־גרויער פֿרוי. שטעלט אים אַוועק אין אַ ווינ־קעלע. דעקט אים אַריבער מיט אַ קלאָרן טישטוך, און צאָלט גלייך איין דעם ערשטן האַלבן דאָלאַר.

מאַרי׳ן איז פֿריילעך געוואָרן אויפֿן האַרצן — כאָטש ניט גע׳פּטר׳ט אַ פּאָר שעה אומזיסט. ער האָט אויסגעמאַכט דעם באַשטימטן ביכעלע, געהייסן איר זיך אונטערשרייבן.

אין מיטן דערינען פֿאַרט אָן אַ מאַן מיט אַ וואָגן קענדלעך און שרייט אויס:

— קעראָסין!

— וואָס איז, דו האָסט ניט קיין עלעקטריק? — איז מאַרי געוואָרן איבערראַשט און שוין געוואָלט גיין צוריק אַרויסטראָגן דעם לאָמפּ — אָט איז אַ פּעדלער׳ס גליקן — האָט ער געטראַכט:

— לאָז שטיין דעם לאָמפּ, — האָט אים די אַלטיטשקע באַפֿוילן — איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז מיין אַלטער האָסט מאָדערנע זאַכן. אָבער איך האָף נאָך, אַז ער וועט איינזען זיין טעות, איבערהויפּט ווען ער וועט זען דעם שיינעם לאָמפּ.

עס איז שוין אַ פּאָר יאָר, ווי די אַלטינקע צאָלט פֿאַרן הויכן שיינעם זאַל־לאָמפּ, און קיין עלעקטריק האָט זי נאָך ניט. אָבער יעדן מאָל, וואָס מאַרי קומט איינמאָנען דעם האַלבן דאָלאַר פֿאַרברענגט ער אין קליינעם שטיבל אַ פּאָר שעה. ער האָט ליב צו זען, ווי די אַלטעטשקע צעפֿלאַמט זיך מיט האָפֿנונג, בעת זי קוקט אויפֿן שיינעם לאָמפּ.

פון איין לאַדזש

מיסטער עלקין, דער אייגנטימער פון אַ זעלצער־וואַסער־פאַבריק, איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער, ווען ער האָט דערזען ביי זיך אין פאַבריק זיין לאַדזש־ברודער.

— וואָסי ? — האָט ער זיך געקליבן אָנצופאַלן אויף ברודער דובין, וואָס קומט שוין צום צווייטן מאָל אים דרייען אַ קאָפּ — קנאָפּ גיב איך אויף די באַנקעטן, אויף די מיטינגען, וואָס ער קומט מיר נאָך באַדערן אין ביזנעס ?

אָבער גלייך האָט זיך מר. עלקינ׳ס בליק אָנגעטראָפן מיט דובינ׳ס, און זיין שטימונג האָט זיך מאָמענטאַל געביטן. ווייל דובין האָט גאַרניט געקאָנט אַראָפּנעמען די אויגן פון ברודער עלקינ׳ס פאַרטוך. זעט נאָר, ווי אַזוי אַזאַ רייכער מענטש שטייט עס אין אַרבעטס־קליידער מיט אַלע גלייך — האָבן זיינע פאַרוואונדעטע בליקן גערעדט.

עלקין האָט זיך געגלעט דעם ברודיגן פאַרטוך, וואָס האָט פאַרדעקט אַ היפּש בייכל, געגאַנגען דובינ׳ען אַנטקעגן און געטראַכט :

„זאָל ער טאָקע זען, וואָס פאַר אַ מענטש איך בין, ווי אַזוי איך שטיי אין פאַבריק מיט אַלע גלייך. ער׳ט זיכער איבערגעבן די מעמבערס".

דובין, אַ קליין־געוויקסיגער, מיט אַ הויכן איידעלן שטערן, האָט ניט געוואוסט אויף וואָס פריער צו קוקן. אַ פּאָר יאָר שוין אַרבעטלאָז . . . אָפּגעוואוינט זיך פון שטויב, פון רויך . . . האָט אים דער ריח פון מאַשין־אויל געשטיקט. ער האָט טיף איינגעאָטעמט אין זיך די פאַבריק־לופט, און דערינערונגען וועגן זייערע טעג האָבן דערפרישט זיין געמיט. דער ברודער עלקין האָט מיט גרויס פאַראַד צוגעטראָגן אַ טשעק פאַר אַ זייער נאָבעלן צוועק.

— נאַט, ברודער דובין, — האָט ער אויסגעשריען און געוואָרפן זייטיגע בליקן צו די אַרבעטער, געוואָלט זען, צי זיי קוקן, צי זיי זעען, ווי ברייטהאַרציג ער, זייער באָס, איז. דובין האָט פאַרזיכטיג אַריינגעלייגט דעם טשעק אין פּאַרטפעל, געקוקט מיט הונגער־בליקן אויף דער סומע און געטראַכט, אַז מער נעמט ער זיך ניט אָן צו גיין קלייבן געלט אַפילו פאַר די וויכטיגסטע צוועקן, ווען ער אַרבעט ניט. ס׳איז דאָך אַן אמת׳ע אינקוויזיציע : האַלט געלט אין קעשענע, און דאַ דאַרפסטו אַליין אַזוי נויטיג דאָס געלט. אין פאַבריק איז געווען טומלדיג ; אין הויף זיינען טראָקס מיט פולע קאַסטנס אַריין און אַרויס. דאָס קלאַפּן פון

די מאַשינען האָבן געוויזן, אַז עס איז דאָ גענוג אַרבעט. דובין האָט אויף אַלץ געקוקט מיט גרויס הונגער: אין אַזאַ גרויסער פאַבריק מוז מסתמא זיין אַ סך אַרבעט, ניט ווי ביי זיין פאַך — גאָלד־אַרבעט... ניטאָ ווער עס זאָל לאַכן. שיינע גאָלד איז עס, אַז מ׳זעט ניט קיין פעני פאַר די אויגן... אפשר גאָר בעטן ביי אים אַרבעט?

— איר זייט היינט פריי, ברודער דובין? — האָט מיסטער עלקין געפרעגט, וועלנדיג אַרויספירן דוביג׳ען אויף דעם געדאַנק, אַז עס וואָלט שוין צייט געווען, אַז ער זאָל גיין. דובין איז אים אָבער נאָכגע־גאַנגען אין אָפיס אַריין, און גייענדיג גערעדט מיט פיל האָפנונג:

— ניטאָ זיך וואָס צו איילן... איך בין ברוך־השם שוין פריי אַ פּאָר יאָר... איך בין אַרבעטלאָז... איך בין געווען אַ גאָלד־אַרבעטער, אָבער מיין „לאַין" גייט איצט ניט. נו, האַלט איך אין איין זוכן אַרבעט.

— האָט דובין געענטפערט און אַלץ מער זיך דערוואָרעמט, אַז אפשר וועט זיך דאָ אויספיקן פאַר אים אַ דזשאַב. זאָל זיין ביי זעלצער־וואַסער, זאָל זיין ביי אַבי וואָס, אַבי אַרבעט.

— צוויי יאָר אָן אַרבעט! איז ווי אַזוי לעבט איר? — האָט זיך דער לאדזש־ברודער געוואונדערט.

„דערציייל, שעם זיך ניט! ס׳וועט אפשר פירן צו אַ דזשאב... צו ברויט פאַר דיין פרוי און קינד", האָט אַן אינעווייניגסטע שטים גע־רעדט צו דוביג׳ען.

— מ׳לעבט ניט, ברודער עלקין; די וויב לעבט ניט, דאָס קינד לעבט ניט.

— מ׳לעבט ניט? — האָט דער לאדזש־ברודער זיך געוואונדערט און זיך נערוועז אַ דריי געטאָן אויף זיין שטול. — אוי אַ לאַגע, זאָל גאָט אויסהיטן!

„ער מוז דערציילן, צוליב זיין קינד", האָט דער אַרבעטלאָזער ברודער געטראַכט און פאַרגעזעצט:

— מיר קריגן רעליף... זיבן דאָלאַר פאַר צוויי וואָכן, — האָט ער אַרויסגערעדט, האַלטנדיג די אויגן צום דיל, ווי אַ פאַרברעכער, וואָס איז זיך מודה אין אַ מיאוס׳ן פאַרברעכן.

— און ווי וואָלט אייך געפעלן, ווען איך גיב אייך אַ דזשאַב? — האָט דער באָס זיך געגוידערט.

— וואָס הייסט ווי?... איך וואָלט די רגע זיך געשטעלט אַר־בעטן אַפילו אין מיינע זונטאָגדיגע קליידער! — האָט ברודער דוביג׳ס פנים געגומען שיינען, כאָטש טיף אין האַרצן האָט ער געציטערט, על־קין זאָל ניט באַמערקן זיינע דינע פינגער, זיינע איידעלע הענט. ער האָט די הענט זיינע גיך באַהאַלטן אין די קעשענעס.

— גייט עס ! מאָנטאָג שטייט איר אָט דאָרטן־אָ, — האָט מיסטער עלקין אים אָנגעוויזן אויף אַן אַרבעט־ווינקל.

:: :: ::

אַ גאַנצער יום־טוב איז געוואָרן ביי די דוביג׳ס אין דער היים. דוביז האָט געפּוצט, געשרויפּט דעם אַלטן וועק־זייגער, וועלכער איז שוין פון צוויי יאָר געווען פאַרגעסן ; דעם זייגער׳ס פּנים האָט ווידער אָנגעהויבן צו לייכטן. מיסעס דובין האָט אויפגעזוכט דאָס בלעכן רענצעלע מיטן פלאַש, אויסגעוואַשן עס זויבער, אָנגעגרייט אויף מאָרגן פרי, ווען איר מאַן וועט ווידער גיין אַרבעטן.

ביז שפּעט זיינען זיי געלעגן־אויף, גערעדט און גערעכנט, ווי גוט עס וועט זיין . . . אויף פערציג דאָלאַר אַ וואָך איז זיך געוויס ניטאָ וואָס צו ריכטן . . . ניטאָ אַמאָליגע יאָרן. אָבער אַלץ מער ווי רעליף. מאָרגן גייט ער אַרבעטן ! צו אַלץ קומט אַ צייט !

דובין האָט אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט געקאָנט צומאַכן. ערשט איצט האָט ער דערפילט דעם שרעקלעכן שמערץ פון נעמען קצבה. אָט זעט ער זיין איידעלע פרוי שטיין לעבן רעליף־אָפיס . . . זיין פרוי, זיין קינד . . . און ער איז ווי אַן אָפּגעניצטער, צעבראָכענער האַמער : ער עסט דאָס געגעבן ברויט, און עס שטעלן זיך אים ביסנס אין האַלז . . . שטומע עסן זיי, אומעטיגע. רעליף נעמען זיי. אָבער מאָרגן נעמט צו אַלץ אַ סוף.

ער גייט ווידער אַרבעטן.

די ווייב האָט אים אויפגעוועקט אַ שעה פריער. זי האָט אויפגעוועקט דאָס קינד, אָנגעזאָגט אים די גוטע נייעס : „פּאַפּאַ גייט אַרבעטן, מיין קינד״. זי האָט אים וווייט־ווייט נאָכגעקוקט, בעת ער איז אַוועק, שטאָלץ וויגנדיג זיין רענצל מיט קאַווע און צובייס.

:: :: ::

עלקין איז אַלע ווײַלע צוגעגאַנגען צו דוביג׳ען, זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט :

— נו, דובין, ווי פילט זיך עפּעס צו שאַפן נאָך צוויי יאָר ניט־אַר־בעטן ? — געפילט, אַז ער האָט אויפגעטאָן עפּעס גרויסעס.

— גוט, ברודער עלקין, זייער גוט ! — האָט דובין געענטפערט און געטראַכט, אַי ווען ער וויס, ווי אַזוי ער שטייט־אייך, ווי אַזוי דער רוקן ברעכט און דער קאָפּ רייסט ? ווי שרעקלעך לאַנג די שטונדן זיי־נען !

די וואָך האָט זיך געצויגן פאַר דוביג׳ען לאַנג און שווער, נאָר ער האָט געפילט, ווי איינער שלעפּט אַ גרויסן לעבעדיגן פיש פון טייך : ס׳איז טאַקע שווער, אָבער נאָך אַ ווײַלע, נאָך אַ טאָג, און ס׳וועט זיין

וואָס צו עסן. ער האָט געאַרבעט איבער זיינע כוחות. יעדע נאַכט איז ער קוים אַהיים געקומען. „מ׳מוז ווייזן אַ טאָג אַרבעט, מיין ווייב. גע־נוג זיך אָפּגערוט”, האָט ער דעם גאַנצן אויפדערנאַכט ניט אויפגעהערט ריידן פון זיין דזשאָב ביי זיין לאַדזש־ברודער.

שבת־נאַכט איז געווען אַ פריידיגע נאַכט — נאָך אַ שעה, נאָך אַ מינוט, און ער וועט זען באַר געלט! ער וועט זיין פרוי דערלאַנגען די גרינע פּאַפּירלעך, און זאָל זי טאַקע אַריינגיין מיטן קעש צום זעלבן גראָסערימאַן, וואו זי פלעגט קויפן מיטן רעליף־בילעט, וואו זי פלעגט איבערוואַרטן צען קונדן, כדי קיינער זאָל ניט זען איר רעליף־טיקעט.

אַלע אַרבעטער זיינען שוין געווען אין דרויסן, ווען דובין איז נאָך געשטאַנען לעבן זיין אַרבעט־טיש. וואָס וועט ער זיך גיין שטעלן אי־בער נאָך אַ האַלבער שעה? עלקין איז דאָך אַ ברודער פון איין לאַדזש.

עלקין איז צוגעקומען שטאָלץ און געטראַכט: „נו, וועלן זיך דאָס מענטשן אָפּלעבן מיטן צענערל! געהערט אַ לאַגע פון מענטשן — זיבן דאָלאַר פאַר צוויי וואָכן רעליף!”

— נאַט, ברודער דובין! איר׳ט עס ערלעך פאַרדינט — האָט דער לאַדזש־ברודער דעם אַרבעטער איבערגעגעבן דעם צענערל. — נאַט, ס׳איז אַ ביסעלע מער ווי דריי און אַ האַלב דאָלאַר אַ וואָך.

דובין האָט צונויפגעקנייטשט דעם צענערל אין קעשענע, געטראָטן לאַנגזאַם אַהיים און גערעכנט, צי וועט עס שטימען מיט זיין ווייב׳ס רעכענונג, און ווי זיין ווייב וועט די גרויסע „פּעי” אויפנעמען. ער האָט געוואָלט, אַז דער וועג זאָל זיך ציען און ציען . . . וואָס ווייטער זאָל זיין די היים.

:: :: ::

מאָנטאָג פרי איז עלקין צוגעקומען צו דובינ׳ען. ער האָט גע־פאָרשט זיין פאַרביטענעם פּנים און גלייך דערזען, אַז ער האָט זיך ניט געדאַרפט אָנהויבן מיט באַקאַנטע: „זע נאָר, ווי דאָס שטייט פאַרקרימט!”

— וואָס איז דובין? — האָט ער אים אַריינגעקוקט אין די אויגן.

דובין האָט געשוויגן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אַ שניט־טאָן מיט אַ מעסערדיגן וואָרט, עס זאָל דעם לאַדזש־ברודער אַ ברען־טאָן אין די ביינער. אָבער עלקין האָט זיך גענומען באַקלאָגן:

— מ׳טאָר ניט זיין קיין גוטער; כ׳האָב אָפּגעזאָגט אַ גוי צוליב אייך . . . זיי שלאָגן אָפּ די טירן — טונקעלע און ווייסע. און איר, ברו־דער רובין, זע איך, זייט ניט זייער צופרידן. אַזוי איז עס, אַז מ׳וויל זיין מענטשלעך. א ו נ ז ע ר ע אידן!

דובין האָט געשוויגן. נאָר אינעווייניג האָט געקאָכט אָנגעקליבענער צער און פאַרביטערונג.

מעני האָט געוואונען

צום ערשטן מאָל זינט מעני געדענקט איז אַזוי שטיל אין הויז. אַלץ, דאַכט זיך, שלאָפט, אָבער ער, מעני, אָדער ווי מ׳רופט אים אין סקול, מען, ווייסט, אַז קיינער שלאָפט נאָך ניט.

דער טאַטע, די מאַמע, זיינען געגאַנגען פרי שלאָפן, כדי אין הויז זאָל זיין רואיג, אַז ער, מעני, זאָל קענען קלערן, באַטראַכטן וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו גיין דעם לעבן אַנטקעגן.

זיצט מעני אין אַ וויכן שטול, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, נעמט ווידער די צייטונג, ידעם בוך אין וועלכע ער האָט שוין הונדערט מאָל אַריינגעקוקט, טוט ווידער אַ לייען און לייגט עס אַוועק מיט גרויס ווייטאָג. עס ווייזט זיך אים אויס, אַז ער איז זייער אַלט. ער פירט דורך זיינע דינע לאַנגע פינגער דורך זיינע טונקל בלאָנדע האָר, שטעלט זיך אויף און זעצט זיך צוריק. דער דרויסן איז אַ קלאָרער. אַ יאַנואַר־נאַכט, פיינט זיך אויס מיט קלאָרע וועגן ווי אויסגעשפרייטע ווייסע טעפּיכער, אויסגעבייטע מיט גאָלדענע פעדים, געצונדענע גאַסן־לאָמפּן שפּיגלען זיך אין זיי, יונגע אינגלעך און מיידלעך גייען פאַרביי זיין פענצטער, די מיידלעך טראָגן אַלערליי קאָלירטע טיכעלעך אויף די קעפּ. די אינגלעך טראָגן זייערע ווייסע גליטש־שיך פּאָר זיי און אַלע לאַכן דורך רויטע יונגע ליפּן. נאָר ער, מעני, איז אַזוי אַלט געוואָרן. ניין, ער איז ניט זעכצן יאָר — ער פילט זיך היינט נאַכט ווי זעכציג יאָר אַלט. ערשט לעצטע וואָך איז ער געווען אַזוי גליקלעך, אַ גרויסער יום־טוב האָט זיך אָנגעהויבן אין הויז ווען ער איז אַריין מיט די פריילעכע נייעס, אַז ער, זייער „בעיבי״, זייער מען, וועט זיין דער וואָס וועט אויסדריקן זייערע געפילן, זייער ווילן, זייער לערע, וואָס זיי האָבן אין אים פאַרפלאַנצט זינט ער איז געווען אַ פּיצל קינד, ער וועט אַרונטעררײדן פון דער בינע אין דער גרויסער האַי־סקול, געגן דעם „רעד־בעיטער״, געגן פּרעד׳ן, און פלוצלונג אַזאַ איבערבייט. דער זעלבער פּרינציפּאַל, וואָס האָט אים לעצטע וואָך געגעבן די טעמע, האָט אים היינט אַריינגערופן אין זיין אָפיס, און געזאָגט מיט אַ גרינעם שמייכל, אַ צופרידענער, ווי אַ ווילדער פויגל בעת ער כאַפּט אַ ראָזעווען גאָרטן־ווערימל אין זיין שנאָבל.

— מיסטער דיפּלאָמאַט, — האָט ער אים מיטגעטיילט די שלעכטע נייעס, — מיר האָבן געביטן דיין טעמע: ד ו , אַנשטאָט פּרעדי, וועסט

מוזן זיין דער וואָס וועט ריידן געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

און דערבײַ האָט דער פּרינציפּאַל ניט אַרונטערגעלאָזן זיינע שאַרפע בליקן פון דעם זעכצן־יעריגן אינגל, וואָס איז געשטאַנען אַ געפּלעפּטער געגן אים. מעני האָט זיך געפּרובירט אָפּבעטן.

— מיסטער דיקסאָן, — האָט ער געבעטן, — אָבער איך קען דאָך ניט ריידן געגן און פרעדי קאָן דאָך ניט ריידן פאַר!

דאַמאָלסט האָט מיסטער דיקסאָן גענומען ברענגען אין אָרדנונג די ביכער אויף זיין שרייב־טיש, וואָס דאָס האָט געמיינט: גיי, מיסטער מען, אַז איך זאָג איז געזאָגט. גיי אַרויס איידער איך פיר דיך אַרויס.

מעני'ן פאַרדריסט איצט פאַר וואָס ער האָט ניט אַרויסגעשריען דאָס וואָס עס איז אים געלעגן אויף דער שפּיץ צונג.

איצט פאַרשטייט ער פאַרוואָס דער פּרינציפּאַל רעכנט זיך אָפּ מיט אים. מעני איז אַ פּראָבלעם־קינד פאַר זיין סקול. אין דערזעלבער צייט ווען אַנדערע אינגלעך וואַרפן שניי־קוילן אויף דורכגייער, טומלען אָדער ציען מיידלעך ביי די צעפּלעך און דאַרפן אָפּטמאָל גערופן ווערן אין אָפּיס אַריין, האָט מעני גאָר אַנדערע באַשולדיגונגען געגן זיך. ער איז „מען דער דיפּלאָמאַט". גלייך ווי די קלאַסן ווערן פאַרטיג, גייען אים אינגלעך נאָך. מ'מאָנט פון אים, ער זאָל פאַרענטפערן אַלע פראַגן וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיט גרויס רעספּעקט פאַר אים גייען זיי אים נאָך, פרעגן אים, דעבאַטירן מיט אים, און איינער אַ אינגל פרעדי איז זיין געגנער. צעטיילן זיך די גרופּן אויף צווייען. אַמאָל כאַפּט מען זיי אין די קאָרידאָרן טומלענדיג, דעבאַטירנדיג, אַמאָל שיקט מען זיך אַפילו צעטעלעך אינמיטן לערנען.

„יעס סער", מורמלט מעני צו זיך, איצט האָט דער פּרינציפּאַל אים דערטאַפּט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען גיין פון צימער צו צימער.

„מאַמע, טאַטע, איר שלאָפט!", האָט זיך אים געוואָלט אויסשרייען... ניין, ער וועט זיי ניט וועקן. און ער האָט זיך געזעצט טראַכטן, ווי פאַרט זיך אַרויסצודרייען פון דעם פּלאָנטער. זאָל ער ריידן געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד? אָדער זיך מאַכן קראַנק יענעם טאָג? „ניין, מעני!" שרייט ער אויס צו זיך, „דו אַנטלויפסט ניט!... אָבער וואָס פאַר אַ פּנים וועט ער האָבן ווען ער וועט זיך אויפשטעלן און ריידן געגן דעם לאַנד וואָס איז אים און אַלעמען אין הויז אַזוי טייער?...

עס ווייזט זיך אים אויס, אַז אַלע שטייען איצט אַרום זיין בעט, ער הערט זיין מומע איוואַ'ס מעשה'לעך וועגן דער איצטיגער רוסלאַנד, ער זעט זיינע מומעס און זיינע פעטערס ווי זיי האָוועז, ווי זיי האָרעווען. ער זעט זיין מוטער, ווי אַזוי זי נעמט זיך אָן פאַר אָרימע און געליטענע.

ווי שטאָלץ זי איז ווען ער דערציילט איר, אַז אין סקול האָט מען גע־מיינט, אַז ער איז אַ גוי נאָר ער האָט דערקלערט, אַז ער איז אַ איד. זיצט אַזוי מעני און טראַכט וואָס צו טאָן, ביז ער שלאָפט איין אין די קליידער.

ווי פרי מ'האָט זיך געלייגט שלאָפן, אַזוי פרי איז מען אינדערפרי אויפגעשטאַנען. מעני איז געווען בלייך און כאָטש ער האָט שוין זיין רעדע מער ניט געדאַרפט, איז זי ווי אַ ליבער פריינט געווען ביי זיין האַנט, דאָס אָנגעשריבענע פּאַפּיר איז געלעגן לעבן אים בעת ער האָט געגעסן זיין פרישטיק. וואָס וועט ער איצט טאָן דערמיט?

— געדענקסט, מעני, ווי אַזוי דו האָסט איינמאָל ניט געוואָלט עסן אַ גאַנצן טאָג, כדי צו פילן ווי אַ הונגעריג קינד פילט? — האָט אים די מאַמע דערמאָנט אַ פּאַסירונג בעת ער איז געווען 5 יאָר אַלט.

אַלעמאָל ווערט מעני'ן שווערלעך צו הערן ווי יעדערער אין הויז גיט אים עצות וועלכן גאַרניטור אָנצוטאָן, וואָס צו עסן און ווי צו קאַמען די האָר. אָבער איצט האָט ער געוואָלט, אַז אַלע אין שטוב זאָלן וואָס מער ריידן צו אים, אפשר וועלן זיי אים פאָרט אַרויספירן אויפן ריכטיגן וועג.

פלוצלונג האָט אימיצער אָנגעקלונגען אין טיר. די טיר האָט זיך געעפנט און פרעדי, מעני'ס געגנער, איז אַריין. ער איז געווען פונקט אַזוי ניט דערשלאָפן, ווי מעני.

— העלאָו מען! — האָט פרעדי אויסגערופן. — ווי געפעלט דיר די קונץ? איך דאַרף זיין דו, און דו איך . . . „הי איז עי סקאַנק אָל־ראַיט". איז וואָס זאָל איך איצט טאָן? — האָט פרעדי געפרעגט אַ פאַרביטערטער.

אַלע, די מאַמע, דער טאַטע, האָבן אַרומגערינגלט די צוויי אינגלעך אין זייער פאַרלעגנהייט.

— גיב אים, מעני, דיין רעדע, גיב אים, און אויס מיט אַן עסק. — האָט דער פאָטער פאַנאַנדערגעפּלאָנטערט דעם קנופּ.

— מ'מוז עס אָבער טאָן מיטן גאַנצן האַרצן, פרעדי, אַז ניט גע־ווינסטו ניט, — האָט די מאַמע קלוג אַריינגעקוקט פרעדי'ן אין די אויגן אַריין.

פון אַלעמענס רעדן האָט פרעדי פאָרט פאַרשטאַנען, אַז זיי שטויסן זיך אָן נאָך וואָס ער איז געקומען און גלייך איז זיין האַנט געלעגן אויף דער רעדע, וואָס פרעדי האָט געדאַרפט נוצן ביים פאַרטיידיגן דעם סאָ־וועטן־פאַרבאַנד. פרעדי האָט עס ווי אַ געפונענעם אוצר אַריינגעלייגט אין בוזעם־קעשענע און ביידע אינגלעך זיינען אַוועק אין סקול צוזאַמען.

קיינמאָל איז נאָך דער אוידיטאָריום ניט געווען אַזוי געפּאַקט. מע־

ני׳ס טאַטע־מאַמע, דער פעטער מיט די מומעס זיינען געקומען פריער פון אַלעמען. די סטודענטן פון האַי־סקול האָבן שוין געוואוסט מיט וואָס עס וועט זיך אויסלאָזן: ביידע, אי מען, אי פרעדי וועלן פאַרלירן, זיינען אַלע געווען זיכער. פאַר דער דעבאַטע, האָט דער דינער, גרויער פרינציפּאַל, פאָרגעשטעלט די צוויי סטודענטן:

— מיר האָבן דאָ צוויי יונגע דיפּלאָמאַטן, וואָס וועלן אפשר אַמאָל זיין סענאַטאָרן אָדער פּרעזידענטן. פרעדי זיגמאַן וועט פאַרטיידיגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, און מען וועט ריידן געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד!

אין זאַל איז געוואָרן אַ שטילער געמורמל, ווי אין אַ געריכט־זאַל איידער די דזשורי טראָגט אַרויס איר אורטייל. „היר הי קאָמס", האָבן אַלע אויפגענומען פרעדי׳ן.

פרעדי האָט גערעדט פליסיג, קלאָר, קלינגענדיג, און אַלעמאָל גע־זוכט מעני׳ס מאַמען, וואָס האָט אים פאַרן אוועקגיין אָנגעזאָגט, אַז ער מוז ריידן מיטן גאַנצן האַרצן. פון יעדן וואָרט זיינעם איז דער פּרינציפּאַל געוואָרן בלאַסער און בלאַסער, געווישט דעם קאַלטן שווייס פון זיין צעקנייטשטן שטערן: „ווי קומט עס, אַז פרעדי זאָל ריידן אַזוי גוט פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד?"

און דער אַלעמאָל „רעד־בעיטער", האַלטנדיג מעני׳ס רעדע אין האַנט, האָט געקלונגען דורכן זאַל: — ווי אַזוי, טייערע פאַרזאַמלטע, קען איך האַסן אַ לאַנד, וועלכע גיט ערד, וועלכע בויט אַ ניי לעבן, וואו ראַסן־האַס איז פאַרבאָטן, וואו דאָס גאַנצע לאַנד געהערט צו אַלעמען?

דער יונגער פרעדי האָט געקוקט צו זיין חבר. זיינע האָר גלאַנציג פאַרקאַמט און זיין גאַרניטור געפּרעסט. פרעדי׳ס עלטערן וועלכע האָבן אויך ניט ווייניג געהאַסט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיינען געזעסן אָנגע־בלאָזענע.

דער פאָטער זיינער האָט שטיל געשאָלטן דעם פּרינציפּאַל, וועל־כער האָט פאַרביטן זיין זון׳ס רעדע. און דאָך האָבן זיי געוואָלט, אַז דער זון זייערער זאָל געווינען, ווייל זיי דערוואַרטן, אַז ער זאָל שטודירן פאַר אַ לאָיער.

פרעדי האָט גערעדט קלאָר, פליסיג. אַלע אין זאַל האָבן אים אַפּ־לאָדירט פאַר זיין שיין אַרגומענטירן. דערנאָך האָט מעני גענומען ריידן געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַזוי ווי דער פּרינציפּאַל האָט עס געוואָלט.

מעני האָט געלאָזן אָנגעהויבן:

— טייערע פאַרזאַמלטע, ווי אַזוי קען איך היינט געווינען? וואָס קען איך זאָגן געגן פרעדי׳ס רעדע, ווען ער דערציילט אונז, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט געבויט אַ ניי לעבן, וואו אינגלעך ווי מיר ווייסן ניט פון האַס איינער צום צווייטן, וואו אַלע נייע דערפינדונגען ווערן גע־

בוירן און געגוצט פארן פאלק? ווי קען איך ריידן געגן דעם פאקט, אז דארטן, אין סאָוועטן־פארבאנד, געהערט אלעס צו אלעמען, אי די ערד, אי אלץ וואָס געפינט זיך אויף דער ערד? . . .

די פארזאמלטע האָבן ברייט צעעפנט די אויגן, און דער פרינציפאל האָט געוואָרפן אַ פוס איבער אַ פוס, געריבן זיינע הענט, געביסן זיינע ליפּן, זיך געווישט דעם שוויס פון פּנים . . .

ווען מעני׳ס פאָטער האָט די צוויי ענגלעך אָפּגעפירט אהיים, האָט מעני געפרעגט פרעדי׳ן, דעם גליקלעכן, וועלכער האָט געוואונען דעם גרעסטן מאַרק פאַר זיין פראַכטפולער רעדע און גוטע אַרגומענטן:

— פרעדי, פאַרוואָס האָסטו מיר ניט געבראַכט דיין רעדע געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד?

פרעדי האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אַ פאַרשעמטער געפּוצט זיינע שיך מיט זיין קלאָר טיכעלע. אַלע האָבן געקוקט אויף זיין פאַררויטלטן פּנים און געשוויגן גליקלעכע.

אויף מאָרגן איז די סקול געגאַנגען אויף רעדלעך, אַז ער, מען, זאָל פאַרלירן די ידעבאַטע האָט זיך קיינער ניט פאַרגעשטעלט. נאָר ביינאַכט איז מעני רואיג איינגעשלאָפן, אַ שמייכלענדיגער, אַ גליקלעכער, און גע־פילט, אַז ניט פרעדי, נאָר ער, מעני, האָט געוואונען.

זייער ווייסער שכן פון דער סאַוט

(אַ בילד פון דער וועלט־אויסשטעלונג)

דאָס נעגעריש פּאָרל איז האַסטיג צוגעלאָפן צו דער באַנק און מיד פון לאַכן זיך אַ שווערן זעץ געטאָן. די באַנק, אויף וועלכער איך בין געזעסן, האָט אַ ציטער געטאָן. ערשט דאָס געלעכטער הייבט זיך אָן גאָר אויפסניי.

זי — אַ יונגע מיט אַ פול־רונדן געזיכט, פריש און ברוין ווי אַ נאַר־וואָס אויסגעבאַקענער פּאַמפּערניקל. פון פריידיגן לאַכן האָט איר הויט נאָך מער זיך צעגלאַנצט און אין די אויגן האָט געפינקלט די פרייד פון אַ זיגער. אירע קלאָרע, ווייסע ציינער האָבן זיך איינגעביסן אָן די אָנגעפּאַרבטע פולע ליפּן, געוואָלט קאָנטראָלירן דעם לאַך־שטראָם, וואָס האָט געקוואָלט פון איר גאַנצן וועזן.

ער — אַ נעט־געקליידעטער, אויך אַ יונגער און אַ טונקל־צעברוינ־טער, האָט מיטגעלאַכט אין קורצע ספּאַזמען. ער האָט איניגע מאָל פּרובירט עס איינהאַלטן: הער אויף, טייערע, אַלע קוקן אויף אונז . . . גענוג . . . אָבער דאָס האָט בלויז געדינט ווי אַ נייער פּראָוואָציר־שטויס צו אַ באַנייטער כוואַליע. זי האָט געלאַכט פול־ברוסטיג, מיט צוקנדי־גע אַקסלען און שטורמישן בוזעם און ער ווערט ביט־ווילנדיג מיטגעריסן, ווי אַ ברעטל, וואָס ליגט אין וועג פון אַ מעכטיגן שטראָם.

מענטשן כוואַליען זיך פאַרביי אונזער באַנק אין אומאויפהערלעכע שטראָמען. ס'איז איינער פון די לעצטע טעג פון דער וועלט־אויסשטע־לונג. דער טאָג איז אַן אידעאַלער, ווי אימיצער וואָלט אים ספּעציעל באַשטעלט: ס'איז זוניג און קיל; דער הימל — בלוי און ריין; די לופט אויסגעוואַשן פון די הונדערטער פאָנטאַנען . . . מענטשן טראָגן זיך פון מויער צו מויער, פון וואונדער צו וואונדער . . . מענטשן פון אַלע עקן לאַנד, פון אַלע עקן וועלט . . . פון יעדן עלטער, פון יעדן קאָליר. מענטשן ווי קליינע קינדער מיט אַנטציקטע, צעעפנטע אויגן, וואָס קוקן, קוקן, זאַפּן אין זיך אַריין מיט די לעצטע כוחות נאָך וואונדערבאַרע זאַכן, נאָך פּראַכטן און שיינקייטן . . .

מענטשן טרעטן מידע מיט פולע קעפּ, מיט שווערע, פיס; מענטשן, ווי צווייגן פון אַ ריזיגן בוים ביים ברעג טייך, וואָס טרינקען זיך שטענ־

דיג פול אָן און בויגן זיך אַזש פאַר פולקייט. ציען זיי זיך אין שטראָ־מען פאַרביי דאָס בעגער־פּאַרל. זיי קוקן זיך ניט אום אויף זייער כוואַ־ליגן לאַכן.

איך פיל אָבער, אַז איך קאָן זיך קוים איינהאַלטן. ביסלעכווייז ווער איך אויך אָנגעשטעקט פון זייער פרייד. איך קעמף מיט זיך. אינע־ווייניג בורעט, ס'שטויסט. איך האַלט זיך איין מיט אַלע מיינע כוחות. איך פאַרמאַך פעסט מיין מויל. אָבער וואָס מער איך האַלט זיך איין אַלץ עקשנות'דיגער צעקוואַלט זיך ביי מיר אינעווייניג אַ געלעכטער קוקנדיג אויף די צווי לאַך־פאַנטאַנען.

מיר דערמאָנט זיך אַ טענעמענט־הויז, וואו איך האָב געוואוינט מיט יאָרן צוריק. ס'איז געווען זומער, שטיקנדיג און ענג. אַלע פענצטער זיינען אָפן אין די זעכצן טענעמענטס־לעכער. פון יעדן פענצטער טראָגט זיך עפּעס אַנדערש. דאָ ווײנט מען, דאָרט קריגט מען זיך. קללות פליען. קרעכצן שלאָגן זיך דורך. מיטאַמאָל רייסט זיך אַריין אין דעם יאָמער־רוים אַ הויכער, געזונטער געלעכטער. איך דערקאָן גלייך, אַז דאָס איז אַ גראַמאָפאָן־רעקאָרד. דאָס לאַכן טראָגט זיך אַריין אין יעדן פענצטער, ווי אַ גערוס פון יענעם טענעמענט, וואו עס וואוינט דער איינ־זאַמער מענטשן מיטן לאַך־רעקאָרד . . .

מיין דערמאָנען זיך אָן יענעם רעקאָרד מאַכט די לאַגע אַ האָר ניט בעסער. איך פיל, אַז אָט־אָט און איך וועל אויך אויספּלאַצן. אַפנים דאָס מיידל האָט עפּעס אין מיר באַמערקט און גענומען זיך אָפּרוקן עט־וואָס פון מיר, ווי זי וואָלט חרטה האָבן פאַרוואָס זי האָט מיר געשטערט.

— אַנטשולדיגט! — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט שולדיגע אויגן אין וועלכע עס איז דערשטיקט געוואָרן אויף אַ מאָמענט דער ניט־פאַר־ענדיגטער לאַך. אָן איר אַקצענט האָב איך דערקאָנט, אַז זי קומט פון דער סאַוט. דאָרט, וואו דער צווישנשייד צווישן שוואַרצע און ווייסע האַלט נאָך אָן מיט פולער קראַפט . . . וואו די צווי קאָלירן טאָרן זיך ניט אויסמישן אין איין וואַגאָן, צי אויפן באַן, צי אין דער טראָלי־קאַר.

איר פאַרשולדיגטקייט האָט געמיינט: מיר זיינען ניט שולדיג, וואָס מיר האָבן פאַרגעסן, אַז מיר זיינען שוואַרצע . . . דאָ איז אַ וועלט פון מאָרגן — האָבן מיר דערווייל פאַרגעסן דעם היינט . . .

זיי זיינען ביידע מיטאַמאָל ערנסט געוואָרן און גענומען זיך רוקן פון מיר. אָבער מיין רואיגע און פריינטלעכע האַלטונג האָט זיי גלייך בארואיגט און מיר האָט זיך פאַרוואָלט אַ זאָג טאָן זיי אונזער שלום־עליכמ'ס ווערטל: „לאַכן איז געזונט — דאָקטוירים הייסן לאַכן". מיר האָט באַנג געטאָן, וואָס צוליב מיר האָט זי אָפּגעשטעלט איר שיינעם, צעפלאַטערטן געמיט און געזונטן געלעכטער.

פאַרביי אונזער באַנק זיינען כסדר דורכגעפאָרן די אוניפאָרמירטע מענער מיט די שטופּ־וועגעלעך. אייניגע פון די שטופּער האָבן ווי קראַנ־קע פערד קוים געשלעפּט זייערע פיס. אַ האַלבער קערפּער איינעמס איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אָן וואָגן און עס האָט זיך פּשוט געבעטן, אַז אימיצער זאָל קומען, אַריינזעצן דעם שטופּער אין וועגעלע און לאָזן זיך אים אַ ווײַלע אָפּרוען . . .

ניט איינער און ניט צוויי — אין די צענדליגער טראָגן זיי זיך פאַרביי מיט און אָן פּאַסאַזשירן. זיי טרעטן און טרעטן, מעסטן די וועלט פון מאָרגן מיט די שיך פון היינט . . . שלעפּן אויסגעגלייכטע, איינגעדעקטע פאָרלעך, וואָס זיינען אויף אַזויפיל פאַרטראָגן, אַז זיי געדענקען שוין גאָרניט, אַז היינטער זיי שלעפּט זיך אַ מענטש, וואָס פאַלט פון די פיס. זיי זיצן עפּעס, ווי זיי וואָלטן געפאָרן אויף אַ פּאַמעלעכער זעגל־שיף . . .

— דהער הי איז! — ווייזט דער יונגער נעגער אָן זיין פריינדין אויף איינעם פון די וואָגן־שטופּער, אַ הויכער, בלאָנדער יונגערמאַן מיט אַן אַריסטאָקראַטישן, פאַראיידלטן אויסזען.

— ווהער? — גיט זי אַ פרעג און גיט ווידער אויטאָמאַטיש אַ שאָס אַרויס מיט אַן אָפּגעפרישטן געלעכטער.

— ווילסט פאָרן נאָכאַמאָל — איז נאָכאַמאָל! — איז דער יונגער נעגער ברייטהאַרציג, שלעפּט אַרויס געלט פון קעשענע און רופט פון דער ווייטן דעם בלאָנדן וועגל־שטופּער.

— דוכט זיך, ער האָט אונז ניט דערקענט, — זאָגט דער נעגער־בחור מיט זיין ווייכן דרום־אַקצענט.

— ער האָט אונז יע דערקענט, האָני, — פרייט זיך די איצט־גליק־לעכע נעגער־טאָכטער און שטראַלט זיך פאַנאַנדער ווי אַ זיגערין, בעת דער הויכער ווייסער יונגערמאַן האָט אויסגעדרייט צו זיי זיין וועגעלע מיט גומענע רעדער.

ווי אַ נוס הייבט זיך פאַר מיר אָן אויפברעכן אַ שטיק אַמעריקע . . .

— קאָם־אַן, האָני־באָנטש! — האָט דער נעגער־בחור אַ צי געטאָן זיין יונג, עלאַסטיש מיידל און זי געהאָלפן אַוועקזעצן זיך אינם וועגעלע. זיין טונקעלע האַנט האָט הויך געהאַלטן דעם גרינעם דאָלאַר, אַ ווײַלע מיט אים געפאָכעט ווי מיט אַ פענדל און דערלאַנגט עס דעם ווייסן וועגל־שטופּער. יענער האָט העפלעך און אויך מיט אַ דרום־אַקצענט באַדאַנקט דעם פאָרל, פאָרזיכטיג זיי צוגעדעקט מיט דער וואָלענער קאָלדרע, אַראָפּ־געדרוקט זיין רונדע הוט איבערן שטערן און אָנגעהויבן שטופּן דאָס נע־גער־פּאָרל צווישן דעם געדיכטן עולם, קלאַפּנדיג אַלע ווײַלע אינם רווישנדיגן בלעך פונם וועגל, כדי צו מאַכן אַ וואַרע פאַר זיינע פּאַסאַזשירן.

אין ברייטן געזעס זיינען די צוויי יונגע נעגער־קינדער געזעסן אַרומגענומענע, מיט פאַרזשמורעטע אויגן געגן דער זיך אַראָפּלאָזנ־דיגער זון, ווי צוויי צופרידענע קעצעלעך, וואָס האָבן ערשט געכאַפּט אַ נאַש . . . אירע ווייסע ציינער האָבן זיך געגריסט מיטן בלאָען הימל און געגלאַנצט צוזאַמען מיט אירע לאַכנדיגע אויגן, פּונקט ווי זי וואָלט זיך פאַרמאָסטן אויסצולאַכן פאַר אַלע אירע פריערדיגע ניט־דערלאַכטע יאָרן אין דער געזעלשאַפט פון ווייסע.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז ביים נעגער־בחור דערקייקלט זיך צו די סאַמע ליפּן דער געדאַנק:

„אין דער אמת'ער וועלט פון מאָרגן וועט מען ניט דאַרפן „כאַפּן קיין נאַש", מ'וועט ניט דאַרפן איינער דעם אַנדערן לינטשן . . . אָבער דערוויילל שטופּט אונז כאָטש אַ ווײלע, דו ווייסער איידלמאַן . . . דו, וואָס דו ווילסט מיט אונז אין דער סאַוט ניט זיצן אין איין באָס.

עס הויבט פאַר מיר אָן קלאָר ווערן, פאַרוואָס דאָס מיידל האָט אַזוי פריידיג געלאַכט, און איך צעלאַך זיך אויך, ווען איך זע, ווי דער ווייסער שטופּט אַוועק דער שוואַרצער פּאָרל ,ווי אַ פערדל.

מיידלעך אין אַ זעלבסט־שוץ געגן פּאָגראָמען

(דערינערונגען פון 1905)

געוויקלט אין האַרבסטיקן פייכטן ווינט זיינען מיר מיט ווייכע פאָרזיכטיקע טריט אַריין צו דער פּאַפּיראָסן־מאַכערין אין קאַמער. דער מיטן פון דיל איז געווען אָנגעטראָטן פון גרויסע מענערשע שיך, און אויסגעזען אַנטקעגן די זויבערע ווינקעלעך פאַרשעמט. פון פאַרשוויצטע מידע פנים׳ער האָבן נאַסע טראָפּנס אַרונטערגערונען. דער רויך, וואָס האָט זיך געשפּאַרט צום סופית האָט דערציילט, אַז אַ סך מענער זיינען דאָ היינט געווען אין קאַמער. אָבער איצט זיינען דאָ בלויז געווען אַרום אַ צענדליק טוער — פון די גאָר געהויבענע, געוואַגטע: אברהם דער גאַרבער אין די בלאַנקע שטיוועלעך, בעריש דער שלאָסער, חיים דער בלעכער, מאָטל קאַפּיטאַן און מוישקע דער שניידער.

ווי געלערנטע אָפּיצערן האָבן זיי אַלע אויסגעזען אַזוינע יונגע, שטאַרקע, אומדערשראָקענע.

די פּאַפּיראָסן־מאַכערין איז נישט אָפּגעטראָטן פון בעט. דער צודעק איז היינט געווען אַרונטערגעלאָזן ביזן דיל. זי איז אַלעמאָל אַנטקעגן געגאַנגען יעדערן, וואָס איז צוגעגאַנגען נאָענט צום בעט, אַזוי ווי אַ זייער קראַנקער וואָלט דאָרטן געלעגן און ווי נאָר מ׳וועט אָנרירן דאָס בעט שטאַרבט חלילה יענער אַוועק. איר פאָטער, אַ נידעריקער איד, איז אַלעמאָל אַריין אין קאַמער נאָך עפּעס און געוואָרפן אַ פאַרדעכטיקן בליק צום אונטערן בעט, אַ דריי געטאָן זיין היטעלע און עפּעס ברייז און צעשראָקן גערעדט.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָ זיינען פאַרזאַמלט די מיטגלידער פון זעלבסט־שוץ. ווייל שוין לאַנג, אַז מ׳רעדט אין שטאָט, אַז עס געפינט זיך דאָ אַ „בויאַוואָיער אָטריאַד" פון טויזנטער און טויזנטער, וועלכע וועלן זיך שטעלן אַנטקעגן די פּאָגראָמשטשיקעס. און די פּאָגראָמשטשיקעס האָט מען דערוואַרט יעדע מינוט. די צייטונגען זיינען געווען פול מיט בילדער פון געטויטע קינדער, פון געשענדעטע פרויען, פון יעדער פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט צעשראָקענע אויגן. קרעמער האָבן געהאַלטן געגרייט ביישטייערונגען פאַר געווער און מיט ציטערנדיקע הענט

דערלאַנגט דורך די טירן: „נאָט אייך נאָך, נעמט און פאַרטיידיגט די אידן". מאַמעס האָבן די עופה'לעך דערציילט, אַז דאָ ביי אונז אין שטאָט וועט ניט זיין אַזוי ווי אין אַנדערע שטעט. דאָ וועט מען זיי פאַר־היטן פון די בייזע גויאים. דאָ וועט קיין פּאָגראָם ניט זיין.

דער צימער איז פול געוואָרן מיט מיידלעך, אַלע אַזוינע דינגע, גרינ־גע, דאַרינקע און בלייכע. מ'האָט נישט גערעדט. מאָטל קאַפּיטאַן איז אומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער און באַטראַכט די מיידלעך. ציימונגען מיט די לעצטע נייעס וועגן פּאָגראָמען האָבן גענומען גיין פון האַנט צו האַנט. בילדער פון דערמאָרדעטע קינדער האָבן געמאַכט דאָס בלוט אויפזידן. מ'האָט גערעדט, אַז נאָך דעם חודש וועלן זיך אַרונטער־לאָזן טויזנטער גויאים אָנגערייצטע, אומוויסנדיגע. צום פּריזיוו וועלן זיי זיך קומען שטעלן. מ'האָט גערעדט, אַז די אידן וואַרטן אויף פאַר־טיידיגער. די מיידלעך האָבן ווייניג גערעדט. יעדע מיידל האָט גע־טראַכט פון העלפן ווען דער טאָג פון פאַרטיידיגן זיך וועט קומען, אָבער ווי אַזוי און מיט וואָס?

די פּאַפּיראָסן־מאַכערין איז ניט אָפּגעטראָטן פון בעט. זי האָט גע־היט מיט אירע האַלב־קינדערשע בליקן אַ קעסטעלע אַזאַ, וואָס זי אַליין האָט אויך ניט געוואוסט וואָס אינעווייניג טוט זיך, וואָס נאָך אַ סך האָבן ניט געוואוסט וואָס אינעווייניג טוט זיך, און אַ סך האָבן אפילו ניט גע־וואוסט פאַר וואָס זי טרעט ניט אָפּ פון בעט. אין קאַמער איז געוואָרן ליידיגער און ליידיגער. אַלע פאָר מינוט איז אַ חבר אַרויס.

:: :: ::

ס'איז געווען געפערלעך אַהיים צו גיין. טויערן און לאָדן פאַר־מאַכט. דער האַרבסטיגער וועטער איז געווען פּונקט ווי די שטימונג אין שטאָט. אַ שטערנלאָזער הימל, ווי דאָס צעשראָקענע האַרץ פון אַ אידישער מאַמען. וואו ניט וואו אַ מענטש, וועלכער שאַרט זיך מיטן רוקן צום וואַנט. קאָזאַקן אויף פערד. פערד קלאַפּן אויס שרעק אויפן נאַסן ברוק, און די קאָזאַקן פייפן אונטער. אַ הונט בילט, זאָגט אָן, אַז ערגעץ טרעטן מענטשן. נעמען קאָזאַקן אונטערטרייבן די פערד. הערט די שטילע נאַכט ווי לאָדן פאַרמאַכן זיך פעסטער. ווערט שאַ, שטילער, טרויעריג, שרעקלעך . . .

דעמאָלט פירט מיר מאָטל קאַפּיטאַן אַהיים פון דער זעלבסט־שוץ פאַרזאַמלונג. אַ פיצל פייער ברענט נאָך אין מיין פענצטערל. מיין מאַ־מע וואַרט. אַלע נאַכט וואַרט זי אָדער אויף מיר, אָדער אויף מיין שוועסטער. מאָטל איז אַזוי הויך און איך אַזוי קליין — בויגט ער זיך צו און זאָגט מיר אין אויער אַריין:

— איר׳ט זיין אַזוי גוט, סאַרקע, און שלאָפן אין די זאַכן . . . איר׳ט מוזן אַזוי ליגן און וואַרטן אויף אַ פייף . . . איר — איר זייט אַ מיטגליד פון דער זעלבסט־שוץ בריגאַדע. — און אַזוי זאָגנדיג, שאַרט ער זיך אַוועק אויף דער שאָטנדיגער זייט.

היינט בילן נאָך שטאַרקער און מיר באַפאַלט אַ שרעק. איך — אַ זעלבסט־שוץ בריגאַדירקע! אויף אַ פייף דאַרף איך וואַרטן . . . די נאַכט האָט זיך געצויגן אַזוי פינצטער, אַזוי לאַנג. יעדער ריר פון עפּעס אַרום האָט מיר אויסגעוויזן, אַז עס איז דער פייף. און וואָס נאָכן פייף?... אפשר טאַקע דער פּאָגראָם? . . . אפשר זיינען די פּאָגראָמשטשיקעס שוין דאָ אין שטאָט? איז וואָס קאָן איך טאָן, איך, אַזאַ קליינע?

איך האָב געהאַלטן אין ציילן די טיק־טאַקן פון אַלטן וואַנט־זייגער ווען אַ פייף האָט מיר אַ שטאָך געטאָן אין קאָפּ ביז די שפּיצן פון די פּיס. בינדענדיג דער מאַמע׳ס פּאַטשיילע אַרום קאָפּ שטיי איך שוין אונטן, לעבן טויער און קוק אַרויף צום הויכן מאָטלען. יענער טראָגט אַזוינע קורצע הייזלעך, די הענט שטעקן אים אַרויס פון די קורצע אַרבל און ער באַפעלט מיר:

— לויפט צו דעם פּלאַץ, ווי גיך עס איז נאָר מעגלעך פאַר אייך! איך כאַפּ אָן זיין האַנט:

— קומט, — זאָג איך, — לאָמיר לויפן צוזאַמען.

— ניין, — מאַכט ער, — איך לויף מיט אַן אַנדער וועג.

און אויס — מאָטל קאַפּיטאַן איז ניט געוואָרן. די נאַכט איז שוואַרץ און קאַלט.

איך לויף, לויף און לויף. וואָס ווייטער אַלץ העכער דער באַרג, אַלץ מידער די פּיס, אַלץ קלאַפּעדיגער דאָס האַרץ. שכורים וואַקלען זיך פאַרביי, דער הימל איז נידעריג. אַ דינער רעגן יאָגט מיר נאָך. צוויי דער זייגער און איך לויף — אַ לאַנגער שאָטן נאָך מיר. מיר זיינען אָנגעלאָפן פאַרסאָפּעטע — איך מיט מיין שאָטן. לעבן אַן אַלטן פאַר־לאָזענעם ברונעם. עס איז מיר פריילעכער געוואָרן. אַלע דאַרע מייד־לעך זיינען דאָרטן געווען. די זעלבסט־שוץ קאַפּיטאַנען האָבן אונז איי־בערגענומען און דערקלערט, אַז מ׳האָט נאָר געוואָלט זען ווי גיך מיר מיידלעך קאָנען לויפן און — מיר קאָנען טאַקע. זיי האָבן געקוקט אויפן זייגער, אונז דערקלערט פאַר דעם „פליענדיגן פּאָלק״ און אונז אַהיים־געשיקט, ביז מ׳וועט אונז ווידער רופן.

אין יעדער געגנט איז איינגעשטאַנען אַ גרופּע פון דעם „בויעוואָיען אָטריאַד״ — און יעדער צוויג האָט זיך געהאַט זיינע פליערינס — די דאַרע פלינקע מיידלעך, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען אויפן מאַרק אין די גרויסע גאַסן און געהיט — צי מען דאַרף שוין לויפן אָנזאָגן די יאַטן, אַז

עס הויבט זיך אָן.

צווישן די אידישע קרעמער האָט מען געהערט רעדן, אַז אין שטאָט געפינען זיך טויזנטער העלדן. זיי ליגן ערגעץ באַהאַלטן און ווי נאָר די גויאים הויבן אָן וועט מען זיי ווייזן. אין די קלויזן ליגן באַהאַלטן אונ־טער דער ערד טויזנטער רעוואָלווערן. און די אַלע ווייבער און אידן האָבן גאָר ניט געוואוסט, אַז מיר, די בלאַסע קליינע מיידלעך, וועלכע גייען דאָ אַרום מיט דער מאַמעס פאַטשיילע אַרומגעבונדן, מיט די זע־קעלעך שוואַרצע פעפער אין די קעשענעס, זיינען דאָ די בריגאַדיסט־קעס.

די קרעמער האָבן אַלע טאָג צוגעשיקט הערינג מיט בולבעס און פעקעלעך טיי אין די קוואַרטירן. די יאַטן האָבן געגעסן און געוואַרט אויף נייעס.

איין פרימאָרגן, ווען איך מיט נאָך אַ מיידל זיינען אַרומגעגאַנגען אין מאַרק און געהיט, זיינען אָנגעקומען אַ פּאָר צענדליג יונגע גויאים, יונגע פּריזיוואָניקעס. „קומט, קומט! לאָמיר אַלץ נעמען אומזיסט! די אידן האָבן גענוג! די טעכטער זייערע ווילן מיר אויך!" — האָבן זיי געשריען און מיט די שווערע שטיוואַלעס געבריקעט די קערבלעך ביי די זיצערינס.

איצט איז די צייט צו לויפן אָנזאָגן, האָבן מיר באַשלאָסן. פליטער־פלאַמער און מיר זיינען אין קלויז:

— לויפט, לויפט, חברים אויפן מאַרק! עס הויבט זיך אָן — לויפט!

די פליערקעס האָבן זיך געוואָרעמט די הענט אָן די קענדלעך טיי, און די פּאָר צענדליג יאַטן האָבן צעיאָגט די פּאָגראָמשטשיקעס פון מאַרק.

אויף מאָרגן פרי זיינען שוין די קראָמען געווען אָפן. די קרעמער האָבן אונז געלויבט פאַר אונזער העלדישקייט, און קיין פּאָגראָם איז ניט פאָרגעקומען.

יענע נאַכט

(דעראינערונג פון אַלטן רוסלאַנד)

די מידע חנה איז געשלאָפן אין די זאַכן. פון אירע קליידער האָט זיך געפילט מאַרק. לעבן בעט זיינען נאָך געשטאַנען אירע צוויי קערב, ברייטע, צעשפּאַרטע, צע'הרג'עטע קערב, דאָ און דאָרט צונויפגעבונדן מיט אַ שטריק, פּונקט ווי אירע פאַרבונדענע שיך. ווי פאַרוואונדעטע זעלנער, וואָס קערן זיך אום פון אַ שלאַכט, האָבן אויסגעזען די צוויי קערב חנה'ס, און די צוויי שיך, וואָס העלפן איר דעם גאַנצן טאָג פירן אַ קאַמף מיטן הונגער: אַליין די מאַמע, אַליין דער טאַטע.

דאָס פּיצל צימערל איז שלעכט באַלויכטן. אין דרויסן קלאָגט אַזוי דער ווינט, רייסט זיך דורכן קוימען און טוט אַלע מאָל אַ בלאָז אַרויס דאָס אַש פון קליינעם שטיינערנעם אויוועלע. די שויבן ציטערן, עפּעס ווי זיי וואָלטן מיטגעקלאָגט מיטן ווינט אַ געמיינשאַפטלעכן געיאָמער.

חנה'ס אינגערע טאָכטער, פּעסל'ען, איז ערגער פון דער מאַמען אירער. אין אַזוינע נעכט, ווייס זי, פּאַסירט שרעקלעכעס. אין אַזוינע נעכט באַהאַלטן זיך מערדער הינטער לאַדן, אין אַזוינע נעכט ברעכט מען גראַטעס אין טורמעס; אין אַזוינע שטורעמדיגע נעכט טרינקען זיך שיפן אויפן ים . . . און איר, פּעסל'ס מאַן, איז מיט צוויי וואָכן צוריק אַנט־לאָפן קיין אַמעריקע.

שוין אַ פיר וואָכן, ווי פּעסל איז פאַרהייראַט, און זי איז נאָך ניט קיין פולע 18 יאָר. ווילט זיך פּעסל'ען וויינען צוזאַמען מיטן ווינט. אייניקע אַליין געבליבן מיט איר מאַמען. ווי די מאַמע אירע קומט פון מאַרק, פאַלט זי אַוועק. קיין בריוו פון מאַן, אַז ער זאָל שוין האָבן מיט מזל אַריבער דעם ים, האָט זי נאָך ניט. זיצט פּעסל מיט איר יונגן קאָפּ אין די אויסגעהאָרעוועטע יונגע הענט, קוקט אָן די נידעריגע פלעמלעך פון לעמפּל, פלעמלעך, וועלכע האַלטן אין איין ציטערן: אָט־אָט לעשן זיי זיך אויס און אָט ראַטעווען זיי זיך ווידער פון דעם שאַרפן ווינט, וואָס רייסט די טוך פון דעם צעבראָכענעם שויב.

אין אַזאַ נאַכט טראַכט פּעסל פון איר שוועסטער, וואָס זיצט שוין כמעט אַ יאָר צייט אין מאַגילאָווער טורמע. מיט איין יאָר צוריק איז זי און איר שוועסטער געשלאָפן אָטאָ דאָ, אויף דער קאַנאַפּע. אָט דאָ־אָ,

לעבן לעמפּל, פּלעגן זיי ביידע לייענען די ניט־לעגאַלע ביכלעך, ווען די מידע מאַמע איז געלעגן און געשלאָפן. און איצט איז שוין באַלד אַ יאָר, ווי איר ליבע שוועסטער ליגט הינטער גראַבע גראַטעס. און זי מוז נאָך אָפּנאַרן איר טייערער מאַמען: צוויי מאָל אַ וואָך שרייבט זי אַליין אָן בריוולעך, לייגט זיי אַריין אין אַ קאָנווערט און רעדט־איין דער מאַמען, אַז עס איז פון עטל׳ען. ס׳איז נאָך גוט, וואָס די מאַמע קאָן ניט לייענען און שרייבן.

אויף איר מאַנ׳ס אַוועקפאָרן אין אַמעריקע קוקט זי בכלל ווי אויף אַ ליכטיגער האָפענונג — אין אַ יאָר אַרום וועט ער שיקן נאָך איר, דערנאָך וועט מען שיקן נאָך דער מאַמען. אָבער שלעכט איז מיט דער שוועסטער: וואו וועט זי פאַרבלייבן? פאַר אַזוינע שווערע פּאָליטישע פאַרברעכנס, וואָס די שוועסטער האָט אָפּגעטאָן, פאַרשיקט מען דאָך אין וויטן סיביר. הונדערטער קעמפער האָט מען דאָך שוין דאָרט פאַר־שיקט . . .

עס האָט זיך פּעסל׳ען געוואָלט צוטוליען צו איר מאַמען, דערציילן איר אַלץ — אפשר וואָלט זי עפּעס געקאָנט טאָן פאַר עטל׳ען? קיין טאַטן, קיין ברודער האָבן זיי ניט; די פריינט ווילן זיך מיט זיי ניט באַגעגענען צוליב דעם, וואָס די צוויי מיידלעך זיינען געוואָרן סאָציאַ־ליסטקעס, פאַרנעמען זיך מיט רייד וועגן אַרונטערוואַרפן דעם צאַר. איז ווער וועט זיך אָננעמען פאַר איר שוועסטער? און זי, פּעסל, איז אַזוי יונג, אַזוי עלנט. אַליין אין פּיצל צימערל. זי און איר פאַרהאָרעוועטע מאַמע.

פּלוצלונג האָט פּעסל דערזען, ווי דאָס הענטל פון טיר רירט זיך. צוערשט איז פּעסל׳ען אַריבער אַ קעלט איבערן לייב. זי האָט געעפנט ברייט אירע אויגן, געוואָלט אויסשרייען, אויפוועקן דער מאַמען. דער־נאָך איז בליץ־גיך דורכגעפלויגן אַ געדאַנק: אפשר דער ווינט? אָבער ניין, ס׳איז ניט דער ווינט . . . אימיצער שטופּט זייער פאַרזיכטיג די טיר . . .

— פּעסל, שריי ניט; פּעסל, שטיל, — הערט זי אַ געבעט פון אַ באַקאַנטע שטימע. — פּעסל, נעם דאָס לעמפּל, קום אַרויס אין פאַר־הויז, — הערט זיך ווידער די זעלבע שטימע.

פּעסל האָט גענומען דאָס לעמפּל, און, קוים זיך האַלטנדיג אויף די פיס, אַרויס אין פאַרהויז.

זי האָט זיך עטוואָס באַרואיגט. ס׳איז אַ באַקאַנטער, איר שוועס־טער׳ס חבר.

אָבער צוליב וואָס איז ער פאַרקליידט פאַר אַ פויער, און וואָס טוט דאָ אין פאַרהויז דער יונגער גלח?

איידער, אָבער, עטל'ס חבר האָט נאָך צייט געהאַט אַ וואָרט אַרויס־צורײדן, האָט דער גלח אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין שוואַרצן מאַנטל, אַראָפּגעריסן זיין באָרד און געפאַלן פעסל'ען אויפן האַלז, געגומען זי קושן, און דערנאָך שטילערהייט אַרויסגערעדט:

— פעסל טייערע, שוועסטער מיינע, איך מוז גלייך גיין צוריק. נאָר די שטורעמדיגע נאַכט האָט מעגלעך געמאַכט מיין קומען דיך זען... שוין אַ פּאָר טעג, אַז איך בין אין שטאָט . . . די חברים האָבן מיך באַפרייט, איידער מ'האָט מיך אַריינגעפירט אין געריכט־זאַל.

פעסל האָט איר שוועסטער געהאַלטן אַרומגענומען, געוויינט און זיך געפרייט, געקוקט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אויף איר וואונדערבאַרער שוועסטער, וועלכע איז אָפּגעזעסן אַ גאַנצן יאָר אין טורמע און אַזוי געהיימניספול איצט געקומען, אין שטורעם, זען זי און דער מאַמען. אַן אַנדער עטל איז זי איצט געווען — אַ שוועסטער פון אַ מעשה־בוך.

— קום, עטל, וועסט זען דער מאַמען . . . דערציייל איר קיין שום זאַך ניט . . . — האָט פעסל געבעטן מיט אַ ציטערנדיגער שטים.

— ניין, פעסל, דער מאַמען קאָן איך ניט זען . . . די מאַמע קאָן נאָך פּאַר פרייד אויפוועקן די שכנים. די מאַמע וועט מיך ניט אָוועקלאָזן, און איך מוז נאָך די נ אַ כ ט אָוועקפאָרן, — האָט עטל מיט גרויס פאַרדרוס איינגעט'טענה'ט.

— אָוועקפאָרן? וואו? און ווי אַזוי? — האָט פעסל געפרעגט מיט שרעק, און צוגעטראָגן דאָס לעמפל זייער נאָענט צו איר שוועסטער'ס פּנים.

— איך ווייס ניט ווי אַזוי, אָבער דאָ קאָן איך ניט פאַרבלייבן . . . ס'קאָן זיין, אַז איצט יאָגן זיך שוין די קאָזאַקן נאָך מיר.

פעסל'ען איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק:

— איך האָב אַ פּלאַן, שוועסטער: נעם מיין פּאַס; זאָל דיין נאָמען זיין פעסל פון היינט־אָן. נעם מיין פּאַס און פּאָר געזונטערהייט.

אין פינצטערן פאָדערהויז איז געוואָרן ליכטיג פון פעסל'ס גליקלעכע אויגן.

ביידע שוועסטער זיינען שטיל, אויף די שפּיץ פינגער אַריין אין צימער. די מוטער איז זייער שוער געשלאָפן. זיינען זיי ביידע אַזוי געשטאַנען, באַטראַכט זייער מאַמען, וואָס זעט אויס אַזוי אַלט און צעבראָכן. עטל האָט ביי איר מאַמען שטילערהייט אַרונטערגעצויגן די פייכטע, צעדרייטע שיך פון די פיס.

— אָ, מאַמע, — האָט זי געוויינט, — איך זע דיך אפשר צום לעצטן מאָל. איך וועל אָבער צוריק קומען, ווען דער גרויסער טאָג וועט קומען.

זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דר'ערד און געטאָן איר לעצטן קוק אויף איר מאַמען.

זי האָט זיך ווידער צעקושט מיט פעסל'ען, גענומען איר פאַס און זיך ווידער אָנגעטאָן דעם גלח'ס קליידער. דער חבר האָט פאַרריכט זיין פויערשע היטל אוןביידע זיינען אַרויס.

פעסל איז געבליבן לעבן פיצל פענצטערל און לאַנג נאָכגעקוקט, ווי אין שניי־שטורעם וויגן זיך צוויי טונקעלע געשטאַלטן און ווערן אַלץ קלענער און קלענער אין דער ווייטקייט.

די לאַטקעס האָבן געזיגט

(דעראינערונג פון מיינע קינדער־יאָרן)

אַז מיר, מיידלעך און אינגלעך, זיינען שוין געוואָרן אויפגעקלער־טע אַרבעטער, האָבן אַוועקגעוואָרפן אַלע „פאַנאַטיזמוסן", האָט עס אונז נאָך אַלץ געצויגן צו די לאַטקעס.

מיין זיידע, אברהם דער קרופניק — אברהם דער מלמד — האָט געוואוינט פון יענער זייט דווינע. אויפן סאַמע ברעג פון טייך, איז גע־שטאַנען זיין שטיבעלע. זומער האָט דאָס וואַסער שטענדיג געוואַשן זיין שוועל, און ווינטער פלעגט דער שייַן פון די פענצטער פונם שטיבעלע ליגן אויפן פאַרפראָרענעם טייך. חנוכה איז ביי אונז געווען אַ שווערער יום־טוב בייצוקומען. אַזוינע לאַטקעס, ווי מיין באָבע פלעגט מאַכן, האָבן אונזערע מאַמעס ניט געקענט באַווייזן.

אַלע שוועסטער־קינדער זיינען געווען פריי־געזאָנענע. איז וואָס טוט מען?

עסן לאַטקעס וועט מיינען, אַז מיר האַלטן פון חנוכה; ניט עסן לאַטקעס איז נאָך ערגער. און דער זיידע מיט דער באָבען וואַרטן.

די באָבע ענדיגט שוין די „פינגער" פון די רויטע הענטשיקעס. מיט פיצינקע שפיזלעך שטריקט זי זיי. אַ גאַנצן יאָר שטריקט זי זיי — פאַר די אייניקלעך. פלעגן מיר וואַרטן נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, און ניט וועלן זיין „פאַנאַטיש", ניט וועלן האַלטן חנוכה. דער זיידע ווייס שוין עפּעס יאָ, אַז מיר, אייניקלעך, זיינען „אַראָפּגעפירט געוואָרן פון וועג", האָבן אויפגעהערט פאַסטן תניתים. אָבער די באָבע גלויבט ניט. האָט זי אַלעמענס מתנות פאַרטיג — און וואַרט.

זיינען מיר צום אַכטן ליכטל געגאַנגען כאָטש שפּאַצירן אויפן פאַר־פראָרענעם טייך דווינאַ. פון דעם קוימען פון מיין באָבע'ס הייזקעלע איז געגאַנגען אַ רויך און דערציילט, אַז אויפן פריפּעטשאָק פּרעגלען זיך לאַטקעס. און דער רויך האָט עפּעס אַזוי געצויגן . . .

איין קוזין מיינער, וועלכער איז שוין געווען זעכצן יאָר אַלט, און האָט שוין צוויי מאָל געטראָגן אַ שטעקל אום שבת, איז געבליבן שטיין אין מיטן וועג —

— ניין, — האָט ער באַפוילן, — מיר גייען ניט ווייטער! דעם

זיידן קען נאָך איינפאַלן אונז הייסן שפּילן אין ווערפלעך (דריידלעך)!
מיר קערן זיך אום:
— דער זיידע איז אַן אָרימאַן און מיר האַלטן מיט די אָרימעלייט
— מעגן מיר גיין אַהין, דעם זיידן מיט דער באָבען פריילעך מאַכן, — האָט אַ קוזינע מיינע זיך איינגעשפּאַרט. זי וויל ניט גיין אַהים נאָר טאָקע גלייך אַריינגיין צום זיידן.
די נאַכט איז געווען אַ פּראָסטיגע, אַ שטילע. דער טייך איז גע־לעגן, ווי אַ קלאָרער פּוכאָווער פעלד. דער שניי האָט געסקריפּעט אונ־טער די פיס און לאַנגע ליכטיגע „שפּיזן" האָבן זיך געצויגן פון זיידנס חנוכה־לאָמפּ איבערן שנייאיגן וועג:
— זעט, קינדער! זעט די גאָלדענע שפּיזן! זעט ווי שיין! — האָב איך אויפמערקזאַם געמאַכט די איבעריגע, און אַזוי טרעטנדיג פאַר־וואונדערט אויף די גאָלדענע פּאַסן ליכטיגקייט, זיינען מיר געווען לעבן זיידנ׳ס טיר.
— אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען! — האָט דער זיידע אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, ווען ער האָט אונז דערזען.
— איר זייט דאָ, טייערינקע — האָט די באָבע אונז געקושט.
— וואָס דען, זיי וועלן ווערן אַפּיקורסים, מיינע אייניקלעך? דאָס האָבן נאָר בייזע צינגער אויסגעטראַכט אויף זיי, — האָט די באָבע גע־זאָגט ווישנדיג די אויגן פאַר פרייד. זי האָט זיך גענומען צום פּרעגלען לאַטקעס. די שפּענדלעך האָבן געקנאַקט, די פלעמלעך האָבן באַלויכטן דער באָבע׳ס פּנים. די בעקלעך זיינען איר רויט געוואָרן און מיר האָבן געכאַפּט די לאַטקעס פון פּענדל. די קאַץ איז אויך אַרונטער פון אויוון, זיך געשאַרט לעבן אונזערע פיס, און דער זיידע האָט זיך געוויגט איבער אַ גראָבן ספר.
קיין לאַטקעס צו דערלאַנגען צום טיש האָט שוין ניט געסטאַיעט. מיר האָבן זיי צעכאַפּט פון פאַן.
די באָבע האָט אָפּגעווישט די הענט אָן פאַרטוך, פאַרריכט איר ציפּיקל און גענומען אויסוויקלען עפּעס פון אַ צען פּאַפּירן.
— קינדערלעך, — האָט זיך דער זיידע אָפּגערופן, אַריבערקוקנ־דיק איבער זיינע ברילן, — דעם יאָר וועט זיין אַנדערש, ווי אַלע יאָר. איר זייט געוואָרן פריי־געזאָגענע, מענטשן ריידן, — האָט די באָבע אויסגעשטריקט איין פּאָר הענטשיקעס.
— יע, קינדערלעך, איין פּאָר הענטשיקעס, — האָט די באָבע צו־געגעבן אויפהויבנדיג אין דער הויך אַ פּאָר רויטע, וואָלענע הענטשקעס.
אַלע זיינען צוגעפאַלן צו דער חנוכה־מתנה.
מיין קוזין האָט זייער געוואָלט די מתנה.

— לאָמיר שפּילן ווערפלעך (דריידלעך) און ווער עס וועט געווי־נען די הענטשיקעס, יענעמס וועט עס זיין, — האָט דער זיידע אויס־געדופן.

ער האָט גלייך אַרויסגענומען אַן אַלט געשניצטן ווערפל פון אַ ביי־טעלע, וואָס דאָרטן האַלט ער זיינע יום־טוב׳דיגע ברילן, זיין טאַבאַק־פּושקע און ווער ווייס וואָסערע ווערטפולע זאַכן.

אָפּגעווישט דעם הילצערנעם טיש — און היידאַ. דער זיידע האָט קינדעריש געלאַכט ביי יעדן דריי מיט זיינע אַלטע פינגער. זיין רונדע ווייסע באָרד האָט פריידיג געציטערט ווען דער ווערפל האָט זיך איבער־געדרייט מיטן „זאַיען" אַרויף. דאָס הייסט, אַז דער זיידע געווינט און געווינט! קיינער פון אונדז האָט ניט געקענט אַזאַ דריי טאָן דעם ווערפל, ווי מיין זיידע, דער קליינינקער אברהם קרופּניק (אברהם באַרקאַן!)

די באָבע איז געשטאַנען לעבן טיש און אָפּגעלאַכט פון איר אַלטן.

— אַי־אַי־אַי, נאַרישער זיידע, — האָט זי זיך געשעמט פאַר אונדז מיט איר מאַן, — ביסט דאָך אַ אינגל, ביסטו דאָך!

און דער ווערפל איז געלאָפן איבערן אָפּגעריבענעם טיש.

צום סוף האָט די מתנה געוואונען דער זיידע. אָבער טראָגן האָט ער די הענטשקעס ניט געוואָלט, וועלכער קינד עס וועט פאַסטן יום־כפור, יענעם גיט ער אָפּ די נייאינקע רויטע הענטשקעס . . . .

די באָבע האָט שוין געדרעמלט לעבן פּריפּעטשאָק ווען אַנטאָן האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— העי! אַבראַמיכע! דער שליטן איז געשפּאַנט! וואו זיינען די אייניקלעך דיינע?

די באָבע האָט אונז אַרומגעבונדן מיט צען טיכער יעדן, אַזוי אַז מער ווי די אויגן האָבן זיך ניט אַרויסגעזען, און היידאַ איבערן טייך אין אַנטאָנ׳ס שליטן.

דער פערד איז געפלויגן איבערן פאַרפראָרענעם טייך. אַ פריי־שינקער שניי איז געפאַלן און באַצופּט אונזערע היטעלעך. איך און מיין קוזין האָבן געהאַט דעם פאַרגעניגן צו זיצן לעבן אַנטאָנ׳ען. די פּוכאָווע נאַכט האָט געהערט אונזערע לידער. אַנטאָנ׳ען איז די זאַך זייער געפעלן געוועזן. פאַר נאָך אַ ליד האָט ער אונז געפירט נאָך אַ גאַס. מיר האָבן געזונגען און ער האָט צוגעפייפט דורך פאַרפראָרענע וואָנצעס, און דער פערד האָט געבלאָזן אַ וואַרימע פאַרע אַנטקעגן דעם קלאָרן פאַלנדיגן שניי. די גלעקלעך אויף זיין האַלז האָבן צוגעקלונגען צום טאַקט פון אונזערע לידער.

פולע שליטנס מיט יונגוואַרג זיינען אונז אַנטקעגן געפאָרן, שאַ־לעקעס פון העלזער זיינען געפלויגן אין דער לופטן. דעם זיידנס שטי־

בעלע איז געוואָרן קלענער, קלענער. ער האָט זיך געוואָלט, אַז דער וועג זאָל זיין ווייט, ווייט.

נאָר איין אינגל האָט זיך זייער געערגערט: סטייטש, אַזוי „רע־ליגיעז” איז ער היינט געוועז! לאַטקעס געגעסן, ווערפלעך געשפּילט. ער, אַ אינגל פון באַלד שוין זעכצן יאָר, וואָס טראָגט שוין אַ שטעקעלע אום שבת!

— זאָגט ניט אויס, מיידלעך, איר הערט? זאָגט ניט אויס מיינע חברים, איך בעט איך, — האָט ער זיך געבעטן ביי אונז, ווען אַנטאָן האָט זיין פערד און שליטן אָפּגעשטעלט לעבן אונזער שטוב.

די מיסעס קאַהן

(אַ טיפּ פון אונזער צייט)

ווער קען ניט די מיסעס קאהן? אין דער אַלטער היים וואָלט מען זי גערופן „דער מענערשער קאָפּ". אין איר געגנט האָט זי אַ צונאָמען, „די וועלט־פאַרזאָרגערין".

קומט זי אַריין צו אַ שכנה, זאָגן דער שכנה'ס קינדער:

— היר קאמס יור וואָקינג ניוספּעיפּער!

די משפחה אירע האָט זי שוין לאַנג אויפגעגעבן.

מיט יאָרן צוריק פלעגט מען זי נאָך איינלאַדן צו אַ שמחה ביי דער משפחה — פאַרט אַ קרובה — איז ווען מען האָט זי אָפּגערופן און מ'האָט זי איינגעלאַדן ערגעץ צו קומען, האָט זי קיין צייט ניט געהאַט.

— זייט מיר געזונט און גליקלעך און טאַנצט פאַר מיר אויך. איך קאָן ליידער ניט קומען, איך האָב היינט אַ מיטינג! — איז אַלע מאָל געווען איר ענטפער.

— העלאָ, וועלט־פאַרזאָרגערין! העלאָ, די מומע זעלדע־ריווקע איז געשטאָרבן! קום צו דער לויה, דו מוזט קומען! — האָט מען זי איינמאָל אָפּגערופן.

— אוי ווי, זעלדע־ריווקע, — ערגערט זיך די מיסעס קאהן, — נעבעך אָפּגעפּינצטערט אַ לעבן, פון וויגעלע ביזן קבר, אין נויט און אין פינצטערניש. העלאָ! יאָ, איך ווייס, אין מיין עלטער געווען; נו, זי־כער ניט קיין יונג מיידעלע . . . אָבער איך קאָן ניט קומען צו דער לויה. איך מוז גיין מיט אַ קאָמיטע אין סיטי האָל צו פאָדערן גראַמערע סקולס פאַר די קינדער . . . העלאָ! . . . צוקומען ביינאַכט? ליידער, איך מוז גיין צו אַ טאַנץ וואָס די יוגנט גיט . . . איך מוז הערן ווי די מוזיקאַנטן שפּילן, ווייל איך וויל זיי דינגען פאַר מיין קלוב . . . אפשר קאָן מען די לויה אָפּלייגן? לאַכסט, האַ? אוי ווי! די מומע זעלדע ז'געשטאָרבן...

פון דעמאָלט אָן רופט זי קיינער ניט, אָבער זי כאַפּט זיך אָפּט צו. ווען זי קאָן נאָר אָפּרייסן אַ האַלבע שעה, לויפט אַריין „גוט־מאָרגן!", צעקושט זיך, פרעגט אויס אויף אַלעמען, גיך, גיך, און לויפט ווידער. אַז זי גייט אַוועק, געפינט מען אַ צייטונג, אַ ביכעלע: ע פּ ע ס לאָזט זי שטענדיג איבער צום לייענען פאַר אירע קרובים.

פון אין דער פרי אָן איז זי פאַרנומען לעבן טיר. גיך, גיך טוט זי אָפּ איר אַרבעט, לייענט דורך די צייטונג, שטעלט אָן די ראַדיאָ. ס'איז ניט קיין קלייניגקייט: מ'מוז וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אַלע מאָל קלאַפּט אימיצער אין טיר. צו איר טיר, ווייזט זיך איר אויס, קומען מער אַגענטן ווי צו אַנדערע טירן.

— זע נאַר, מאַמע, דו האָסט באַצאָלט אַ קוואָדער פאַר אַ שטיקל זייף, וואָס מ'קריגט עס פאַר צען סענט, און דער מאַן האָט אַריינ־געוואָרפן פינף סענט אין דיין באָקסעלע — סאָ וואָט איז די יוז? האָסט דאָך געקאָנט אַליין אַריינוואַרפן 15 סענט? — פרעגט איר טאָכטער.

די טאָכטער האָט געוויינלעך זייער ליב צו שטיין און הערן ווי אַזוי איר מוטער קאָן אַרגומענטירן וועגן פאַרשיידענע ענינים, ווי אַזוי איר מוטער, וועלכע איז אַ „פאָרעינער" ווייס דאָס אַ סך מער פון איר וועגן וועלט און לעבן.

— אָ, טאָכטערקע, דו גיסט דאָך מיר אַ כעלעמער אַרגומענט! איך האָב דאָך דערווייל גערעדט מיט דעם מענטשן, דערקלערט אים פאַר וואָס פאַר אַ צוועק דאָס געלט גייט. — קלערט די מיסעס קאהן אויף איר טאָכטער.

ווי זייער צייט איז טאַקע באַגרענעצט, פונדעסטוועגן בלייבן די פאַרשיידענע טיר־קלאַפּער שטיין אַ ווײַלע לענגער לעבן איר טיר. זיי וויסן, אַז זיי וועלן עפּעס הערן אַ גוט וואָרט פון דער קלוגער לעידי.

— יו אַר היר — סאָ וואָט דו יו קער פאַר די אָטהער סאַיד? — האָט אַ געבאָרענער אַמעריקאַנער איר איינמאָל געפרעגט.

מרס. קאהן האָט זיך אָנגענומען מיט צען מאָס געדולד און אים דערציילט פאַרכאַפּנדיגע געשיכטעס פון רוסלאַנד, אַז אַמאָל איז דאָרט געווען אַ צאַר... מיט גאָלדענע לעפלען האָט ער געגעסן... זיין ווייב האָט קליידער פון פערל געטראָגן... זיינע קאָזאַקן האָבן מענטשן אויף שפּיזן אויפגעהויבן, ווען זיי האָבן זיך באַקלאָגט אויף זייער ביטערן שיקזאַל... אַז לעבן יעדן קלויסטער זיינען שורות בעטלער געזעסן בלינדע, קאַליקעס... אַז מיליאָנען אַרבעטער זיינען אומגעגאַנגען אין טראַנטעס, און די ערד האָט געדאַרט און די פּויערים האָבן געהונגערט און די אידן זיינען געווען נאָך מער רעכטלאָז ווי די פּויערים. די קינ־דער זיינען הפקר געווען, אָן מילך און אָן שולעס... און אַז איצט האָבן אַלע פעלקער דאָרט ברויט און פרייהייט... דערפאַר פרייט זי זיך אַזוי מיטן לאַנד וואו זי האָט אַ האַלבן לעבן פאַרבראַכט אין שמוץ און אין הונגער, און איצט ווערט דאָרט בעסער און בעסער מיט יעדן טאָג אונ־טער די סאָוועטן.

לאַנג איז דער יענקי געשטאַנען מיט איר, אַריינגעקוקט איר אין

מויל אַריין, געשלונגען איר יעדער וואָרט און געבעטן זיך: דערציילל, דערצייל ווייטער. און ע ר, און אַזוינע ווי ער, האָבן מרס. קאהנ׳ס אמת׳ע געשיכטעס איבערדערציילט פאַר זייערע פרויען און קינדער ווי מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט און אירע רייד צעטראָגן אומעטום.

עס איז אָבער זייער שווער פאַר מרס. קאהען דורכצוקומען מיט איר אידישן גראָסערי־מאַן, נאָכדעם ווי זי האָט עטלעכע מאָל גערעדט מיט אים וועגן וועלט־זאַכן, האָט ער זי איינמאָל געבעטן:

— איך האָף, מרס. קאָהן, אַז איר וועט זיך ניט פילן באַליידיגט וואָס איך וועל אייך איצט פרעגן; דער אמת איז, אַז גלויבן גלויב איך ניט . . . אָבער — פאַרן פרעגן קומט דאָך גאָרנישט, — זאָגט מיר פריער צו, אַז איר וועט זיך ניט פילן באַליידיגט, ווייל איך בין כמעט זיכער, אַז איך מאַך אַ טעות און די מענטשן וועלכע האָבן דאָס געזאָגט, קריכן, יו־נאָו, אויף די גלייכע ווענט . . . איר זייט מיט סטאַלינ׳ען . . . זאָגן זיי . . . נעמט ניט פאַר אומגוט.

מיסעס קאהן האָט פון אָנהויב געוואָלט זיך צעלאַכן, זי האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן, פאַרביטן איר געלעכטער אויף אַ פריינטלעכן שמייכל און אויסגלייכנדיג זיך אין אַן אַנטשלאָסענער פאָזע געענטפערט:

— יעס סער! ווי דאָס האַרץ זאָגט אייך, מיט סטאַלינ׳ען!

פון יענעם טאָג אָן, אַז ווי זי קומט נאָר אַריין אין גראָסערי, טראָגט ער גויאָסערי־מאַן איר אַנטקעגן זיין צייטונג: „נאַט, לייענט". לייענט זי זיין צייטונג און בעט אים: „נאַט, לייענט מ י י ן צייטונג. לאָמיר זיך בייטן.

— אַזוי, — מאַכט ער אַן אויפגערעגטער, — אייער צייטונג איז ניט קיין צייטונג. נאַט, זעט וואָס מיין צייטונג זאָגט וועגן אייער צייטונג, מיט אייערע מענטשן, מיט אייער סטאַלינ׳ען, מיט אייער קאָמוניזם.

פון דער גראָסערי וועל איך שוין ניט אַוועקגיין — באַשליסט די מרס. קאהן און זי האָט אָנגעהויבן אָפטער אַריינצוקומען. דער איד איז איר זייער געפעלן געוואָרן, ווייל ער קוואָפּעט זיך ניט אויפן ביסל לייזונג. איר געפעלט וואָס ער זאָגט אַרויס שטאָלץ זיין מיינונג, קויף יאָ, אָדער קויף ניט! אַ איד אַן ערלעכער, אַ איד אַ היימישער . . . און כאָטש זיין צייטונג האַסט איר פאַרטיי, פונדעסטוועגן האָט איר אַריינקומען אים גענומען ווערן אַנגענעמער. ווען זי פלעגט זיך שטעלן מיט אים אַרגומענטירן האָט ער אין איר דערזען אַ טיפע באַגייסטערונג און גלויבן, ווי ער פלעגט עס אַמאָל זען אין זיין שול. זי האָט אים דערמאָנט די אמת־פרומע אידן ביי וועמען די אויגן פלעגן ברענען און איינמאָל האָט ער זי טאַקע געפרעגט:

— איר, מיסעס קאהן, מוזט זיכער שטאַמען פון חסידים, האַ?

מיט דער צייט איז זי אים געוואָרן אַזוי נויטיג, אַז ער האָט געגומען אויסקוקן אויף איר קומען. זי איז געוואָרן אַ טייל פון זיין גייסטיגן לעבן, ווייל ווי די קאָמוניסטקע פלעגט נאָר אַריינקומען, פלעגט ער גלייך פאַרגעסן, אַז ער מוז זיך מאַסקירן, בוקן, שמייכלען צו די קונדן ווען ער מיינט ניט. טאַ־אַ־די האַרטע אידישע פרוי, וואָס קאָן נעמען און געבן אַרגומענטן, וועלכע איז פאַראינטערעסירט מיט אַלץ וואָס עס טוט זיך איבער דער וועלט איז אים טייער געוואָרן. ער פלעגט נעמען באַהאַלטן זיין צייטונג ווען זי פלעגט אַריינקומען, ווייל דאָרט האָט מען באַליידיגט און באַשמוצט איר פּאַרטיי, די פּאַרטיי פון אַזוינע פלאַמיגע און ערלעכע מענטשן.

אָבער די ווייב זיינע איז ניט געווען זייער צופרידן פון דער מרס. קאהן.

— שוין, זי קומט שוין, — פלעגט זי אים שטעכן, — זי וועט שוין צעעפענען איר פיסק און דו וועסט שוין „אָפּרינגען" אַ דרייסיג פאַר אַ דריי . . .

עפּעס האָט ער געגומען פילן ווי ער ווערט אַן אַנדער מענטש. ער, דער מידער גראָסערי־מאַן, פלעגט זיך נעמען צוגרייטן זיינע אַרגומענטן, אַ טראַכט טאָן וואָס ער'ט היינט געהערט אויף דער ראַדיאָ, וואָס ער האָט געלייענט; ווי ער וואָלט געגאַנגען זיך לאָזן פאַרהערן פאַרן לערער זיינעם, אַזוי פלעגט ער זיין געגרייט פאַר זיין דעבאַטאַנטקע — די קאָמוניסטקע.

מיט יעדן טאָג איז לעצטנס מרס. קאהן געוואָרן באַוועגלעכער, וואַכזאַמער און געשפּאַנטער. פּאַסירונגען לויפן איינע נאָך די אַנדערע ווי רייטער אין אַ שטורעם; היטלער'ס אָנגריפן דראָען אַלץ מער און מער . . . מ'פּרובירט אים אָפּשטעלן . . . טשעמבערלעין האָט שוין איינמאָל פאַרראָטן . . . ווער ווייס? . . . מ'שמועסט, אַז ער האָט זיך לעצטנס געביטן . . . מעגלעך, אַז די געפאַר פאַר פּוילן וועט זיי דאָך עפענען די אויגן . . . דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט זיך שוין מסתמא ניט פאַרלאָזן אויף יושר און וועט זיך ניט לאָזן אָפּנאַרן, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט דער שענדונג פון טשעכאָסלאָוואַקיע . . .

מרס. קאהן פילט, ווי די וועלט וויגט זיך, ווי אַ שיף אין אַ ים־שטורעם . . . אין אַזאַ צייט, קלערט זי זיך, דאַרף מען האַלטן אָפן די אויגן און די אויערן . . . שפּעט ביינאַכט, ווען זי קערט זיך אום פון אירע מיטינגען, זיצט זי נאָך ביים ראַדיאָ — אפשר איז דאָ עפּעס וויכטיגעס אין די לעצטע נייעס.

און אַזוי לויפן טעג און נעכט, געשפּאַנטע, שוואַנגערע מיט מעגלעכקייטן פון אויפטרייסלונגען, פון וועלט־ענדערונגען. אפשר וועט

דאָך געלינגען צו שליסן איין סאַלידן מעכטיגן פּראָנט געגן דעם פּאַ־שיזם. אָבער פּלוצלינג, אין איין שיינעם פרימאָרגן, זי הערט אַ שטימע, אַ דונערדיגע, אַ שטימע — אַן אומגלויבלעכע . . . עס קאָן ניט מעג־לעך זיין:

„היטלער ענד סטאַלין מעיד עי נאָן־אַגרעשאָן פּעקט!"

— נאָן־אַגרעשאָן פּעקט, וואָס מיינט עס? — עפּעס האָט איר ווי דורכגעשאָסן דעם מוח.

— היטלער און סטאַלין . . . טויט און לעבן . . . ווי קאָן דאָס זיין? — ציטערט מרס. קאהן . . . — עס מוז דאָך עפּעס זיין צוליב אויסערגעוויינלעך וויכטיגעס, אַז סטאַלין זאָל זיך צורירן צו אַזאַ בלוט־טיגער האַנט . . . זי ווייסט אַ פּרוּוו טאָן די אידישע שטונדע, — טראַכט זי זיך.

זי טוט אַ דריי און הערט אַ שטימע: „מזל־טוב! אַ שידוך גע־שלאָסן! צוויי בלוטיגע הערשער האָבן זיך פּאַראייניגט". זי האָט אַ פּאַרדריי געטאָן די ראַדיאָ מיט אַזאַ אויסברוך, ווי זי וואָלט פון דאָרט באַקומען שטיינער אין קאָפּ. אַ ווײַלע איז זי געבליבן שטיין הילפלאָז, אָבער באַלד האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן . . . זי מוז גלייך זען וואָס עס טוט זיך אין די פּאַרטיי־צייטונגען, וואָס זאָגט די „מאָרגן־פרייהייט", דער „דעילי וואָרקער" . . .

אירע הענט טרייסלען זיך . . . יאָ . . . עס איז טאַקע אמת. אַ ניט־אַנגריף־אָפּמאַך. אָט איז זי שוין צוריק אין איר צימער. זי נעמט זיך ווידער לייענען. זי פּרוּווט זיך אַנאַליזירן רואיג, מיושב'דיג . . . אָבער באַלד ברויזט עפּעס ווידער אויף אין איר. זי דערשפּירט אין ערגעץ ביי זיך אַ טיפן ווייטאָג. ווער ווייסט — קלערט זי — אפשר בין איך קראַנק?

זי איז געבליבן שטיין לעבן שפּיגל און זיך אָנגעקוקט: ווי פאַר־ענדערט זי האָט זיך עס אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה. זי דערפּילט אין זיך אַ טעמפּן שמערץ ווי דעמאָלט, ווען זי האָט איר איינציג קינד איבערגעגעבן צום דאָקטאָר און יענער האָט געזאָגט: „ס'וועט לעבן, אָבער מ'מוז נוצן אַ מעסער . . ." זי האָט אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן אַ חבר און יענער האָט גאָר גערעדט גאַנץ געלאַסן:

— זייט ניט קיין אידענע, קלוג, קלוג און פּאָרט אַ נאַר, — אַ איד, אַ טרייסטער, האָט ער זי געוואָלט באַרואיגן און באַנוצט זיך מיט ווערט־לעך.

— אַז מ'דאַרף דעם גנב שניידט מען אים פון דער תליה . . . זאָל זיין פון אַ קאָזאַק, אַבי צום לעבן. סטאַלין איז ניט קיין שיפּע זיבעלע...

אָבער פון אַלע טרייסט־ווערטער האָט זי געהערט איר אייגענע שטי־

מע פון איר טיפן האַרצן אַרויס — אַ רוף צו איר קאָפּ און ווידער צום האַרצן, וואו עס האָט געקלאַפּט, געציטערט . . . פּלוצלינג האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם גראָסערי־מאַן. אָט שטעלט זי זיך פאָר ווי זי זעט אים אַ לאַכעדיגן, ווי ער שטשירעט מיט די ציינער, מאַכט קליינע אוי־געלעך און מאָנט: „נו, גיט אָן ענטפער, וואָס וועט איר איצט זאָגן, מרס. קאהן? זי פאַלט אָבער ניט אַרונטער ביי זיך, אָ, ניין! סטאַלין, וואָס האָט אויסגערעכנט פּאַגראָמען, וועלכער האָט געגעבן איר פאָלק אַ מעגלעכקייט צו לעבן; אַ לאַנד וואו אַלע קינדער קענען לאַכן, וואו פעלדער בליען אונטערן געזאַנג פון די אַקערער און זייער . . . אַ פירער, וואָס האָט אויסגעמידן שוין איבער 15 יאָר אַלע מינים פאַסטקעס, וואָס די שונאים האָבן צעשטעלט . . . צו אַזאַ מוז מען האָבן צוטרוי . . . ניין, זי פילט שוין בעסער און זיכער ביי זיך. זי וועט ניט מורא האָבן צו טרעפן זיך מיט קיינעם. זי וועט טאַקע גלייך גיין צום גראָסערי־מאַן . . .

⁂ ⁂ ⁂

דער גראָסערי־מאַן האָט שוין געוואַרט אויף איר:

העלאָ, חבר'טע היטלער! — האָט ער אויסגעשריען ווי נאָר ער האָט זי דערזען, — מזל־טוב!

ער האָט איר אָנטקעגנגעטראָגן זיין צייטונג. זי האָט געלייענט און פאַרגליכן מיט איר צייטונג. די נייעס זיינען געווען אַזוי אַנדערש . . . פון איר צייטונג האָט זי אַרויסגעלייענט האָפענונג, טרייסט, און פון זיין צייטונג — קעלט און שרעק. די שטיינערנע ווערטער פונם צוויל־דעוועטן גראָסערי־מאַן האָבן אויף איר קאָפּ געהאַגלט. ער האָט גע־רעדט, געשריען, געשריען, גערופן אַלע קאָמוניסטן „פאַררעטער, הינט", נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל אַריינגעקוקט אין זיין צייטונג און ווידער אַרויס מיט אַן אויסברוך: „הינט, פאַררעטער, שווינדלער באַנדע". נאַט, זעט — אָט שטייט אין צייטונג.

פּלוצלינג האָט מרס. קאהן דערפילט די גראָסערי־לעידי לעבן זיך. ביז איצט איז זי קיינמאָל ניט צוגעגאַנגען נאָענט צו איר.

— נו, מילא, מ'וועט זען. די צייט וועט ווייזן ווער ס'איז גערעכט... מען מוז האָבן געדולד: עס מוז דאָך זיין אַ זייער גרויסע זאַך, וואָס צו־ליב איר זאָל סטאַלין זיך צורירן צו אַזאַ פעסט ווי היטלער! — האָט זי געטרייסט אי זיך, אי דעם צעקאָכטן אידן, וועלכער האָט איר געפּאָכעט מיט זיין צייטונג אין פּנים אַריין.

זי איז אַרויס מיט לאַנגזאַמע טריט און מיט אַ געהויבענעם קאָפּ. אַז זי איז צוגעקומען לעבן איר הויז, האָבן ווייבער און מענער געטומלט,

זיך געאַמפּערט . . . רעכטע, לינקע . . . זי איז געווען זייער מיד און באַשלאָסן גלייך אַרויפגיין אין הויז. אָבער פּלוצלינג האָט זי דערהערט הינטער זיך אַ געשריי:

— זעט, מרס. קאהן, אַ סוואַסטיקאַ האָט אייך ווער אָנגעשפּיליעט הינטן, אויף אייער מאַנטל, — האָט אַ שכנה אויסגערופן.

זי האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די אַרבעט פון דעם אידישן גראָסערי־מאַן מיט זיין ווייב. מרס. קאהן האָט דאָס באַטראַכט ווי אַ ני־דעריגע געמיינהייט און האָט אויפגעהערט גיין אין דער דאָזיגער גראָ־סערי.

אָבער אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, אַז זי איז פאַרבייגעגאַנגען די גראָסערי, דערהערט זי ווי מען רופט זי: „מרס. קאָהן!". זי האָט דער־קענט זיין שטימע, כאָטש זי איז איצט געווען אַזאַ ווייכע. זי איז אַריין. זי האָט געשוויגן און ליכטיג געשמייכלט, ווייל איר האַרץ האָט היינט געטאַנצט פון די פרייליכע נייעס: די רויטע אַרמיי פאַרנעמט די מזרח־פּראָווינצן פון פּוילן, נאָכדעם ווי די פּוילישע רעגירונג איז אַנטלאָפן קיין רומעניע; ווילנע אונטער די סאָוועטן, א.אז.וו.

דער גראָסערי־מאַן האָט שוין אויך געוואוסט די נייעס. אַפילו זיין ווייב איז געשטאַנען אַ פאַרשעמטע . . . ביידע ווילנער, ביידע האָבן דאָרטן שוועסטער און ברידער.

— אַנטשולדיגט, — האָט זיך דער איד געבעטן ביי דער מרס. קאהן. זי האָט גליקלעך געשמייכלט און געדריקט ביידנס הענט.

מיסטער קילמאַר פאַרגעסט זיין נאָמען

(אַ צייט־בילד)

דער געריכט־זאַל איז נאָך געווען ליידיג ווען מענדל שאַץ איז שוין געזעסן און געוואַרט אויפן ריכטער. ער האָט געציילט די מינוטן און אומגעדולדיג געקוקט צו דער טיר, אַז דער ריכטער זאָל שוין קומען און עס זאָל בעמען אַ סוף. דער לאָיער זיינער, מיסטער גאָלדשטיין, איז געזעסן ביי זיין זייט מיט אַ פּעקל פּאַפּירן, זיי צום הונדערטסטן מאָל איבערגעקוקט, ניט ווייל ער האָט געזוכט עפּעס אין זיי, נאָר ווייל ער האָט ניט געוואָלט ריידן צו שאַצ׳ן. עפּעס האָבן די צוויי ניט געקענט זיך קוקן גלייך אין די אויגן. אזן עם האָט איס, שאַצ׳ן, פאַרדראָסן, וואָס ער האָט גענומען אַ אידישן לאָיער.

זיצנדיג אַזוי זיינען שאַצ׳ן געקומען אויפן זינען זיין טאַטנ׳ס רייד.

„זון מיינער״, האָט זיין טאַטע צו אים אַמאָל געזאָגט מיט ליבשאַפט, „ווי מערקווירדיג — איך בין געווען איינער ביי מיין טאַטן, און דו ביסט איינער ביי מיר. אויב דו וועסט ניט אָפּהיטן דעם נאָמען שאַץ, וועט זיך מיט דיר ענדיגן אונזער זיין, אונזער נאָמען״ . . .

איצט איז שאַץ געקומען אָוועקוואַרפן זיין נאָמען, ווי מען וואַרפט אַוועק אַ צעריסענעם, אָפּגעטראָגענעם שוך . . .

ער האָט דורכגעפירט זיינע דינע פינגער דורך די געדיכטע האָר, דערנאָך געביסן די נעגל און געטראַכט, וואָס ער איז שוין אין זיין לעבן אויסגעשטאַנען צוליב זיין נאָמען. אַלס קינד האָט מען פיל מאָל חוזק געמאַכט פון אים און פאַרפאָלגט אים צוליב זיין נאָמען. אין קאָלעדזש האָט יעדער סטודענט געהאַט אַן ערשטן נאָמען אָדער אַ צונאָמען, אָבער אים האָט מען שטענדיג גערופן מיט גרינגשעצונג: „העי, שאַץ״. אין דער אַרמיי האָט ער אויך ניט זעלטן געפילט די גרינגשעצונג צוליב זיין נאָמען. אָבער ער האָט, צוריקקומענדיג פון דער אַרמיי, אָנגעהויבן זוכן אַרבעט. אַזוי, ביז ער האָט באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל בייטן זיין נאָמען.

„מעק קילמאַר״ וועט ער הייסן, אַנשטאָט מענדל שאַץ. מעק קילמאַר, מעק קילמאַר, האָט ער געמורמלט צו זיך. „איך זאָל כאָטש ניט פאַרגעסן דעם נייעם נאָמען״, האָט ער געלאַכט פון זיך אַליין.

און די מאַמע, וואָס וועט זי זאָגן ? . . . נו, זיין יונג ווייבל, וועט זיין זייער צופרידן. זי רופט זיך שוין לאַנג „מיסעס שעי״.

מענדל שאַץ האָט גענומען זען פאַר זיך זיין זיידן, זיין טאַטן. זיין זיידע לאַכט מיט אַזאַ בייסנדיק געלעכטערל און פרעגט : „האָב איך דיך אַמאָל פאַרשעמט, וואָס דו וואַרפסט זיך מיט מיין נאָמען ? זאָג מיר, מענדעלע, וואָס איז אַזוי קילמאַר שענער ווי שאַץ ? פאַרוואָס זאָלסטו אַוועקוואַרפן אַזאַ שיינעם נאָמען ? פע, ניט שיין, מיין קינד״, און דער אַלטער, גרויער זיידע ווישט זיינע אויגן און וויינט.

מענדל האָט זיך אַזוי פאַרטראַכט, אַז ער האָט קוים באַמערקט ווי דער ריכטער איז אַריינגעקומען. דער שטרענגער ריכטער האָט שאַצ׳ן מיט זיין לאַיער אַריינגערופן אין אַ באַזונדערן צימער, ער האָט נאָכאַמאָל געלייענט פאַפּירן, וואָס שאַצ׳ס לאַיער האָט פאַר אים פאַנאַנדערגעלייגט אויפן טיש, זיך עטלעכע מאָל אַ דריי געטאָן ווי זיין געוואוינהייט איז געווען אויף זיין שטול, און אַריינקוקנדיג דעם דרייסיג־יעריגן אידן אין די אויגן אַריין, געפרעגט :

— הייסט עס, אַז דו ווילסט אויסמעקן דיין נאָמען פון אַלע ביכער און אָננעמען דעם נאָמען קילמאַר ? דערקלערט זשע מיר פאַרוואָס טוט איר דאָס ?

עס איז שוין געווען דאָס דריטע מאָל, וואָס ער איז אויפגעטראָטן פאַר דעם ריכטער און דער ריכטער מאַטערט אים מיט אָט־דער פראַגע.

— איך — איך — וויל בייטן מיין נאָמען, ווייל עס זיינען דאָ אַ סך שאַצ׳ס, יור האָנאָר, — האָט מענדל אַרויסגעשטאַמלט.

— אַ סך שאַצ׳ס ? — האָט דער ריכטער איבערגערעדט זיינע ווערטער, — עס זיינען אָבער אויך דאָ אַ סך קילמאַרס . . .

— יור האָנאָר, — האָט זיך שאַצ׳ס לאַיער אַריינגעמישט — ער טוט עס ווייל עס איז אים שווער צו קריגן אַרבעט מיט זיין אידישן נאָמען.

— ווער זאָגט עס ! — האָט דער ריכטער בייז אויסגערופן, פונקט ווי דער לאַיער וואָלט אים פערזענלעך באַליידיגט.

ביידע אידישע יונגעלייט זיינען געשטאַנען שטיל און מיט זייערע שאַרפע בליקן געלעכערט דעם ריכטער. דער עלטערער ריכטער האָט זיך געדרייט אויף זיין שטול, ווי דער אָרט וואו ער זיצט שוין צענדליגע יאָרן וואָלט פלוצלונג קליין געוואָרן פאַר אים און אָנגעהויבן איבערבייטן די שטימונג. ער האָט גענומען בלעטערן די פאַפּירן און געזאָגט :

— דיין נאָמען שאַץ איז ריין. אויך דיין טאַטנ׳ס נאָמען איז ריין. אַ ליוטענאַנט געווען אין דער אַרמיי, ניט אמת ? פיר יאָר געדינט אַמע־ריקע, אזה ?

— אַ ליוטענאַנט, יור האָנאָר, אַ ליוטענאַנט. צען מאָל אויפן

פראַנט געווען — האָט מענדל שאַץ שטיל אַרויסגערעדט און געקוקט אויפן דיל.

— נו, וואו ווערסטו אַהינטאָן דיין אידישע נאָז? — האָט זיך דער ריכטער געוויצלט, ווערלנדיג ווייכער ומאַכן די פאַרהאַרטעוועטע לופט, אָדער דעם קנויל, וואָס עס האָט זיך אים געשטעלט אין האַלז. מענדל האָט געשוויגן, ווי ער וואָלט די פראַגע ניט געהערט.

— ווייסטו, אַז דער ריכטער דיינער איז אויך אַ איד? יעס, שאַץ, ריכטער גוירסאָן איז אַ איד — האָט דער ריכטער שטאָלץ אַרויסגערעדט.

— געווען דאַמאָלסט גרינגערע ציטן, אָבער אויך איך בין באַליידיגט געוואָרן אַלס איד, אָבער איך האָב זיך ניט אונטערגעגעבן. — און דאָס זאָגנדיג האָט ער מענדלען דערלאַנגט זיינע בייע פאַפּירן מיט זיין נייעם נאָמען. מיסטער מעק קילמאָר, 30 יאָר אַלט, אינזשעניר. אַן אַמערי־קאַנער פון דור־דורות, א.אז.וו.

מענדל האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט געצירט און פאַרשעמט. ווי אַ בעטלער הינטער אַ רייכנ'ס טיר איז ער געשטאַנען. ער האָט אי־בערגענומען די אַלע פאַפּירן פון זיין לאַיער, וואו דער נאָמען שאַץ איז געווען אויסגעמעקט מיט שוואַרצע פאַסן. ער האָט לאַנג, לאַנג געקוקט אויף די לאַנגע שוואַרצע פאַסן. ווי טרויער־בענדער האָבן זיי אים אויסגעזען. ווי אַזוי קאָן ער איצט גיין באַגעגענען זיין מאַמען? אָט וועט זי צוקומען צו אים, אויסשטרעקן איר האַנט, וואָס זי האָט נאָר וואָס אָפּגעווישט פון צוגרייטן די אידישע פּאַטראַוועס, און אַ פרעג טאָן:

— ווי אַזוי הייסטו איצט, אַנו לאָז מיך הערן, זון . . . און ער וועט איר לערנען זיין נייעם נאָמען: קילמאָר, מאַמע, קילמאָר, הייס איך . . . ס'איז עכט אַמעריקאַניש, ס'וועט מיר גרינגער זיין צו קריגן אַרבעט, מאַמע". און זי וועט צושאָקלען מיט איר גרויען קאָפּ, און מורמלען:

— „אַ נאָמען נעמט מען און מען מעקט אויס, אוי ווי איז מיר, ווערסט הייסט עס ווערן אויס שאַץ" . . . און ער וועט ניט וויסן וואָס צו ענטפערן. ער וועט רויט ווערן פונקט ווי דאָ פאַרן ריכטער.

ווען מענדל האָט זיך געלאָזן גיין צום טיר, וואָס האָט געפירט אַרויס פון ריכטער'ס צימער, האָט אים דער ריכטער צוריקגערופן, ווייל ער האָט פאַרגעסן אים צוצוווינטשן, אַז זיין נייער נאָמען זאָל אים זיין מיט מזל.

— מיסטער קילמאָר! — האָט ער אים נאָכגעשריען.

מענדל האָט זיך ניט אומגעקוקט.

— מענדל שאַץ! — האָט דער ריכטער נאָכאַמאָל אויסגעשריען און מעקסי האָט זיך האַסטיג אויסגעדרייט צום ריכטער.

— קום אַהער! זאָל דיר זיין מזל'דיג! (גוד לאַק) מיט דיין נייעם

נאָמען! . . . ווי איך זע אָבער פֿאַרגעסטו שוין דיין נייעם נאָמען — האָט דער ריכטער געשמייכלט, — וועסט אים מוזן געדענקען, מיסטער קילמאָר.

ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט און אַ שמייכל, אַ נאָענטער שמייכל האָט זייביידן דערנעענטערט. — אַ גוטן טאָג, מענדל שאַץ — האָט דער ריכטער אים געדריקט די קאַלטע נערוועזע האַנט. — איך געדענק שוין קוים דיין נייעם נאָמען — האָט ער אים נאָכגעשיקט אַ פֿאָטערלעכן שמייכל און גרינגער אָפּגעאָטעמט . . .

אַ איד – אַ טעמע

(הומאָרעסקע)

ס'איז געווען אין אַ וואַרעמען האַרבסט־טאָג. דאָס קליינע פּאַרקל איז געווען גוט באַזוכט. מוטערס מיט קינדער אין וועגעלעך האָבן גע־מיטלעך געפּירט געשפּרעכן. עלטערע מענטשן האָבן געדרעמלט אַנט־קעגן דער זון. ציטערדיגע בוימעלעך האָבן זיך געטוליעט אין די זון־שטראַלן. דאָ און דאָרט האָט אַ בלימעלע ווידער צעעפנט די קראַנקע בלעטעלעך, אַ קוק געטאָן מיט פאַרשלאָפענע אויגעלעך אין דער זון און זיך געבעטן: „ראַטעווע מיך", פויגלען זיינען דורכגעפלויגן און — דער איד לעבן מיר האָט געשריבן מיט זיין רעגן־שירעם אין זאַמד.

אַ איד איבער זעכציג, נעט געקליידט. זיין קאָפּ איז געווען אַזוי ווי אָפּגעגאָלט. ער האָט געטראַכט מסתמא: בעסער זאָל זיך זען דער הוילער קאָפּ, איידער די שניי־ווייסע האָר. ער אזי געווען זייער אויפגע־לייגט און מיט נייגעריגע בליקן געהיט אַלע וועגן וואָס פירן אין קליינעם פּאַרקל אַריין. דער איינציגער סימן, אַז דער איד איז ניט אַזאַ אָפּטי־מיסטישער ווי ער זעט אויס, איז געווען דער רעגן־שירעם, וואָס ער האָט געטראָגן אין אַזאַ קלאָרן זוניגן טאָג. איך האָב זיך אַ בויג געטאָן צו זיין זייט — צו זען, וואָס אַ מענטש קאָן אַזוי פאַרזיכטיג שרייבן אין זאַמד.

שרייבן אין זאַמד — איז בכלל אַ פריידיגע דעראינערונג פאַר מיר. ווען איך בין אַלט געווען 11 יאָר האָב איך געקראָגן געבאָרגט אַ גרין זאַנטשיקל ביי אַ רייך מיידעלע. דערפאַר האָב איך איר אויפגעבויט אַ קליידעלע פאַר איר ליאַלקע. האָב איך מיטן זאַנטיקל אָנגעשריבן אין זאַמד אַריין מיין ערשטע פיצל לידעלע:

„שירעמל, שירעמל,
גריבינקער, פיינער —
גאָט זאָל מיר העלפן
זאָלסט זיין אַמאָל מיינער" . . .

קוק איך איצט, וואָס קען אַ איד שרייבן. דער איד דערזעט, אַז איך קוק, גייט ער נאָכאַמאָל איבער דאָס אָנגעשריבענע און איך לייען: „אַי די ווייבער, די ווייבער, די ווייבער". דערזען דעם שמייכל אויף מיין פּנים איז ער רויט געוואָרן ווי אַ חתן־בחור און אָנגעהויבן רעדן.

ווי ער וואָלט מיך שוין לאַנג געקענט:

— ס'זיינען דאָ מענטשן, אַז איר מאַכט מיט זיי אַ ראַנדעוואו איז עס הייליג, און ס'זיינען דאָ מענטשן, אַז זיי זאָגן אייך דריי אַזייגער,, מוזט איר וויסן, אַז זיי מיינען פינף.

און דער איד האָט מיר אָנגעהויבן דערציילן, אַז ער וואַרט דאָס אויף אַ פרוי, „וואָס מ'רעדט אים" . . . אַז ער וועט הערן זיין זון ווי דעם קאַטער . . . אַז דריי יאָר איז געגוג טרויערן נאָך דער ווייב זיינער . . . און אַז די קינדער אַרט ניט אַזוי וואָס ער וויל הייראַטן, נאָר זיי ציטערן טאָמער גיט ער אַוועק זיין אויסגעצאָלטע הויז צו זיין ווייב . . און אַז ער וואָלט שוין לאַנג געהייראַט ווען ניט דער זון, וואָס שטערט אים און ווערט אים.

דערזען מיין גרייטקייט צו הערן און הערן, האָט ער מיט נאָך מער אָפנהאַרציגקייט גערעדט:

— דאַרפן דאַרף איך גאָר איצטער זיין אין מיין זון'ס אָפיס. וואָס איז דאָס זיצן? פאַר אייך גערעדט, קאָן מען דאָרט אָפזיצן אַ טאָג מיט אַ נאַכט זעט מען אַ לעבעדיגן נפש ניט. נאָר טאָמער גייט איר אַרויס אַ מינוט לויפט אַהין עמיצער אַריין מיט אַ צאָן־ווייטאָג. אָבער איך לעב נאָך אויך. טאָמער מאַכט זיך מיר דער אמת'ער זיוויג, וועל איך מיין זון סורפּראַיזן, אַז עס וועט אים ווערן קאַלעמוטנע אונטערן לעפעלע . . . אַזוי ריידנדיג . . .

בעת דער איד האָט אַזוי גערעדט איז אָנגעקומען נאָך אַ איד, וואָס קען מיר, ווייזט אויס. ער האָט מיך אָנגערופןביים נאָמען און דער־לאַנגט דעם ערשטן אידן די האַנט. איך האָב דעם צווייטן איבערגעגעבן מיין אָרט, ווייל ס'איז געווען צייט פאַר מיר אַהיים צו גיין און כ'בין אַרויס פון פאַרק.

אין אָוונט דערהער איך אַ קלאַפּ אין טיר און עס קומט אַריין דער איד, וועלכער האָט געוואַרט אין פאַרק. ער האָט אויסגעזען צעטראָגן און פאַרזאָרגט און איינגאַנצן געענדערט.

— כ'האָב אייך קוים אָפּגעזוכט. דער מאַן וואָס קען אייך האָט מיר געגעבן אייער נאָמען און די גאַס. זאָג איך אייך, אַז עס איז מיר אָנגעקומען זייער שווער אייך אָפצוזוכן.

איך בין געווען זייער נייגעריג צוליב וואָס דער איד איז פלוצלונג געקומען צו מיר.

— איילט זיך אייך ניט. טוט אייער אַרבעט, — האָט ער מיר באַרואיגט, — נישקשה, איך קאָן וואַרטן. סיי ווי זע איך שוין, אַז דער באַקאַנטער אייערער פלאַפּלט. איך האָב אים גלייך געזאָגט, אַז איר קוקט ניט אויס צו זיין אַזאַ.

דאָס זאָגנדיג האָט ער מיר נאָכגעקוקט ווי אַזוי איך באַדין די פאַ־מיליע, ווי איך דערלאַנג דאָס עסן. ער האָט גאָר ניט געקענט אַרונ־טערנעמען די אויגן פון מיין פאַרטוך. זיינע בליקן זיינען מיר נאָכגעלאָפן פון אויוון צום טיש, און ער איז אַלץ מער געוואָרן רואיגער.

אַז איך האָב אים אַריינגענומען אין אַ צווייטן צימער, איז ער ווי־דער געוואָרן אומרואיג: אַ־אַ, עס ווייזט אויס, אַז יענער האָט יאָ גע־האַט רעכט — ביכער און בילדער פון אידישע שרייבער אויף די ווענט. ניט אַלע ווייס ער, אָבער איינעם ווייס ער זיכער, אַז ער איז אַ שרייבער.

— זעצט זיך, — האָב איך אים געבעטן און פּרובירט זיין פריינט־לעך ווי נאָר מעגלעך, כדי אים צו באַרואיגן.

— כ׳וועל איך זאָגן דעם ריינעם אמת, — האָט ער אָנגעהויבן אַרונטערלאָזנדיג זיך פאַרזיכטיג אויפן שטול, — דער באַקאַנטער אייע־רער האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט אַ שרייבערקע. האָב איך אים גראָד גלייך געזאָגט, אַז איר זעט עס ניט אויס, אָבער אַז יענער וויל זיך וועטן, איז דאָך ניט שייך. נו, עפּעס זייט איר דאָך . . .

— ווי איז אייך בעסער ? — פרעג איך שוין דעם אידן, וועלכער לאָזט פון מיר ניט אַראָפּ זיינע בליקן.

— פון מיינעט וועגן קאָנט איר מיר זיין די פּרעזידענטקע פון אַמע־ריקע . . . אָבער אויסמאַניען ביי מיר אַ טעמע האָט איר ניט קיין רעכט — איר פאַרשטייט ?

— וועלכע טעמע מיינט איר ? — האָב איך אים געפרעגט.

— וואָס מיינט איר וועלכע טעמע ? — דאָס וואָס איך האָב אייך היינט דערציילט. אייער באַקאַנטער האָט מיר געזאָגט, אַז איר באַשרייבט מענטשן, אַז מ׳וועט מיך לייענען אין די צייטונגען, בעט איך אייך טוט דאָס ניט . . . מאַלע וואָס אַ מענטש צערעדט זיך אַמאָל — ניט איך האָב געוואָרט אויף אַ כלה, ניט איך האָב אַ הויז . . . ס׳איז אַ בוידעם און פאַרטיג. און טאָמער באַשרייבט איר מיך — מאַכט איר פון זיך חוזק. ווייל ס׳איז קיין איין וואָרט אמת ניט געוועזן דאָס וואָס איך האָב אייך דערציילט.

דער ענין איז מיר וואָס אַן אמת זייער געפעלן געוואָרן און איך האָב באַשלאָסן, אַז עס איז טאַקע אַ טעמע.

— איר שמייכלט, האַ ? הייסט עס, אַז איר זייט יאָ אַ שרייבערקע.

— איז שוין דער איד אַרויס פון די כלים, — אַזוי טוט איר: איר זעצט אייך אַוועק אין די פאַרקס, הערט אייך איין, וואָס מענטשן רעדן און באַשרייבט זיי . . . פון אמת׳דיגן לעבן קענט איר ניט נעמען, נעמט איר, וואָס מענטשן דערציילן אייך !

איך האָב דערזען, אַז דער איד ווערט באמת אויפגערעגט, אַז עס

גייט אים אין לעבן, האָב איך אים באַרואיגט:

— ערגערט זיך ניט, איך בין ניט קיין שרייבערקע, איר זעט דאָך מיין פאַרטוך.

— אָט דאָס זאָג איך דאָך, — האָט זיך דער צעטראָגענער איד באַרואיגט, — אַז איר זעט גאָר ניט אויס ווי אַזעלכע . . .

איך האָב אים באַגלייט צום טיר. ער האָט נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף מיר צו זיין הונדערט פראָצענט זיכער, און ווידער געבעטן:

— פליעז, באַשרייבט מיך ניט, עס זיינען פאַראַן וויכטיגערע זאַכן צו באַשרייבן . . .

ער איז אַוועק און איך האָב פונדעסטוועגן באַשלאָסן, אַז דאָס איז אויך כדאַי צו פאַרצייכענען.

נאַר ליזאַ לור קען אים

(הומאָרעסקע)

דער דיקטער האָט איבערגעלייענט פאַר זיך זיין פּאָעמע און געקראָגן אַ פאַרלאַנג צו זען זיינע לייענער, באַגעגענען זיך מיט זיי, הערן וואָס זיי זאָגן וועגן אים און זיינע שאַפונגען. ער איז געווען פון די וואָס וואַרפן זיך ניט אין די אויגן און זייער וויניג מענטשן האָבן אים געקענט פּערזענלעך. אגב איז ער ערשט ניט לאַנג געקומען קיין ניו־יאָרק.

— מען דאַרף ניט — האָט אים זיין ווייב אָפּגערעדט — האַלט זיך בעסער פון וויטן.

און זי האָט אים דערציילט ווי זי איז אַמאָל אַנטוישט געוואָרן ווען זי האָט זיך צופעליג באַקענט מיט אַ באַוואוסטן דיכטער, ווי אַלע אירע פאָרשטעלונגען וועגן דיכטערס און וועגן שרייבער אין אַלגעמיין, זיינען פלוצלונג צעשטערט געוואָרן . . .

ער האָט זי אָבער ניט געפאָלגט און איז אַרויס פון הויז. עפּעס איז ער געווען אין אַזאַ שטימונג, אַז כאָטש כאַפּ זיך אַרום מיט דער גאַנצער וועלט און צעקוש זיך.

— וואָס האָט ער דען אינגאַנצן פון זיין שרייבן ? רייך איז ער ניט. זיין גאַנצע רייכקייט איז ווען זיינס אַ ליד ווערט אָפּגעדרוקט. זיצט ער אָפּט ביי דער אַרבעט, הערט ווי מען לויבט זיינע לידער, און ער האָט ניט דעם מוט צו זאָגן, אַז דאָס איז ער טאַקע דער דיכטער, וואָס שרייבט דאָס. דאָס איז ער, מאַלקין. נאָר אפשר וועט מען אים ניט גלויבן ?

— וואָס האָט זי געמיינט : ווייז זיך ניט פאַר מענטשן ? זיין אויסזען ? יע. דאָס איז געוויס וואָס זי האָט געמיינט. אפשר זאָל ער גיין אַהיים און זיך פאַרפּוצן ? אַמאָל איז עס געווען אַנדערש. אַ פּאָעט איז אַרומגעגאַנגען מיט לאַנגע האָר, מיט אַ שוואַרצן אויסגעבונדענעם האַלדזבאַנד, מיט אַ שטעקל אין האַנט. היינט איז עס אויס מאָדע . . .

און אַ פאַרדראָס אויף דער פאַרלאַרענער „מאָדע" האָט אים אַרומגעכאַפּט. טאַקע, ווי קענען לייענער אים דערקענען ? אָט איילן פאַרביי טויזנטער מענטשן, איינער אַזוי ווי דער צווייטער. שאַ, אָט איז איינער ! ער טרעט לאַנגזאַם, פאַרקלערט. טראָגט אַ זייער שיינעם שניפּס, אַ ברייטן, אַן אויסגעמאַלענעם. ער איז זיכער ניט ווי אַלע מענטשן.

אפשר אַרייַנגיין קויפֿן זיך אַזאַ שניפּס, אויסבינדן אים אַנדערש ווי אַלע, פֿאַררוקן דאָס היטל אַביסל אויף אַ זייט, דאָס וועט אים מאַכן אויסזען ווי אַ דיכטער . . .

אָבער באַלד איז דער פֿאַרפּוצטער מאַן אַרייַן אין געשעפֿט, און זיך געשטעלט דאָרטן פֿאַרקויפֿן ווייבערשע זאָקן . . . הייסט עס, אַז ער איז דאָך גאָר ניט קיין דיכטער . . .

— אָט איז אַ צווייטער. זייַנע האָר — באַלד איבער זייַנע אויערן. ער גייט אַביסל פֿאַרטראַכט. בלאָס מיט אַ שטעקל אין האַנט. אַ פּאָעט? אָבער גלייַך האָט זיך דער בלאָסער מאַן אָפּגעשטעלט לעבן מאַלקיג׳ען און געבעטן ביי אים אַ ניקל פֿאַר אַ גלעזל קאַווע. דערציילט אים, אַז ער איז געווען אַן אייזן־אַרבעטער. איצט איז ער קראַנק, קען קיין אַר־בעט ניט קריגן . . .

— הייסט עס, דער איז אויך ניט קיין פּאָעט . . . וועט ער שוין מוזן געפֿעלן ווערן ווי ער איז. האָט דער דיכטער באַשלאָסן, און זיך גע־לאָזן גיין אין דעם רעסטאָראַן, וואו עס קומען זיך צוזאַמען שרייבער, קריטיקער און לייענער.

די פֿייערלעך אין די פֿאַרשטויבטע לאָמפּן פֿירן אַ קאַמף מיטן רויך און פּרובירן באַלייכטן דעם ענגן רעסטאָראַן־צימער, וואו די וועיטערס מאַטערן זיך דורכצוגיין די ענגשאַפֿט און דריקן אין זיך זייער בייזקייט אויף די וועלכע האַלטן זייערע פּיס אויסגעצויגן: וואָס צעשפּרייטן זיי זיך אַזוי ווי דער רעסטאָראַן וואָלט נאָר געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר זיי אָפּצו־זיצן שעה׳ען־לאַנג און זופּן אַ טעפּעלע קאַווע?

די וועיטערס קוקן איבער די קעפּ פֿון די ווייבער מיט די אָפּגע־פֿאַרבטע האָר, די עלטערע מיידלעך מיט די אונטערגעשמירטע אויגן; פֿון די שרייבער וואָס קומען דאָ לייענען זייערע נייע שאַפֿונגען. זיצן אָפּ שעה׳ן לאַנג און וואַרטן אפשר וועט דער און דער באַקאַנטער דיכטער אַרייַנקומען און אויסהערן אַ ליד, אַ דערציילונג. קיין „טיפּס" גיבן זיי ניט, און עסן, דער טייוול וויס זיי וואו זיי עסן! אפשר עסן זיי גאָר־ניט?

אָבער זאָגן עפּעס, באַקלאָגן זיך, דאָס וואַגן זיי ניט, די וועיטערס. קומען זיי אָפּ מיט אַ בריק טאָן אַ שטול. פּרעסן צונויף די ליפּן. שעלטן אינעווייניג אין זיך, טוען אַ בייזן פּאָך מיטן האַנטוך.

דורך די פֿאַרשטויבטע לויזע שויבן שלענגלט זיך אַ דיקער רויך צום דרויסן אַרויס ווי אַן אַלטער טערק וואָלט געזעסן אינעווייניג אויפֿן פֿענצטער און כסדר געררויכערט די גרעסטע לולקע אין דער וועלט.

צווישן אַלע שטענדיגע באַזוכער קומט דאָ אַרייַן די „באַוואוסטע" ליזאַ לור. זי, ליזאַ, קען אַלע שרייבער, אַלע אַקטיאָרן, און אַלע קענען

איר. געוואָלט אַמאָל אַליין שרייבן. געוואָלט שפּילן, און גאָרניט דער־גרייכט. קומט זי אַהער שטענדיק זיך באַקלאָגן, באַוויינען איר פֿאַר־לאָרענעם חלום. דערפֿאַר אָבער קליידט זי זיך ווי אַן אַקטריסע, כאַפּט גלייך אַרונטער די הוט־מאָדעס, די האָר־פֿריזורן פֿון האָליוואָוד שיינ־הייטן. ביי איר קריגט דער וועיטער דוקא יאָ אַ „טיפּ". אַלע וועי־טערס קענען זי שוין. זיי ווייסן, אַז מיט איר אַריינקומען אַהער, ברענגט זי פֿאַרערער, וועלכע נעמען זי אָן פֿאַר אַ שרייבערין, אַנדערע מיינען, אַז זי שפּילט ערגעץ אין אַ טעאַטער.

זי הערט זעלטן וואָס יענער האָט צו זאָגן, ווייל זי ווייסט שוין אַלץ און קען אַלעמען. זי זיצט, רויכערט און קוקט צו דער טיר. זי רוי־כערט מאָדנע ציגאַרעטן, וואָס זי רופֿט ניט ציגאַרעטן, נאָר פּאַפּיראָסן.

דער דיכטער מאַלקין איז אַריין אין רעסטאָראַן ווי אַ נייער אין אַ פֿרעמדער שטאָט. ער האָט דוקא יאָ דערקענט אַ פּאָר שרייבער צוליב זייערע בילדער אין די צייטונגען, אָבער אים קען קיינער ניט. איז עס אפֿשר טאַקע בעסער אַזוי: אַ וואָרט וועגן זיין שרייבן, אַ מיינונג וועגן זיינע לידער, ניט ווויסנדיק אַז דאָ זיצט טאַקע דער שרייבער און הערט, וואָלט פֿאַר אים געווען זייער טשיקאַווע. און אָט זיצט טאַקע איינער, האַלט דעם זשורנאַל וואו זיין פּאָעמע איז געדרוקט און לייענט זי.

מאַלקין האָט זיך פֿאַרריכט זיין היטל, איינגעבויגן זי עטוואָס אויף אַ זייט, אויפֿגעשטעלט דעם קראַגן פֿון זיין מאַנטל, זיך אַביסל נעענטער צוגערוקט צו יענעם טישל, און אָט דאַכט זיך אים גייט ער באַלד אַליין צו צום טישל, שטעלט אויס אַ האַנט, און אָן קיינעמס הילף באַקענט ער זיך מיט זיינע לייענער. אָבער דאָ האָט אימיצער זיך אָנגערופֿן.

— ווער איז ער דאָס דער מאַלקין, וואָס שרייבט דאָס? אימיצער קען אים?

— אָ, מאַלקין, איך קען אים — האָט ליזאַ לור זיך אָפּגערופֿן, און געוואַרט, אַז מען זאָל זי נעמען אויספֿרעגן וואָס זי ווייס וועגן דעם שרייבער.

די מענטשן ביי איר טישל האָבן זיך אויסגעדרייט צו איר און זי האָט אָנגעהויבן:

— געווען אַמאָל מיינער גאָר־גאָר אַ נאָענטער . . . איר האָט גע־דאַרפֿט זען אַ פֿאַרשוין! הויך, ברייט, אַ פּאָר שוואַרצע קוקערס וואָס פֿאַרברענען אייך ווי פֿייער! נאָר זיין טרינקען, זיין טרינקען האָט מיך פֿאַריאָגט פֿון אים. ער קען דאָך ניט אָנשרייבן אַ וואָרט איידער ער גיסט ניט אַריין אַ פֿלאַש — האָט זי צוגעגעבן און געקוקט צום אַלטן וועיטער, וואָס קען זי גוט, און נעמט וויגן זיין קאָפּ ווען זי צעלאָזט זיך.

מאַלקין איז געזעסן און נייגעריק געהערט ווי זי שילדערט אים,

דעם דאַרן מאָגערן אַרבעטער, מיט די בלויע גרוילעכע אויגן, וואָס קאָן קיין בראָנפּן אפילו ניט אָנרירן, וואָס האָט פּיינט דעם ביטערן טראָפּן.

ליזאַ האָט זיך דערווייל אַלץ מער און מער צעלאָזן מיט מעשיות וועגן דעם אומבאַקאַנטן דיכטער. מאַלקין האָט פאַררויכערט איין סיגאַ־רעט נאָכן צווייטן און געווען אַזוי גליקלעך וואָס קיינער, אויסער איר, קען אים ניט. יאָ, בלויז זי אַליין קען אים, דעם פיינעם דיכטער פער־זענלעך. זי האָט זיך פונדעסטוועגן אַ פּאָר מאָל פאַרזיכטיג אַרומגע־קוקט צי וועט זיך עמיצער ניט אַריינמישן, ווי עס פּאַסירט אַמאָל און זאָגן, אַז זי רעדט פון היץ. און מאַלקין האָט טאַקע אויך געוואַרט אויף דעם. אָבער קיינער קען אים דאָ ניט און קיינער האָט זיך ניט אַריינ־געמישט.

דערזעענדיג אַז קיינער שלאָגט זי ניט איבער, האָט זי פאַרגעזעצט:

— דערפאַר טאַקע האָב איך אויפגעגעבן מיין שרייבן. ס'איז דען דאָ ביי אַזעלכע שרייבער אַ היים, ווייב, קינדער? נעמט טאַקע אָט דעם מאַלקינ'ען — ער האָט דאָך אַ ווייב אין יעדער שטאָט.

דאָס האָט שוין מאַלקין ניט געקענט איבערטראָגן און איז צוגע־קומען צו איר טישל:

— איר זאָגט, אַז איר קענט פערזענלעך דעם דיכטער? — האָט ער זיך געווענדט צו ליזאַ לור'ן.

— זיכער קען איך אים, — האָט זי חוצפה'דיג אויסגערופן.

— ווי קענט איר אים קענען, אַז אָט שטייט ער דאָ פאַר אייך און האָט אייך קיינמאָל אַפילו אין די אויגן ניט געזען! — האָט מאַלקין אויסגעשריגן און זי לאַנג אָנגעקוקט.

— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ — האָט זיך ליזאַ לור ניט אונטערגעגעבן, — איך קען ניט מאַלקינ'ען? ער איז דאָך געווען מיינער אַ געליבטער. דאָס האָב איך אים דאָך אינספּירירט צו שרייבן ליבע־לידער . . .

אַלע אַרום האָבן די סצענע באַטראַכט ווי זיי וואָלטן געזעסן אין אַ טעאַטער און זיך צוגעקוקט צו אַ געשפּילטער קאָמעדיע. אָבער קיינער האָט מאַלקינ'ען ניט געקענט העלפן. ווייל קיינער האָט אים ניט געקענט.

— נו, וואָס נאָך וועט איר זאָגן? — האָט ליזאַ לור מיט טריאומף געפרעגט.

מאַלקין איז אַ צעטומלטער אַרויס פון דעם רעסטאָראַן. ס'איז אים געווען אי טרויעריג, אי קאָמיש און ער האָט גענומען טראַכטן:

— ווי מאַכט מען פאַרט, אַז מיינע לייענער זאָלן מיך דערקענען?

צוליב אַ שטיקל מצה

(הומאָרעסקע)

מיין באָבע רחל־לאה ווילענץ פלעגט ערב יום־טוב ווערן אינגער און שטאַרקער. ערב פסח האָט זי איבערגעגנומען די גאַנצע פּאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר כשרות. איז אַרויסגענומען אַ שטיקל מצה פאַר דער צייט געווען אוממעגלעך. געדענק איך איין טאָג ערב פסח, די מאַמע איז פּאַרהאַוועט. זי שטייט אויף באַגינען, לויפט אין מאַרק אַריין איינ־האַנדלען מציאות, אייער, הינער און צעטראָגן עס צו נגידות׳טעס, צו פאַרדינען אויף פסח פאַר אירע דריי קינדער און איר אַלטער מאַמען, וואָס די פאַמיליע האָט זיי איבערגעגעבן צו אונז אין קעלער־שטוב.

די באָבע האָט אויסגעשריבן די קאַמאָדע, אויסגעברענט אויף דער זון די טיש־קעסטלעך. שוין אַ פּאָר וואָכן, ווי די מאַמע ברענגט ניט אַריין קיין איבעריגן חמץ אין שטוב. זיינען מיר שטענדיג געווען הונ־געריג.

די מצות האָט מען געבראַכט גאַנצע צוויי טעג פאַר יום־טוב. זיצט די באָבע און דערציילט אונז ווי אַזוי דער רב, ר׳ מאיר־שמחה און דער לערער ציטראָן האָבן זיך אַריינגעלייגט אין דעם, אַז מ׳זאָל ניט לאָזן וואַרטן די אלמנות אויף מצות ביז ליכט־בענטשן, ווייל די אלמנות זיינען אויך אידישע טעכטער. און מ׳האָט אויסגעפירט. גאַנצע צוויי טעג פאַר פסח הענגט שוין דער קאָרב מיט מצות ביי אונז אין שטוב.

וואָס מער די באָבע רעדט וועגן די מצות, אַלץ מער טראַכט איך, ווי אַזוי מ׳גנב׳עט אַרויס אַ שטיקל מצה. און מיין שוועסטערל לאָזט אויך ניט אַראָפּ אירע אויגן פון קאָמאָדע. דאָרטן מוז ליגן ווער ווייסט וואָס . . . שוין אַ פּאָר וואָכן, ווי די מאַמע ברענגט עפּעס, דאָ נייע קריי־געלעך, גלעזעלעך מיט בלויע פייגעלעך, שטעלט עס אַלץ אין קאָמאָדע. די קאָמאָדע איז פאַרשפּרייט מיט אַ קלאָרן טישטוך פון אויבן, מיט אַ בלויען צוקער־פּאַפּיר. אויפן בלויען פּאַפּיר אַ ווייס פּאַפּיר, און אויבן איבער דער קאָמאָדע הענגט דער קאָרב מיט מצות. אַלץ איז פאַרטיג אויף פסח, נאָר דער מיטן פון קעלער־שטוב איז פול מיט חמץ, ווילן מיר צוגיין צו דער קאָמאָדע, שרייט די באָבע: ניטע! פּרובירן מיר עפענען דאָס טיש־קעסטל, אַ קוק טאָן אויף די נייאינקע לעפעלעך, שרייט די

באָבע: ניטע, איר האָט חמצ׳דיגע הענט!

איז פּאַר מיר און דער שוועסטערל געבליבן איין האָפענונג: די באָבע מוז באַלד אַוועקגיין, וועלן מיר בלייבן אַליין.

יעדן ערב פּסח פלעגט אונז די באָבע מיטנעמען אין גרויסן פיש־מאַרק. די באָבע האָט געפירט פיש־געשעפטן ביז אין טיפן עלטער און אַלע ערב יום־טוב פלעגט זי אַוועקשפּאַצירן אין גרויסן פיש־מאַרק, דאָרטן האָט מען זי אויפגענומען מיט פרייד. פאַר יעדן פישער איז געווען אַ כבוד, אַז רחל־לאה ווילענץ וועט זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן זיין סחורה. פלעגט זי אַזוי אַרומגיין פון קאַסטן צו קאַסטן און די פישער האָבן זי באַגריסט.

— אַ גוטער מאָרגן, רחל־לאה! קומט אַהער! לעבעדיגע, צאַפּל־דיגע אָקינקעס! נעמט, פּאַרזוכט, זעט, סחורה!

און די באָבע איז געווען איבערגליקלעך. ניט אַלע פיש האָט זי געגעסן. אַז זי האָט שוין יאָ אימיצן געגעבן דעם כבוד און גענומען די מתנה, האָט זי מיר באַפוילן: „האַלט דעם פאַרטוך!“ און עס זיינען געפלויגן לעבעדיגע פישעלעך מיר אין פאַרטוכל אַריין. האָב איך גע־וואַרט אויף דעם טאָג אַ גאַנץ יאָר. אָבער דעם ערב־פּסח האָבן מיר, איך און מיין שוועסטערל, זיך אָפּגעזאָגט צו גיין מיט דער באָבען נאָך די לעבעדיגע פישעלעך. האָט די באָבע געטראַכט, געטראַכט און נאָך אַמאָל געפרעגט: — וואָס ווילט זיך אייך נאָר בלייבן אַליין? און איז אַוועק.

— לאָמיר זיך וועטן, אַז איך ווייס אויף וואָס דו קוקסט — האָט מיר מיין שוועסטערל געזאָגט און געהיט מיינע בליקן.

— לאָמיר זיך וועטן, אַז איך ווייס אויף וואָס דו קוקסט, — האָב איך איר געוויזן, אַז איך ווייס אויך וואָס זי וויל.

— דו קוקסט אויף די מצות, דו ווילסט אַרויסנעמען אַ שטיקל מצה מיט דיינע חמצ׳דיגע הענט!

— אויב דו זאָגסט ניט אויס, וועל איך אויך ניט אויסזאָגן, — האָט שוין מיין שוועסטערל מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויך זי גאַרט נאָך אַ ברעקל מצה.

— אויב אַזוי, לאָמיר: איך אַ מצה און דו אַ מצה.

— איך אַ מצה און דו אַ מצה, אָבער געדענק, ניט דערציילן — האָט דאָס שוועסטערל מיר געוויזן מיט אַ פינגער אויפן מויל.

— חלילה, ווער וועט דערציילן — האָב איך איר פאַרזיכערט.

זי איז אַרויפגעקראָכן אויף דער קאָמאָדע און איך האָב געהיט די טיר, צי אימיצער קומט ניט אָן. די באָבע האָט זיך נאָך געזען פון וויטן מיט איר נייעם קאָשיקל אויפן אָרעם. אַז זי האָט זיך שוין מער ניט

געזעגן, האָב איך געגעבן דער שוועסטער אַ באַפעל:

— נעם שוין אַרויס די מצה. די באָבע האָט זיך אַריינגעדרייט אין קאַנאַווע גאָס! גיכער! זי קען זיך נאָך אומקוקן!

אָבער פּלוצלונג האָב איך דערהערט אַ קראַך. דער קאָרב מיט די מצות האָט זיך אָפּגעריסן פון טשוואָק און גלייך אויפן דיל.

— אַן אומגליק! — האָט מיין שוועסטער אויסגעשריען.

— נעם צונויף די מצות! גיכער, לייג די שטיקלעך פון אונטן און די גאַנצע פון אויבן! — האָב איך געשריען.

— שטיי לעבן טיר, גיב אַכטונג צי די באָבע קומט ניט אָן! — האָט מיין שוועסטער מיר באַפוילן מיט גרויס שרעק.

מיט גרויס צער און פּחד איז אונז אַנגעקומען אַרויפצושלעפּן אויף דער קאַמאָדע דעם קאָרב מצות און צוגעבונדן די שטריק צום טשוואָק. דער קאָרב הענגט שוין ווידער אין דער הויך, מיטן ווייסן צודעק באַ־האַנגען. מיר האָבן אַפילו פאַרגעסן אַרויסצונעמען אַ פּאָר שטיקלעך מצה. מיר האָבן פאַרקערט די ווייסע ברעקלעך פון דיל, און — די באָבע איז דאָ!

— וואָס'ט איר אייך צוגעשלאָסן? אין דרויסן איז אַ דאַנק דעם אויבערשטן וואַרעם, אַ מחיה, לאָזט אַרויס די טוכלעקייט, — האָט די באָבע זיך געבייזערט אויף אונז אַלמאי מיר האָבן זיך צוגעשלאָסן. זי האָט מיט זיך געבראַכט אַ שטראָם ליכט און אַ קערבעלע לעבעדיגע פיש: זילבער־קאָלירטע פישעלעך מיט רויטע עקלעך האָבן זיך געצאַפּלט און געפּרובירט אַרויסשפּרינגען פון זייער געפאַנגענשאַפט. מיר האָבן זיך געשפּילט מיט די לעבעדיגע פיש. פּרובירט די פישעלעך איינהאַלטן אין די הענט, און די באָבע האָט זיך געפרייט און געוויזן, אַז זי קאָן בעסער פון אונז איינהאַלטן די צאַפּלדיגע פיש.

דער אומגליק, וואָס עס האָט נאָר וואָס געטראָפן מיט די מצות, האָט אונז נאָך מער געמאַטערט ווען מיר האָבן דערזען די באָבע. זי פלעגט אונז שטענדיג שרעקן מיט מעשיות וועגן יענער וועלט, אַז אויב אַ מענטש לייט אַ נאָדל און גיט זי ניט אָפּ, — וועט ער מוזן אויף יענער וועלט קריכן טויזנט מאָל דורכן לעכל פון דער נאָדל. און אַז מען נאַשט צו־פיל וועט מען אויף יענער וועלט הענגען אויף דער צונג. און אַז מען עסט חמצ'דיגע מצה שטאַרבט מען יונגערהייט . . .

זיינען מיר, איך און מיין שוועסטער, אַוועקגעלאָפן פרעגן דעם רב. איין רב איז געווען זייער אַ גוטער, און האָט זייער מיטגעפילט די אָרי־מע, האָט ער אָבער גוט געקענט מיין מאַמען. דער צווייטער רב פלעגט אַלץ מאַכן טריף, קינדער פלעגן מורא האָבן פאַר אים. ער פלעגט זו־מער טראָגן אַ געל פוטערנע היטל. ער פלעגט אַריבערלויפן אויף דער

אַנדער זייט גאַס ווען אים איז אַנטקעגן געקומען אַ פּרויענצימער.

דער שמש, אַ הויכער דאַרער איד מיט פּאות ביז די באַקן־ביינער, האָט אויף אונז געגומען שרייען, ווען ער האָט אונז דערזען אין פּאָרהויז פון רב'ס שטוב:

— וואָס טוט איר דאָ? וועמעס קינדער זייט איר, האַ?

— מיר ווילן פרעגן דעם ר' רב צי אַז עס פאַלט אַרונטער מצה אויף אַ חמצ'דיגן דיל און אַז מען רירט עס אָן מיט חמצ'דיגע הענט, איז חמצ'דיג געוואָרן די מצה צי ניט?

— וועמעס מצה? ווער זייט איר? — איז שוין דער שמש אַרויס פון די כלים. ער איז אַריין צום רב און תיכף צוריקגעקומען און אויס־געשריען זיך, אַרונטערבויגנדיג צו אונז:

— חמצ'דיג! איר מוזט קויפן נייע מצה! לויפט שוין אַהיים!

— און ווען מיר זיינען שוין געווען אין טיר, האָט ער אונז אָפּגעמאָסטן:

— קוקט זיי נאָר אָן די מוידן! . . .

איך קנאַפּע ניין יאָר, און מיין שוועסטער קנאַפּע עלף יאָר, גייען טרויעריגע, פאַרשולדיגטע אַהיים אין קעלער־שטוב. מיין שוועסטער האָט אָבער געקענט צוטראַכטן פּלענער, האָט זי געזאָגט:

— ווייסטו וואָס, דער מאַמען מיט דער באָבען וועלן מיר גאָרנישט ניט דערציילן. זאָלן זיי עסן די מצה און מיר וועלן זיך מאַכן קראַנק, „די העלזער טוען אונז וויי", וועלן מיר זאָגן. די באָבע וועט דאָך ניט שטאַרבן יונגערהייט, זי איז דאָך שוין איבער אַכציג און דער מאַמעס עבירה וועלן מיר נעמען אויף זיך, ווייל זי איז נאָך יונג.

די באָבע פלעגט אַליין לייענען די הגדה, זי האָט ניט געוואָלט גיין צום זון, וועלכער איז געווען אַ איד אַ באַלעבאָס, וועלכער האָט געפּראַוועט גרויסע סדרים, אָבער אונז, די אָרימע אלמנה מיט די יתומים, האָט ער קיינמאָל ניט איינגעלאַדן צום סדר. האָט די באָבע זיך געוויגט איבער די מצות, די מאַמע איז געזעסן פאַרפּוצט אין אַ ווייסע יאַקע מיט קרויזן אַרום האַלז: געטראַכט אַוודאי פון די גליקלעכע יאָרן ווען אונזער פאָ־טער האָט געלעבט. און מיר, איך מיט דער שוועסטער, זיינען געלעגן אין בעט און געקרעכצט:

„אוי, אונזערע העלזער, מיר קענען די מצה ניט נעמען אין מויל. מיר קאָנען ניט שלינגען" . . .

די באָבע האָט באַלד נאָכן סדר אַרויסגעשאַרט הייסע אש פון אויוון, אָנגעפילט צוויי זאַקן און אונז אַרומגעבונדן די העלזער. די מאַ־מע איז ניט אָפּגעטראָטן פון בעט, געקלאָגט און געוויינט, אַז עס זאָל כאָטש ניט זיין מער, ווי די מאַנדלען. די זאָקן אַש האָבן געברענט אַרום די העלזער און די געהיימעניש איז געבליבן ביי אונז ביידן.

פערל די גוזמאַ׳טע

פון אַלע שוועסטערלעך און ברידערלעך פערל׳ס, קראַנקע, הינקענדיגע, און נאָך אַזוינע פעלערן, וואָס קינדער האָבן געהאַט אין דער אַלטער היים, איז פערל טאַקע געווען דער פערל פון שטוב. כאָטש אַ בלאַסינקע, מיט אַן אָפגעצויגענעם פנים׳ל, האָט זי קיינמאָל ניט געקרענקט. פאַרקערט, זי איז אַלעמאָל געווען דער מאַמע׳ס ערשטע האַנט. פונדעסטוועגן זיינען טאַטע־מאַמע ניט געווען צופרידן מיט זייער טאָכטער, ווייל פערעלע איז געווען פון קינדווייז־אָן אַ בעל־גוזמאַ׳טע. גענומען, זאָגט מען, האָט זיך ביי איר דער חסרון צוליב איר מאַמע׳ס אַ ברודער, אַ מעשה־דערציילער, און דערצו אַ בדחן, האָט טאַקע איר מאַמע געליטן פון דעם. יאַנקעלע זאָגער, אַזוי האָט מען גערופן פערל׳ס פעטער. און אַז פערל פלעגט זיך מיט עפעס פאַרזינדיגן, פלעגט איר טאַטע אַ געשריי טאָן צו זיין ווייב:

— אָט האָסטו דיר דיין יאַנקעלע זאָגער. פון נאַכט איז ביי איר טאָג, פון אוויצע אַ בלום, פון אַ גלעזל אַ דימענט. פערל גוזמאַ׳טע און פאַרטיג.

די מאַמע פערל׳ס פלעגט אָפט וויינען:

— סטייטש, פערל, מענטשן וועלן דיר דאָך ניט גלויבן. וואו האָסטו געזען בלומען, אַז עס איז דאָך נאָך אַ וואָך צו פורים.

דאמאָלסט פלעגט פערל זיין בייז אויף זיך אַליין און באַשליסן, אַז זי וועט זיך היטן קיין ליגן ניט צו זאָגן, כאָטש זי אַליין האָט עס ניט אָנגערופן קיין ליגן.

טאַטע־מאַמע און די קלענערע קינדער האָבן זיך אָבער איינגעוואוינט צו פערל׳ס מעשיות. צו אירע גוזמאות, און אַז זי פלעגט אַריינקומען פון גאַס, פלעגן איר אַלע אַנטקעגנקומען: — נו, פערל, וואָס האָסטו עפעס צו דערציילן?

דער טאַטע אירער פלעגט זיך אַפילו צוהערן, ווען לנדיג מאַכן גלויבן, אַז ער הערט ניט אַ וואָרט וואָס זי זאָגט. פונדעסטוועגן פלעגט ער אָפשטעלן די ניי־מאַשין און נעמען נייען ביים האַנט, שווייגן און ציען דעם פאָדים לאַנגזאַם, שיקנדיג פאַר׳גנב׳עטע בליקן אַהין, וואו פערל איז געזעסן, אין מיטן שטוב, נידעריג אויף אַ בענקעלע, די קינדער אויסגעצויגן אויף דער ערד, די מאַמע לעבן אויוון אויפן באַנק, די שטוב איז ווייניג

באַלויכטן, און זי, פּערל גוזמאַ׳טע, פירט זיי אין אַ שיינער, אויסגעאַ־טראַכטער וועלט. שעה׳ן לאַנג פלעגט די פאַמיליע הערן אירע מעשיות. איר צען־יעריג פּנים איז דאַמאָלסט פאַרביטן געוואָרן, בלאַסער, לענגער. די בלויע אויגן גרעסער, איר שוואַך קול׳כל — דין ווי אַ פידל, און אַלע מאָל פלעגט דער טאַטע אַ קוק טאָן אויף זיין ווייב: — אָט אַן אומ־גליק אויף אונז. און איר מאַמע פלעגט אָפּדרייען איר פּנים פון איר מאַן פאַר ווייטאָג, פאַר שאַנדע, ווייל עס איז דאָך געווען איר שולד, איר מיידעלע האָט זיך דאָך איינגעגעבן אין איר ברודער יאַנקעלע דער בדחן. און דאָך האָט די פאַמיליע ניט געקענט לעבן אָן פּערל׳ס מעשיות. ווי זי איז נאָר פון ערגעץ געקומען, האָבן אַלע אָנגעשטעלט אויף איר זייערע בליקן, געעפנט מויל און אויערן, און געוואַרט, ווי אָרימע קינדער, ווען אַ רייכע מומע קומט צופאָרן.

אַ סך זאַכן האָט מען ניט געוואוסט ביי פּערל׳ען — דעם גרעסטן סוד, וואו זי נעמט די מעשיות, בעסער געזאָגט, דעם אָנהויב פון די מעשיות. זי האָט קיינעם ניט דערציילט, אַז זי גייט אַוועק צו שפּרינצע דער פּע־דערן־פּליקערין, העלפט זי אַביסל אין איר אַרבעט, און יענע דערציילט איר מעשיות. אָדער אַז זי גייט אַוועק צו דעם אַלטן דוד׳ן, זעצט זיך לעבן זיין נידעריגן טיש, וואו ער פאַריכט שיך, און הערט זיך צו צו זיי־נע מעשיות. דערנאָך מאַכט זי זיי איבער ווי אַזוי זי וויל, נעמט אַרונ־טער, זעצט עפּעס צו.

איינמאָל איז איר טאַטנ׳ס אַ פריינט געקומען, זיך צוגעהערט צו פּערל׳ס גוזמאות און געזאָגט צו איר פאַטער:

— איר ווייסט, רב ביינוש, ווען דאָס מיידעלע איז מיינע, לערן איך זי אויס שרייבן. זי וואָלט די מעשיות אירע פאַרשריבן.

— וואָס רעדט איר? — האָט פּערל׳ס טאַטע אויסגעשריען, — פאַרשרייבן נאָך? מוחל, מוחל. מיר קענען אירע גוזמאות אויף אויסנ־ווייניג. איר ווילט הערן פּערל׳ס אַ מעשה? נאָט, הערט:

— אָט דאָ אַנומלטן לויפט זי אַריין מיט אַ פרייד, אַז חיים ראַזירער איז געשטאָרבן, אַז זי האָט פיינט חיים ראַזירער, געהערט אַז ער איז קראַנק, נעמט מיין פּערל גוזמאַ׳טע, און באַגראָבט אים. אויפן טויט מעג מען דאָס גלויבן, פרעגן מיר ניט איבער און מען שווייגט. ערשט אייך נאַכט, איך גיי אַזוי אין אַ פינצטערער גאַס, ווער מיינט איר, קומט מיר אַנטקעגן? חיים ראַזירער.

— סטייטש, ווי טוט אַ מיידל אַפּ אַזאַ מין זאַך, — פרעגן מיר פּערל׳ען. — זי האָט פיינט דעם אידן חיים ראַזירער, דערפאַר האָט זי אויף אים אויסגעטראַכט, אַז ער איז טויט. אָדער, אָט ברענגט זי אייך צו אַ קריגל מיט אַביסל זויערמילך אויפן דעק, און מאַכט: — טרינק, טאַטע, פרישינקע וואַרעמע מילך, אַ פולער קריגל, טאַטע, טרינק. נו,

דאַרף מען נאָך אַזױנע זאַכן פאַרשרײַבן ?

און אַזױ איז פּערל געװאַקסן און ניט געקענט איר נאָמען אָנשרײַבן.

אַז אין הױז איז ניט געװען גענוג צו עסן, די לאַנגע װינטער־נעכט האָבן זיך געצױגן װי אַן אײביגקײט, פלעגט איר מאַמע זאָגן : — אַ דאַנק גאָט װאָס פּערל קאָן מעשיות. אַ ליגן קומט אױך אַמאָל צונוץ. און פּערל פלעגט אײַנשלעפערן אירע שװעסטערלעך און ברידערלעך מיט אײגענע פאַרפאַסטע לידעלעך און מעשה׳לעך, אַז גאָר נאָענט, ניט װײַט פון זײער הױז, שטײט אַ בױם, אױף װעלכן עס װאַקסן װײַסע לעבלעך ברױט, און װי נאָר דער שניי װעט צעגײן, לױפט זי גלײַך און רײַסט זײ אַרונטער פון בױם.

און אַז פרילינג־צײַט, װען דער טאַטע אירער האָט אָנגעהױבן פאַר־דינען, נײענדיג קלײדער פאַר די נגידים פון שטעטל, די מאַמע האָט גענומען באַקן בולקעס, קיכעלעך, פלעגט זי אָננעמען איר טאַטנ׳ס הענט, װי אַ הױב טאָן אין דער הױך, און אױסרופן : — איר זעט, קינדער, אָט דאָס איז דער װאונדער־בױם, אױף װעלכן עס װאַקסן די װײַסינקע ברױטלעך מיט די קיכעלעך. דער טאַטע פלעגט לאַכן און זי אַ שטאַרקן צי געטאָן בײַ איר צאָפּ, זאָגנדיג : — אױ, אַ מױד, אַ צעדרײטע מױד ! דאַמאָלסט איז אים גראָדע יאָ געפעלן געװען פּערל׳ס פאַרגלײַכן זײַנע הענט צום װאונדער־בױם, װעלכער גיט ברױט פאַר זײַנע קינדער.

:: :: ::

פּערל איז שױן געװען אַ מײדל אַ יאָר פערצן, װען זײ זײַנען אָנגעקומען קײן ניו־יאָרק. די מאַמע האָט זי געדאַרפט האָבן אין דער־הײם, צו העלפן זי מיט דער הױז־אַרבעט. און דער טאַטע האָט געזאָגט : — װאָס טױג דיר זיך גײן איצט לערנען, באַלד װעסטו סײ־װי גײן אַר־בעטן.

אָפט פלעגט זי זיך טאַקע צוכאַפּן אין פאָטער׳ס שאָפּ, באַקענען זיך מיטן אָרט, מיט די מענטשן, װאו, װען עס װעט װערן „ביזי בײַ קלאָוקס״, װעט מען זי אַרײַננעמען.

אין פּאַבליק־סקול האָט זי געפילט זײער שלעכט. מען האָט זי אַרײַנגעזעצט מיט זעקס־יעריגע קינדער אין אײן קלאַס. זי אַ הױכע, אַ דינע, מיט צװײ בלאָנדע צעפּלעך, מיט גרױסע בלױע אױגן, זיצט אין מיטן, אַרום איר קלײנע קינדער. זײ לײענען און שרײַבן, רײדן די שפּראַך אַזױ פליסיג, און זי פאַרשטײט ניט קײן װאָרט. װיל זי עפּעס זאָגן, רעדט אַרױס אַ װאָרט, װערט אַ געלעכטער. די לערערין מוז אַלע־מאָל שרײַען אױף די קינדער, זײ זאָלן צורו לאָזן דאָס נײַע מײדל.

אַנדערש איז איר אָבער געװען אין דער מאָדערנער אידישער שול. אױך דאָרטן זיצט פּערל מיט אָנפאַנגער, אָבער מען האָט זי אַזױ ליב.

די קינדער זיינען פונקט ווי זי, אַנפּאַנגער, דערפאַר אָבער קריגט זי אַן עולם, פאַר וועמען צו דערציילן אירע מעשיות. און וואו זי קומט און גייט, רינגלט מען זי אַרום: פערל, דערצייל, דערצייל! זי ווערט דעם לערער׳ס אַרויסהעלפערין. און די שול ווערט פאַרגרעסערט, צוליב דער גרינער מיידל, וועלכע ציט צו די קינדער ווי אַ מאַגנעט, מיט אירע מעשיות.

דאָס אויסלערנען זיך שרייבן און לייענען איז פאַר איר געווען ווי ווען אַ גרויסער דאָקטאָר קומט און נעמט אַרונטער צוויי דיקע בעלמען פון אַ בלינדנ׳ס אויגן. אַזאַ ניו־יאָרק! אַזוי פיל ביבליאָטעקן, פּאַרקס, אַזוי פיל קלובן און מוזייאומס, און זי ווערט גרעסער, עלטער, מיט אַזוי־פיל דורשט צו לערנען, צו זען די נייע וועלט.

נאָר דער טאַטע איז אַלץ ניט צופרידן מיט זיין טאָכטער. די אינ־גערע שוועסטער און ברידער האָבן שוין לאַנג חתונה געהאַט און פערל׳ען אַרט עס גאָר ניט, פאַרקערט, זי נייט די חתונה־קליידער פאַר די שוועס־טער, שפּיגלט זיך אין זייערע קליידער, קוועלט אָן פון זייערע ליבעס, שטייט אַ פאַרגאַפטע פון ווייטן און פרייט זיך . . . האָט מען טאַקע גע־זאָגט, אַז צוליב פערלע׳ן איז די מאַמע געשטאָרבן, צוזעענדיג ווי אַ מויד גייט עס אַרום אַ פאַר׳חלומ׳טע, טראַכט ניט פון קיין מאָרגן, פאַרנעמט זיך מיט איבערמאַכן די וועלט, ביז זי איז פאַרבליבן אַליין מיטן טאַטן.

יאָרן לויפן, דער פאָטער האָט אָנגעלעבט אַ בייכל און אַ שעפּל. און פערל — ביכער, בילדער, קלובן, אָרגאַניזאַציעס. זי באַקלאָגט זיך ניט.

די הויז איז איינגעטונקען אין פערל׳ס באַליבטע קאָלירן: האַנט־געניייטע גאַרדינען, בלומען דאָ און דאָרטן — זיינען שטיקער פון איר נשמה. נאָר דער טאַטע אירער איז אַלץ ניט צופרידן. איבערהויפּט האָט ער פיינט ווען זי בלייבט זיצן אַ פאַרטראַכטע לעבן פענצטער:

— דאָ, פערעלע גוזמא, דאַרפסטו גאָר ניט פאַרטראַכטן. דאָ, דאַנ־קען גאָט, זיינען דאָ לעבלעך ברויט און גאָלדענע שיכעלעך. און דערביי נעמט ער זי דערמאָנען ווי זי, אַלס קינד, אין דער אַלטער היים, פלעגט דערציילן אירע אויסגעטראַכטע מעשיות וועגן לעבלעך ברויט, וועלכע וואַקסן אויף אַ בוים. דערביי לאַכט ער און עס טרייסלט זיך זיין גראָבע מאָרדע פון די נאַרישע דעראינערונגען. אָבער פערל זאָגט גאָרניט. זי ווייסט, אַז זי האָט זיך ניט איינגעגעבן אין אים. זי בענקט נאָך איר מאַמען, וועלכע פלעגט ליגן מיט איר ביז שפּעט אין בעט און אויסהערן אירע מעשה׳לעך, וואָס זי פלעגט פאַרטראַכטן אַלס קינד.

אַז דער פאָטער קומט אַ מידער פון זיין געשעפט, וואַרט שוין אויף אים אַ וואַרעמער מאַלצייט, אַ ריינע בעט און אַ שטילע טאָכטער.

און נעמט זי עפּעס דערציילן, גיט ער זי גלייך אַ שטאָך:

— פערל, קענסט דערציילן, אָבער דעם אמת, אָן גוזמאות! — באַ־

פעלט ער איר, זיך ווישנדיג די פעטע מאָרדע. — געדענק, פערל, אַז דו ביסט שוין אַ דערוואַקסענע מיידל. דאַמאָלסט דערמאָנט זי זיך אָן איר מאַמען, ווי אַזוי דער טאַטע פלעגט זי אויפוואַרפן:

— ס'איז דיין ברודער, דער צעדרייטער זאָגער. און פערל בלייבט שטיל. ניטאָ מיט וועמען צו ריידן . . .

דערפאַר איז פערל'ס פאָטער אָבער צופרידן מיט פערל'ען, ווען עס קומט צו געלט:

— נאַ דיר, פערל, אַ צענערל און שטעל זיך פאַר, אַז עס איז פינף און צוואַנציג. מאַך פון איין דאָלער צען — לאַכט ער און פאַרמאַכט זיין גראָבן טייסטער, אַז פערל זאָל חלילה ניט כאַפּן אַ קוק וויפיל געלט עס ליגט דאָרטן. אָבער פערל'ען אַרט עס ניט. געלט שפילט ביי איר די קלענסטע ראָל. זי ווייס די אַלע ערטער וואו אַ מענטש קאָן הערן אַ קאָנצערט אומזיסט. זי ווייס אַלע טייכן וואו מען קאָן זיך שיפן. זי ווייס בערג און וועלדער, וואו מען קען קלערן און שפּאַצירן. אַ בוך, אַ קוואָרט פאַר וואַסער נעמט זי און קוועלט פון איר חלום־וועלט, וואָס איז איר פלוצלונג געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. אָפט נעמט זי איר טאַטן מיט זיך. פּאַקט אים איין אַ פּעקל עסן, מיט אַ סך זויערע אוגערקעס, פאַרשיידענע קעזן, און דעם ביטערן טראָפּן פאַרגעסט ער אויך ניט מיטצונעמען. זיי שיפן זיך איבערן האָדסאָן. פערל באָדט זיך אין זון־פאַרגאַנג. איר טאַטע עסט און ווישט זיך דאָס מויל, דערביי וואַרפט ער טרויעריגע בליקן אויף זיין אומגליקלעכער טאָכטער, נעבעך, וואָס שלעפּט אים אַרום צו אַלע קאָנצערטן און איבער אַלע טייכן.

די מוטער, זאָגט מען, איז געשטאָרבן, ווייל זי, פערל, האָט אַזוי געוואָלט לעבן ווי זי לעבט. דער פאָטער פערל'ס איז, פאַרקערט, צופרידן. זי ווייס דען וואָס ליבע איז, און ווער וועט נעמען אַ מיידל מיט אַ חלום צו ווערן אַ שרייבערקע? פלעגט פערל'ס טאַטע לעבן אַזוי אַ צופרידענער און ווילצלען זיך איבער פערל'ען.

איין שבת פאַרנאַכט זיינען זיי געפאָרן צו אַ קאָנצערט אין סענטראַל פּאַרק. זי איז געווען געקליידט אין אַ ראָזעווער דינער קלייד, אירע בלאָנדע האָר קורץ געשוירן, עס האָט עפּעס געזונגען אין איר אַ זומערדיג געזאַנג. זי האָט געוואָלט אַרויסזינגען הויך אירע שטימונגען. זי פאָרט צו אַ קאָנצערט און איר טאַטע פאָרט מיט איר! אפשר וועט ער ווייכער ווערן דורך געזאַנג. אפשר וועט ער דערפילן, אַז עסן און געלט איז ניט אַלץ, און ער איז אויך היינט געווען אויפגעלייגט. אַלעמאָל האָט ער זייער ווייניג נייעס צו ברענגען אַ היים. זי האָט פאַר אים אַלע טאָג עפּעס נייעס. פון דער איינציגער הויז, וואו זיי וואוינען, און איר אַרט ניט צי גלויבט איר איר טאַטע, אָדער ניט, נאָר ער קומט אַריין אַ שטומער און גייט אַוועק אַ שטומער. היינט אָבער איז ער געקומען זייער

אויפגעלייגט. — פערל, — האָט ער זי געלאָזן וויסן מיט גרויס פרייד, — איך האָב זיך נאָר וואָס אָפּגעוואויגן און פאַרלאָרן אַ פונט. זע נאָר מיין בויך!

די באַן פליט מיט יוגנט, זומערדיג געקליידט. בענדער אויף מיידל־שע האָר פליען, געיאָגט פון עלעקטרישן פעכער. קרויזן אויף קליידער, ווי פאַסן רעגנבויגן, פליען אַרויף, רייצן זיך מיט נייגעריגע מענערישע אויגן . . . שבת נאַכט, אַ זומער־אָוונט, אַ יוני־אָוונט.

פון דערוויייטנס רופט א גריינע לאַנקע. בענד שפּילער ,און פערל'ען איז גוט אַפילו מיטן גראַבן, אומצופרידענעם טאַטן, וועלכער באַטראַכט זי, ווי אַן אַנשיקעניש אויף דער וועלט.

פלוצלונג האָט דער פאָטער דערזען אַ מאַן אַנטקעגן זיי. ער איז גע־זעסן און עפּעס געמאָלן אין אַ ביכל. ער איז געווען אַנדערש געקליידט ווי אַלע, ברייט צעעפנט זיין קראַגן, אָן אַ קראַוואַט, זיינע הויזן נישט־פינקטלעך געפּרעסט, זיינע טונקעלע האָר צעבלאָזן, פונקט ווי די מיידל־שע קרויזן אויף זייערע קליידער, דערפאַר האָבן זיינע אויגן, ברוינע, הייסע, רירעוודיגע, אומגעוואַנדערטע, געזוכט, און שטענדיג עפּעס געפונען אַ פיר צו טאָן אין זיין ביכל.

— אָט האָסטו דיר דיינעם אַ מענטשן, — האָט דער פאָטער אַ טורקע געטאָן פערל'ען אין זייט. — זע, פערל, איינער פון דיינע מענטשן. זע אַ הילוך, זע האָר, זע אַ פּאָר שיך, כי־כי־כי! — האָט פערל'ס פאָטער זיך געהאַלטן ביים בויך פון לאַכן.

— יאָ, איך קען אים. ער איז איינער פון מיינע מענטשן, — האָט דאָס מיידל קורץ אַ זאָג געטאָן, כמעט מיט אַ שטאָך, ווי ווען דער טאַ־טע לאַכט פון איר אַליין.

— טאַקע, דו קענסט אים, אָדער ס'איז איינער פון דיינע חלומות?

— צען יאָר קען איך אים שוין, — האָט זיך פערל באַרימט פאַרן פאָטער, כאָטש זי האָט דעם יונגן מענטשן געזען צום ערשטן מאָל.

— יאָ, טאַטע, ס'איז מיין חלום, — האָט זי אַרויסגערעדט און טאַקע גענומען באַטראַכטן דעם מענטשן, וואָס איז געווען פאַרטיפט אין זיין אַרבעט.

דער פּאַרק האָט אָנגעקוואָלן. יעדער בוים, יעדער בלום האָט גע־קוקט מיט שטאָלץ, האָט זיך געפּלייסט פאַר אַלע בלומען און בוימער פון דער גאַרער וועלט, ווייל דאָ, ביי זיי, קומען פאַר קאָנצערטן, און זיי האָבן געטאַנצט צום טאַקט פון אָרקעסטערס טענער.

די ליליס האָבן געטאַנצט פּוילקעס, די דעפידילן, פראַנקסעזן, די בוימער האָבן געפעכערט אַלעמען מיט זייערע צעגרינטע צווייגן. יעדער באַנק אָדער בערגל איז געווען באַזעצט מיט מענטשן, וואָס זעען אויס ווי בלומען אין זייערע קאָלירטע קליידער. פּאָרלעך געטוליעט איינס צום

אַנדערן, וויגן קעפּ, אָטעמען אַריין די טענער. יעדער איז פאַרטראַכט. שטיל. יעדער פּאַסט צו די קלאַנגען צו זיין געמיט. איינער הערט אין פידל דאָס געוויין פון זיינע ליבסטע, וואָס ער האָט פאַרלאָרן אויף יענער זייט ים, אַ צווייטער דאָס כליפּען פון זיין קינד פאַרן שטאַרבן אויפן שלאַכטפעלד, אַ דריטער הערט ליבעס־קלאַנגען, קושן. און די פאַרנאַכ־טיקע זון פּוצט אויס די מעשענע אינסטרומענטן אין בלוט־רויט. פינקלט אויף אַלץ און אַלעמען פאַרן פאַרגיין. נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל טוט עס אַ בליק דורך די הויכע בוימער, ווי עס וואָלט ניט וועלן פאַרלאָזן דעם פּאַרק מיט די קלאַנגען. ווי קינדערישע אויגן דורך אַ פענצטער, נע־מען זיך באַווייזן ערשטע שטערן. אַ קילער זומערדיגער ווינטל טאַנצט אויס מענדעלסאָנ׳ס פרילינג־ליד און גלעט אַלעמענס פּנים׳ער. דאַ־מאָלסט איז פּערל אין פּאַרק מיט איר טאַטן. ער האָט זיך אויס־געגלייכט און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער אָרקעסטער האָט געוואוסט, אַז ער, דער אַלרייטניק, קומט צום קאָנצערט. ווער ווייס, עס קען זיין, אַז פּערל זאָל זיי האָבן אָנגעזאָגט, אַז זי ברענגט היינט איר טאַטן. אויף איר איז אַלץ צו גלויבן, האָט ער געטראַכט. ער האָט זיך אַזאַ וויג געטאָן, ווען הונדערט שפּילער האָבן צעוויגט זייערע אינסטרו־מענטן און דער עולם איז געבליבן שטיל, ווי שלאָפנדיגע. מיט איין מאָל איז אים פּערל ניט געוואָרן, פּונקט ווען ער האָט, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, געוואָלט אָננעמען זיין קינד׳ס האַנט. זי איז ניט געוואָרן, ווייל אימיצער אַנדערש האָט זי אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם. עס איז געווען יענער מענטש, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן איר אין באַן אויפן באַנק.

— דער גראָבער מענטש איז אייער מאַן? — האָט ער זי געפרעגט און פעסט צוגעהאַלטן איר אָרעם.

— מיין פאָטער, — האָט זי מיט פאַרוואונדערונג אַרויסגערעדט און געוואָרן געפאַלן ביי זיך, וואָס אים פאַלט איין אַז זי אַזוי אַלט.

—איי גוט! — האָט ער פראַנק און פריי אויסגעשריען, און זי אַ צי געטאָן צום גרינעם גראָז. — זיצן מיר. און פון היינט אָן זע איך אייך שטענדיג.

— איר האָט געזאָגט, אַז איר קענט מיר שוין צען יאָר. איך האָב זיך צוגעהערט צו אייער געשפּרעך, — האָט ער אַ גליקלעכער גערעדט.

— איך האָב עס געשפּאַסט, — האָט זי זיך פאַררויטלט. אין דעם מאָמענט האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי הערט איר מוטער׳ס שטים.

— געוואַלד, פּערל, הער אויף דיינע גוזמאות. . .

— אָט דאָ האָט איר אייער בילד. איך האָב אייך געמאָלן, זיצנדיג אַנטקעגן אייך אין באַן.

פּערל האָט אָנגעקוקט דאָס בילד. עס איז געווען נאָר אַזוי ווי

איינער מאָלט אַ צווייטן, ווען ער איז פֿאַרליבט אין אים, ווען ער זוכט און געפֿינט דעם יעניגן.

— ס'איז ניט איך, ס'איז צו שיין פֿאַר מיר. איר זענט אַ בעל־גוזמא, — האָט זי געזאָגט און געלאַכט.

— אַזוי זע איך אייך, — האָט זיך דער מאלער געפֿרייט, וואָס דאָס מיידל נעמט אים אויף אַזוי מענטשלעך, אים, וואָס האָט דיר ניט, מיר ניט, אונטער קלאַנגען פֿון מוזיק פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן דאָס מיידל, ווען ער איז נאָכגעגאַנגען, ווי ער האָט זי דערזען אין באַן.

— וואָס טוט איר? — האָט זי אים געפֿרעגט, אַריינקוקנדיק אין זיינע בורשטינענע אויגן, וואָס עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז פֿון דאָרטן, פֿון זיינע טיפֿע, ווייטע אויגן, שעפּט זי איר וואונדער־וועלט.

— איך מאָל, — האָט ער שטאָלץ געענטפֿערט.

— און איך שרייב, — האָט זי גליקלעך אַרויסגערעדט און זיך נעענטער צוגערוקט צו אים.

דער אָרקעסטער האָט פּונקט אָנגעהויבן אַ נייע זאַך. די לבנה האָט זיך אָנגעשפּיגלט אויף אַ טרומפּייט, ווען ביידנס באַקן האָבן זיך צום ערשטן מאָל אָנגערירט.

נאָר איר טאַטע האָט אַרומגעבלאָנדזשעט, זוכנדיק זיין טאָכטער.

— פּערל, פּערל! — האָט ער זי גערופֿן, — פּערל!

נאָר די מוזיק האָט אים איבערגעשפּילט. די טרומפּייטן האָבן געלאַכט פֿון אים און די פֿידלען האָבן מיטלייד געהאַט מיט אים.

דעם דיכטער'ס טאָכטער

דער דיכטער האָט זיך געאײלט אַהײם. ער האָט געשטעלט ברײטע טריט און זיך אַלע מינוט אָנגעשלאָגן דאָ אָן דעם, דאָ אָן יענעם.

דער אָוונט איז געווען אָן אנגעבעמער, אַ קילער, שפּאַצירן מענטשן אויף ניו־יאָרקער טראָטואַרן, מען שטעלט זיך אויף אַפּ און מען קוקט אין די פּיל־קאָלירטע, באַלויכטענע פענצטער. נאָר דער דיכטער אײלט זיך, ער שלאָגט זיך אָן אַלע מאָל אָן אָן אַנדערן און לויפט ווײטער.

דעם דיכטער זונשײן האָט עס געהויבן פון אָרט, וואו ער איז געווען. ער האָט זיך דאָרט דערמאָנט אָן זײן טאָכטער, זײן מיריאַם, און דעם קאָ־לעגע, דעם דיכטער רובין. איצט וויל זונשײן אפילו ניט טראַכטן פון אים ווי פון אַ קאָלעגע. „אַ העזה . . . אַזאַ מין העזה — פון אַ דרײסיג־יאָריגן אידן" . . . טראַכט זונשײן, בלײבנדיג שטײן אַ ווײל אויף אַ ראָג און קוקנ־דיג צי האָט ער ניט פאַרבלאָנדזשעט. ער בײסט די ליפּן און אײלט זיך ווײטער.

מיריאַם, זײן אַכצן־יאָריגע טאָכטער, איז דין און ציגײנעריש־גראַ־ציעז. פאַר אים איז זי זײן בעסטע ליד. ניט קײן ליד — אַ בוך, דאָס שענסטע קונסט־ווערק, וואָס ער האָט אויסגעטרוימט.

און דאָ האָט אים אַזוינס געטראָפן מיט איר . . . און שולדיג איז ער אַלײן, טראַכט זיך זונשײן. זי איז ניט מער ווי אַ קינד, אַ שמעטערלינג אַזאַ, אַ צעוואָרעמטע, אַ פלאַטערנדיגע אין אַ זומערדיגן טאָג. ווי קומט רובין צו איר? ער איז דאָך שוין אַ מאַן אין די יאָרן, און זײנער אַ פרײנט . .

דער דיכטער זונשײן האָט זיך דערמאָנט ווי אַזוי זי האָט אַנומעלטן אויסגעטאָן אירע שיך, זיך אַרײנגעוואָרפן אין די ווײסע קישעלעך אויף דער לאַנגער סאָפע, געבעטן רובינ'ען זיך זעצן לעבן איר, און אים, דעם פאָטער, האָט זי געהײסן גײן אַלײן — כאָטש אַלעמאָל איז זי גליקלעך, אַז דער פאָטער נעמט זי מיט וואו ער גײט . . .

דער דיכטער האָט געשפּרײזט און מורמלט צו זיך די ווערטער, וואָס ער וועט זאָגן רובינ'ען טאָמער געפינט ער אים איצט זיצנדיג מיט מיר־יאַמ'ען. די ערשטע זאַך וועט ער אים זאָגן, אַז ער קאָן ניט שרײבן, און איר, מיריאַמ'ען, וועט ער גלײך אַוועקשיקן שלאָפן. ער'ט שרײען אויף זײן ווײב און מאַכן די שטימונג אַזוי, אַז רובין וועט שוין פאַרשטײן, אַז מ'פאַרשטײט אים . . . אַי, קאָן ער, זונשײן, די דיכטער, ווען עס האַנדלט

זיך ווענן ברונעטקעס, אָדער עס האַנדלט זיך ווענן בלאָנדינקעס.

עס איז אים זייער שווער געוואָרן אויפן האַרצן. מיט רובינע׳ן דאַרף ער זיין פאָרזיכטיג. ניט איין נאַכט פאַרבראַכט צוזאַמען מיט אים אין וויין־קעלער, אין געזעלשאַפט פון מיידלעך. אַט דער גאָלד־האָריגער יונ־גער דיכטער, דערמאָנט ער זיך, האָט אים ניט איינמאָל געזאָגט, אַז ער האָט מזל צו פרויען . . . ווי אַזוי הויבט ער דאָ אָן צו ריידן צו רובינ׳ען? אפשר זאָגן אים, אַז דאָס קינד וויס נאָך ניט וואָס ליבע מיינט? עך, צום טייוול, גראָד אין רובינ׳ען האָט זיך מרים׳ל געדאַרפט פאַרליבן.

ער׳ט פלוצלונג דערזען די טרעפ פון אַן עלעוועיטעד. וואָס־זשע, ער וועט גיין צופוס? האָט ער געטראַכט, עס קאָן אים נעמען אפשר אַ האַלבע שעה דערגיין, ער׳ט בעסער צופאָרן אַהיים. ער וויל אַליין זען מיט זיינע אויגן, ווי אַזוי רובין, דער דרייסיג־יעריגער קאָלעגע זיינער האָט עס אַ העזה צו זיצן מיט זיין מרים׳לען. ביז ער׳ט אַהיים קומען קאָן רובין נאָך אַוועקגיין. אָבער דער עלעוועיטעד מאַכט צופיל טומל. ער׳ט בעסער גיין צופוס. נישקשה, ער׳ט ניט פאַרזאַמען. איז דער דיכטער צוריק אַראָפּ פון די טרעפּ, און זיך ווידער געאיילט דורך די ניו־יאָרקער גאַסן אַהיים צו זיין טאָכטער.

ער איז געבליבן שטיין אונטן, לעבן שטיינערנעם הויז, און אַרויפ־געקוקט. אַ בלויער בונט ליכט איז געפאַלן אויפן גאַס־לאָמפּ. דער דיכ־טער האָט צום ערשטן מאָל דערזען די צווי קאָלירן פייער. ווי מירים׳ס פנים האָט אים אויסגעזען דער גאַסן־לאָמפּ, און דער בלויער פייער, ווי אַ דינער בלויער שלייער איבער איר פנים. ער האָט אויסגעגלייכט זיין זעכציג־יעריגן גוף און אַרויפגעקוקט צום דריטן שטאָק צו זיינע פענצ־טער, ווי עס וואָלט מעגלעך געווען ער זאָל אימיצן דאָרט קאָנען זען פון דאַנען.

שאַ, דאַכט זיך, ער זעט צווי קעפּ דורך די גאַרדינען, אַ שוואַרצער קאָפּ און אַ בלאָנדער קאָפּ. „אָבער עס קען דאָך ניט זיין — אַזוי הויך", האָט ער צו זיך אַליין געלאַכט. ער האָט זיך אַרויפגעאיילט צו זיין טאָכ־טער.

דאָס ליכט פון לאָמפּ האָט אַלץ אין צימער איינגעוויקלט: די בלי־מעלעך אויף די טעפּיכער, די קאָלירטע קישעלעך, די פרוכט אויפן בור־פעט.

מרים איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן ווייכן לאַנגן שטול, איר קאָפּ אויף אַ בוריק־קאָלירט קישעלע, אירע שוואַרצע לאָקן זיינען געלעגן אויפן טונקל־רויטן זייד, און אויסגעזען ווי איינגעהעפטע. אירע יונגע באַקן האָבן געפלאַמט. זי האָט געהאַלטן אירע קליינע פיסלעך אויף רובינ׳ס קני. רובין איז געזעסן צופוסנס און געלייענט פאַר איר פאָעזיע פון איר פאָטער׳ס אַ בוך.

דער פאָטער איז אריינגעקומען שטיל. דאָס בילד האָט אים פריטש־מעליעט. „עך, וואָס פאַר אַ בילד!" — האָט ער אויסגערופן און גע־בליבן שטיין. מרים האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. רובין האָט צערט־לעך אַראָפּגעהויבן אירע קינדערשע פיסלעך פון זיין קני, און זיי פאַרזיכ־טיג אַרויפגעלייגט אויף אַ זיידן קישעלע. ס'איז אים ענג געוואָרן, דעם יונגן דיכטער, ווי אימיצער עפּעס אַ ריז וואָלט אים פּלוצלונג צוגעדריקט צום וואַנט. ער האָט געקוקט אויף זיין ווייכע גרויע הוט, וועלכע איז גע־לעגן אויף אַ טישל.

דער פאָטער האָט געקוקט אויף מרים'ען, אויף רובינ'ען, און זיך גע־פּרוווט דערמאָנען וואו ער האָט געזען אַזאַ בילד. אַ, יע, ער געדענקט שוין. דאַמאָלסט איז געווען אין מאַדע גרויסע שפּיגלען, פונם דיל ביזן סופיט. זונשיין האָט זיך אויך געזען מיט אַ ברונעטקע. שאַ, וועמעס טאָכטער איז זי געווען? ניין, ער קאָן זיך ניט דערמאָנען. וואו איז זי אַהינגעקומען? וואו, האַ? יע. הויכע שפּיגלען איז דאַמאָלסט געווען אין דער מאָדע, און מיידלעך פלעגן שטאַרבן נאָך דיכטער . . .

יע, ער דאַרף נאָך עפּעס אַריינזאָגן רובינ'ען, האָט זיך דער דיכטער דערמאָנט. און נאָך אַ ווילע האָט ער געטראַכט, וועלנדיג אָפּפרישן זיינע ווערטער, וואָס ער וויל נוצן. מיט רובינ'ען דאַרף מען זיין פאַרזיכטיג. רובין איז דאָך נאָכאַלעמען ניט קיין פרעמדער.

אין צימער איז געווען שטיל און ווייך, — ווי אַ פעדערל פון אַ טויב וואָלט דיר געגלעט איבער אַ פאַרפלאַמטער באַק. ווייסט דאָך מרים'ל, אַז ווען דער טאַטע שטייט אַזוי שטיל, דאַרף זי איינהאַלטן דעם אָטעם. אַזוי האָט איר די מאַמע געלערנט. רירט זי אַפילו ניט אירע פינגער פון די פיס, וועלכע ליגן שוין איצט אויף אַ זיידענעם קישן, וואו אַ יונגער דיכטער האָט זיי אַוועקגעלייגט. און רובין זיצט אויך ווי צוגעשמידט. קאַ־לעגע זונשיין טראַכט, מוז ער אויך איינהאַלטן דעם אָטעם. אַ ליד ווערט אפשר געבוירן ביי דעם אַלטן דיכטער.

— אַ פיין בילד דאָ אין זאַל, מיין מירעלע וועט אייך אפשר אינספּי־רירן אָנצושרייבן צום ערשטן מאָל אַ נישקשה'דיג לידל, — האָט זונשיין אַרויסגערעדט הויך און באַסאָווע, און געקוקט רובינ'ען אין פּנים אַריין.

רובין האָט דערפילט ווי אימעצער וואָלט אים אַ הויב געטאָן הויך און אַ שליידער געטאָן צו דער ערד. ער האָט זיך אַ ווילע איינגעהאַלטן און געטראַכט פון זיין פּנים, וואָס ווערט מיט יעדע רגע רויטער. און ווערטער האָבן געשפּריצט פון האַרץ אין קאָפּ, און פון קאָפּ צו די ליפּן, אָט־אָט כאַפּט זיך אַרויס אַ וואָרט, אָט־אָט און ער טוט אַ זאָג:

„אייער מרים איז ענלעך צו דער קעלנערין אין ווייך־קעלער, וואו מיר האָבן אַנומעלטן געטרונקען וויין — אויך מיט חן־גריבעלעך אין די

באַקן" . . . אָבער ניין, חלילה, ער וועט עס ניט זאָגן. זונשיינ׳ען? ניין, און ער האָט זיך אויפגעהויבן. צושפּילענדיג זיין ראָק, האָבן זיינע פינ־גער געציטערט. הייסט עס, איצט ווייסט ער צוויי זאַכן. שרעקלעכע זאַכן, האָבן זיינע פינגער אויסגעציטערט. ניט ער האָט ביז איצט עפּעס אָנגע־שריבן . . . און ניט זונשיין וויל ער זאָל טראַכטן פון זיין טאָכטער . . . רובין האָט געזוכט זיין הוט, זי געפונען, און ווייך זיך אַרויסגערוקט פון הויז.

— אָ, פּאַפּאַשאַ! — האָט מרים אַרומגענומען איר פּאָטער. „פּאַ־פּאַשאַ" האָט זי גענוצט ווען עפּעס אַ גרויסע זאַך האָט פּאַסירט אין שטוב. עס איז איר נאָך פאַרבליבן פון קינדערוויז אָן, דאַמאָלסט האָט מען נאָך גע־רעדט אַביסל רוסיש אין שטוב. — אָ, פּאַפּאַשאַ, — אַזוי צו באַליידיגן קאָלעגע רובינ׳ען? האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז ער שרייבט פּראַכטפולע לידער?

דער פּאָטער האָט ניט געענטפערט און זיך געלאָזן גיין אין זאַל.

— נישטאָ אים, וואו איז רובין? — האָבן מרים׳ס אויגן געפרעגט, ווען זי האָט זיי געוואָרפן דאָ אויפן שאַפע, וואו רובין איז געזעסן און דאָ צום טיר.

„יע, אַזוי איז עס, זי ליבט רובינע׳ן", האָט דער פּאָטער געטראַכט און זיך געזעצט אויף רובינ׳ס אָרט, וואָס איז נאָך געווען וואַרעם.

— זעץ זיך, מירעלע, — האָט דער פּאָטער זי אַ צי געטאָן פאַרן האַנט. זי האָט זיך געזעצט אויף זיין קני, ווי אַ קליין קינד.

— אַז דו וועסט אויסוואַקסן וועסטו וועלן חתונה האָבן מיט אַ פּאָעט?

— האָט ער זי אַ פרעג געטאָן און זי אַ וויג געטאָן אויף זיין קני, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן, צי זיין אכצן־יאָריגע טאָכטער איז באמת שוין אַ גרויס מיידל.

זי האָט ניט געענטפערט און געשמייכלט. דער דיכטער האָט געקוקט אין די ווינקלען פון אירע בורשטינענע אויגן, עס איז דאָרטן ליכטיג און פייכט געוואָרן. דער פּאָטער האָט גענומען טאַפּן אין די קעשענעס. אַ בליישטיפט האָט ער געזוכט. הייגט, ווי אַ סך מאָל, געפינט ער ניט קיין בליישטיפט, עפּעס פאַרצייכענען ווילט זיך אים און זי לאַכט אויס פון אים.

— דו ווייסט דאָך ווי דיין מאַמע מאַטערט זיך, — וויל ער מאַכן די שטימונג ערנסט.

דערהערט מ׳דערמאָנט איר נאָמען, איז דעם דיכטער׳ס ווייב אַריין אין זאַל, געוויקלט אין אַ טערקישער שאַל און פאַרשלאָפן, מיד איז זי געבליבן שטיין אַנטקעגן די צוויי. עס מעג זיין וועד ווייסט ווי שפּעט, וואַרט זי מיטן טיי אויף איר מאַן, און ביידע טרינקען טיי.

— טיי ? — האָט זי אַרויסגעזונגען, און געקלערט : „ער הויבט שוין אָן מאַרודיען, איי נביאים, נאַראָנים, פּאָעטן, פּאָעטן״.

— מ׳דאַרף ניט קיין טיי. — האָט ער איר אַ זאָג־אָפּ געטאָן, און זיך דערמאָנט, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן אויף איר צו שרייען ווען רובין איז געווען.

— זאָג נאָר, רבקה, איז ניט גלייכער חתונה האָבן, לאָמיר זאָגן, פאַר אַן אַרבעטער, פאַר אַ דאָקטאָר, אָדער אַן אינזשענער ? ניט גלייכער ? זאָג אַליין, מיין ווייב.

— ניט גלייכער, — האָט די מוטער אַרויסגערעדט און מיטגעלאַכט מיט מרים׳ען.

— איך מיין גאַנץ ערנסט, וואָס פאַר אַ לעבן לעבט דיין מאַמע פאַר מיר, מירעלע ? פּשוט גערעדט, טייערינקע, היט זיך פאַר פּאָעטן. פּאָעטן זיינען מאָדנע מענטשן. פריער האָב איך שיעור פאַרבלאָנדזשעט איבער דיר. אַזוי זיינען פּאָעטן, ניט ווי אַלע מענטשן.

— פאַרבלאָנדזשעט ? — האָט מרים אויסגעפּאַטשט מיט די הענט ווי אַ קינד, — דערציילֿ, טאַטע, דערצייל.

— יע, איך האָב געטראַכט פון דיר מיט רובינ׳ען, — האָט זיך זונ־שיין געפילט גרינגער, וואָס ער קאָן זיך אַרויספּלאָנטערן און נעמען ריידן פרייער און אָפנהאַרציגער מיט זיין טאָכטער. — פאַרשטייסט, מיין קינד, דיכטער זיינען, לאָמיר דאָס אָנרופן, פרילינג־ווינטן.

זי האָט ווידער געלאַכט וואַרעם און ציגיינעריש. זי האָט אים גע־וואָלט זאָגן : „איך ווייס טאַטע, איך ווייס״, אָבער געזאָגט האָט זי :

— הייסט עס, דו ווילסט מיר זען אַ פרוי פון אַן אינזשענער אָדער אַ דאָקטאָר ?

דער פאָטער האָט ניט געוואָגט ענטפערן „יאָ״, נאָר ווידער אַרויסגע־רעדט, ערנסט פאַרזאָרגט :

— אָט פרעג דיין מאַמען, וועט זי דיר זאָגן ווי ס׳איז שווער צו האָבן אַ דיכטער פאַר אַ מאַן. דיין מאַמע, אָ, איז זי גוט, דיין מאַמע.

מרים האָט אַריינגעפלאָכטן אירע דינע פינגער אין פאָטער׳ס גרויע לאָקן. אים אַריינגעקוקט אין די אויגן, און ערנסט אַרויסגעזאָגט :

— אָן אַ ליד, טאַטע ? אָט אַזוי־אָ : איך, דיין טאָכטער, ניט חתונה האָבן פאַר אַ דיכטער ?

„אָן אַ ליד ?״ וואָס פאַר אַ וואָרט ער הערט עס. ווי פיין עס קלינגט — האָט ער געטראַכט. זיין טאָכטער וויל ניט לעבן קיין לעבן אָן אַ ליד.

— רי־ווי־ק־ע־ע, מאַך טיי ! — האָט ער אַריינגעשריען אין קיך צו דער ווייב. און עפּעס האָט געטאַנצט אין אים.

מרים האָט גענומען דעם בוך וואָס איז נאָך געלעגן אַ צעעפנטער

אויפן סאָפע. רובין האָט דאָרט פאַרבויגן אַ בלעטל. אָט דאָ איז דאָס ליד.
— וואָס האָט ער פאַר דיר געלייענט? — האָט זונשיין געפרעגט.
— אָט די לידער, טאַטע — האָט מרים אים געוויזן. דאָס זיינען געווען זיינע ליבע־לידער, וועגן שוואַרצע אויגן און וואַרטנדיגע שעה'ען, וועגן מיידלשע גלידער און לבנה־נעכט.
— דיכטער ליבן יונגע מיידלעך, — יע, טאַטע, זיי ליבן זיי ווי פרי־לינגען, אַזוי האָט מיר רובין געזאָגט. אַלע דיכטער זיינען אַזוי.
דער פאָטער האָט צוגעמאַכט דעם בוך און זיך אויפגעהויבן פון אָרט.
— ער מוז אים גיין אויפזוכן, דעם העזה'ניק. אַזוינע לידער פאַר־צולייענען פאַרן קינד.
ער האָט געכאַפּט זיין מאַנטל און הוט און איז אַרויס, טראַכטנדיג: אין ווייז־קעלער וועט ער אים זיכער געפינען און אַ ביי וואָרט פון מרים'ען וועט ער אים איבערגעבן:
„אָן אַ ליד, פאַפּאַ?" האָט זי געפרעגט, „ווי קען מען לעבן אָן אַ ליד?"
ער איז אַוועק אין ווייז־קעלער זוכן רובינ'ען.

שטאַרקער פון טויט

די אַלטע נוירס האָט זיך אַ הויב געטאָן אויף אירע שפּיץ־פינגער הינטער דעם דאָקטאָר׳ס פּלייצעס. דער הויכער דאָקטאָר מיטן גרויען קאָפּ האָר האָט איצט שטודירט אַ פּאָר מענטשלעכע לונגען אויף אַן עקס־רעי בילד. אָט האָט ער עס צוגעטראָגן צום עלעקטרישן לאָמפּ, אָט צום פענצטער, וואו די פרילינג־זון האָט אַריינגעשיינט. די אַלטע נוירס האָט אים נאָכגעפאָלגט אויף די שפּיץ־פינגער, אַריבערגעקוקט אַריבער זיינע פּלייצעס — זי האָט אויך שטודירט די לונגען . . .

אין דעם העלן זון־באַלויכטענעם קאַבינעט, כמעט אינגאַנצן פון פענצטער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט צו גרינע לאָנקעס און ביימלעך, האָט דער דאָקטאָר אויסגעזען טיף פאַרטראַכט. ער האָט געהאַט אַ טבע צו פּרובירן טרעפן ווי לאַנג דער פּאַציענט וועט נאָך אָנציען. איצט, שטו־דירנדיג דאָס עקס־רעי בילד, האָט ער געוואָלט דערגיין צי דאָס מיידל, וועמעס לונגען ס׳זיינען אויפן בילד, וועט דערלעבן נאָך אַ פרילינג. ס׳טרעפעניש איז פאַר אים געווען ווי אַ מין באַלוינונג פאַר זיין לאַנג־יאָריגער פּראַקטיק אין דעם שווינדזוכט־סאַניטאַריום. זיינע צוויי שמאָ־לע אויגן האָבן זיך ברייטלעך צעעפנט און זיינע דינע ליפּן האָבן שטיל אָבער פעסט אַרויסגעמורמלט:

— זי וועט דערציען, מיין איך. — האָט ער געצויגן די ווערטער, קוקנדיג אויף די פינטעלעך פון די לונגען אין דער עקס־רעי — זי וועט, בין איך זיכער, ציען — — ביזן ווינטער.

— ס׳איז ניט אַזוי, דאָק . . . דאָנט סעי דאַט! — האָט מיס האַרט, די עלטערע קראַנקן־שוועסטער, אים פּרובירט איבערשפּאַרן אַביסל, צו וויזן דעם דאָקטאָר, אַז כאָטש זי איז ניט מער ווי אַ נוירס, באַהאַנדלט זי אָבער העכער דרייסיג יאָר „טי־בי״־קראַנקע. אַביסל טאַקע האָט איר אויך גערירט, ווייל דאָס מיידל פון די לונגען איז אַזאַ יונגע, אַזאַ שיינהייט, און ער רעדט זיך אָט אַזוי אָפּ.

דער דאָקטאָר האָט אַריינגעלייגט די עקס־רעי אין אַ קאָנווערט, עס דערלאַנגט דער מיס האַרט. זי האָט עס פאַרזיכטיג פאַרקלעפּט און אָנגעשריבן אויפן קאָנווערט:

„פילאָמינאַ ראַזאַמיליאַ״ — דערביי האָט זי געטראַכט: — נעמען עפּעס אַזעלכע ביי די איטאַליענער.

⁂ ⁂ ⁂

העט־העט אויפן העכסטן באַרג אין ניו־דזשוירזי שטייט אַ שניי־ווייסע געביידע מיט הונדערטער פענצטער — אַ געביידע, וואָס איז מער גלאָז ווי שטיין. אויף אַ פּאָר מייל פון סאַניטאַריום זעט איר קיין זאַך ניט. ס'איז שטיל. ווייט פון הייזער און פון מענטשן. וואָס נעענטער מען קומט צו דער ווייסער געביידע, אַלץ אָפטער באַגעגנט איר מענטשן מיט אַ טרוקענער הויט אויף די פּנים'ער, וואָס קוקן מיט פיבערדיגע אויגן דורך די שויבן. אַ הוסטן הערט איר, שלאָגט זיך דורך אין דער שטילקייט. הוד־הוד, ענטפערט אַן עכאָ פון ערגעץ.

אין אָפּטיילונג אויף דער זעכצנטער בעט ליגט דאָס מיידל, וועמעס לונגען דער דאָקטאָר האָט ביי זיך אין קאַבינעט באַטראַכט. אירע גלאַנציגע שוואַרצע צעפּ שלענגלען זיך אויפן שניי־ווייסן קישן. אירע טונקעלע, גרויסע אויגן זיינען פאַטראַכטע. אויף אירע בלייכע באַקן בליען־אויף אַלעמאָל, נאָך אַ הוסט, צוויי רויטע בלומען, וואָס גיבן־צו איר יונגן פּנים אַ רייצנדיגן אויסזען; בליען־אויף צוויי רויטע רויזן אויף אירע באַקן און לעשן זיך אויס.

צום ערשטן מאָל אין אירע צוואַנציג יונגע יאָר ליגט זי איינע אַליין אין אַזאַ ווייסער וויכער בעט. ניטאָ דער שאַפּ, ניטאָ דער טאַטע, וואָס זאָל זי אויפוועקן זעקס באַגינען, און ניטאָ דאָס יאָגן זיך דעם גאַנצן טאָג ביי דער שטיק־אַרבעט. ניטאָ די זיבן קלענערע קינדער אַרום איר, כאָטש זי בענקט שטאַרק נאָך זיי. אָבער גאָר דער גרעסטער גליק איר־ער איז די ליבע, וואָס זי האָט צום ערשטן מאָל דאָ געפונען — איר ערשטע ליבע.

פילאָמינאַ, וועלכע האָט געשטריקט אַ רויט יאַקל, ליגנדיג אין בעט, האָט גיך אַרונטערגערוקט דעם וואָל אונטערן קישן, ווען זי האָט דערהערט מיס האַרט'ס קול. מיס האַרט איז געשטאַנען צווישן די צוויי צעעפנטע טירן און שטרענג אויסגערופן:

— פילאָמינאַ ראָזאַמיליאַ! דו האָסט פיבער! ליג רואיג!

פילאָמינאַ קוקט גלייך דורכן פענצטער, זעט זי דאָס קליינע, ווייסע הייזל, וואו די קראַנקע שטאַרבן. דאָס איז דער לעצטער וואָרד. ניין, זי וועט ניט קוקן אַהין. זי וועט בעסער קוקן צום העכסטן בוים, דורך וועלכן די זון קוקט דורך. אויף די דינע פינצטערע סקרינס האָט דער ווינט אַנגעיאָגט ראָזעווע בליטן, וואָס קוקן מיט זייערע אייגעלעך אַריין אינעווייניג אויף די דרייסיג קלאָרע בעטן, אין וועלכע עס ליגן דרייסיג פרויען. ווינטעלעך שפּילן זיך אין כאַפּינקעס דורכן ריזיגן צימער: פליען אַריין און אַרויס, טוען אַ בלאָז אַ לאָק אויף פילאָמינאַ'ס שטערן און פליען אַוועק.

מיטאַמאָל דערפילט פילאָמינאַ צוויי גרויסע הענט אויף אירע אויגן.

אָבער זי וועט זיך ניט מאַכן ווייסנדיג, נײַן. טוט זי אַ גלעט העכער אַרויף זײַנע האָריגע הענט און אַ וואַרעמער ציטער לויפט דורך איר לײַב ביז די פּיאַטעס. איר בלייכער פּנים רויטלט זיך.

— מיס האַרט! מיס שמיט! — פּרובירט זי כלומרשט טרעפן.

— ס'איז איך! — דערהערט זי ראַלף'ס הייזעריקלעכן קול. לאַנג־זאַם הויבט ער אויף דעם צודעק וואָס ביז אירע פּלייצעס, און וואַרפט אַרויס פון זײַנע אַרבל צוויי מאַראַנצן אונטער איר קאָלדרע.

— ווידער גע'גנב'עט פון קיך פאַר מיר? — האָט פילאַמינא אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן האַנט און געלאַכט מיט אַ הוסט.

— זיי זײַנען מײַנע אייגענע. ערלעך ווי ביי גאָט, — שווערט זיך ראַלף — עס, „סוויט־האַרט" (זיס־האַרץ) — בעט ער זי.

ראַלף איז שוין דריי יאָר אין סאַניטאַריום. אַ ברייט־פּלייציגער יונג, מיט אַ רויטן קאַרק. אַ קאָפּ האָר געשאָרן ווי אַ באַרשט פון אויבן. זײַנע קלאָרע צײַן פינקלען שטענדיג אַרויס פון זײַן אָפּגעברענט פּנים. ווען ער ווייזט זיך ניט עטלעכע וואָכן, ווייס מען שוין, אַז ער האָט גע־קראָגן אַן אַטאַקע: אַ בלוט־שטורץ. ליגט ער אַזוי עטלעכע וואָכן. קיי־נעם האָט ער ניט אין אַמעריקע. אַלע זײַנע אייגענע זײַנען אין איטאַ־ליע. פון סאַניטאַריום וויל ער ניט אַוועקגיין. שלאָפן שלאָפט ער אין אַזאַ געשטעל, וואָס האָט בלויז אַ דאַך און אַ דיל. ער ווייסט אַלע גע־היימנישן פון סאַניטאַריום. ווערט אים בעסער, אַרבעט ער ווידער ביים שניידן דאָס גראָז, אין דער וועשעריי. אָט דער ראַלף איז דאָס געוואָרן פילאַמינאַס געליבטער. צוויי חדשים שוין ווי זיי פירן די לי־בע. אַלע ווייסן שוין פון דעם.

ער האָט גענומען איינעם פון אירע צעפּ אין זײַנע גרויסע מאַזאָליגע הענט, פאַרדרייט אַרום זײַן האַנט און מיט דער צווייטער האַנט געגלעט, ווי אַ אינגל וואָס האָט געפינט אַ קראַנק פייגעלע.

ער איז געזעסן לאַנג לעבן איר בעט, געשיילט אַ מאַראַנץ פאַר איר און גערעדט אין זייער מוטער־שפּראַך.

די נײַן און צוואַנציג אַנדערע פּרויען, אַ טייל פון וועלכע זײַנען געלעגן אין די בעטן, און אַנדערע וואָס האָבן אַרומגעשפּאַצירט איבערן צימער, האָבן געוואָרפן פאַר'גנב'עטע בליקן אַהין, צו דער גליקלעכער פּאָר. זיי האָבן זיך גענומען צופאַרבן די ליפּן און פאַריכטן די האָר, געקוקט אין שפּיגעלעך און געצופּט זייערע נעגל. אַלע מינוט האָט אַ הוסט דורכגעטומלט דורכן גרויסן צימער. די פּרויען האָבן זיך איבער־געקוקט.

— העי, ענאָף פראָם יו! — האָבן ביידע מיטאַמאָל דערהערט מיס האַרט'ס קול, — ראַלף, דו היט דיר בעסער פון קומען אין פּרויען־

וואָרד! מ'וועט דיר אַהיים שיקן, וועסט זען, ראַלף.

ראַלף האָט געשמייכלט און פילאמינא האָט געוואָלט וויינען. ער האָט צוגעלייגט זיין מויל צו איר בלייכן אויער און איר געזאָגט אַ סוד:

— מאָרגן נאָכמיטאָג, אַז דו וועסט קיין פיבער ניט האָבן, גיי שפּאַצירן. איך וועל דיר באַגעגענען.

:: :: ::

דער שפּאַציר־פּלאַץ פאַר די קראַנקע הויבט זיך אָן מיט אַ קליינעם פּאַרקל. דאָ שפּאַצירן די מענער; אַ האַלבן מייל פון זיי, לינקס, שפּאַצירן די פרויען, אָפּגעטיילט פון אַ געדיכטן וואַלד. אַז מען זאָל דאָ טרעפן אַ מאַן מיט אַ פרוי שפּאַצירן צוזאַמען וועט מען זיי אַוועקשיקן פון סאַניטאַריום.

ראַלף האָט דעם פרימאָרגן געהאַט זיין אַרבעט — פאַרברענען דעם לייכעץ. דאָ טאַקע אויפן פעלד שטייט אַ קליין שטיינערן אויוועלע מיט אַ דינעם הויכן קוימען. ראַלף ברענגט עמער נאָך עמער, גיסט זיי אַריין אין אויוון און פייפט דערביי:

— אָ מאַרי! אָ מאַרי! . . .

זיין פילאמינא האָט היינט נישט קיין פיבער. ער האָט פריילעך יעדן עמער אַ פליוך געטאָן אין פייער אַריין, דער רויך האָט געשמעקט פון פעך, די מענטשלעכע לונגען האָבן זיך געפּרעגלט אין פייער. ער איז געשטאַנען מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים און געקלערט פון די וואָס זיינען פון דאַנען אַוועק אַהיים. אָ, ער קען זיי גוט. אַנדערע האָבן אַפילו קינדער. אַרבעטן.

— אָ באָי, אָ באָי! — נאָך אַ שעה זעט ער זיין מיידל, זיין געליבטע.

ס'איז געווען מאַי. בוימער צעבליטע און צעבלענדטע פוןביידע זייטן וועג. פויגעלעך שפּרינגען פון צווייג צו צווייג. די לופט איז קיל און פול מיט היילונג. ווער עס קאָן אַוועקגיין גאַנץ ווייט זעט די קי, ווייסע מיט שוואַרצע פּליאַמעס. קליינטשינקע זעען זיי אויס פון דאַנען, ווי קינדערשע שפּילכעלעך. צוגיין נאָענט צו די קי איז אויך אַ גרויס פאַרברעכן. אָפּגעהיט און ווייט פון די קראַנקע האַלט מען זיי. דעם דאָקטאָר ענגלאַנד'ס היים זעט זיך פון וויטן: אַ שטיינערנער מויער מיט בלומען אַרום, מיט שניי־ווייסע גאַרדינען.

מיסעס שמיד, אַ פּאַציענטקע, האָט אַלץ געוואוסט וועגן פילאַמינען. ביידע האָבן זיי שפּאַצירט געאָרעמט, כאָטש מיסעס שמידט איז געווען אַ סך עלטער פון פילאַמינען.

פילאַמינא האָט געטראָגן אַ בלויען געקעסטלטן מאַנטל, אַ ווייסן

שאַלכל אַרום האַלז, די ליפּן אַ ביסל צוגעפּאַרבט, די האָר און לאָקן אויסגעלייגט. ס'איז געווען נאָך מיטאָג. זיי האָבן געטראָטן לאַנגזאַם. ביי איר האָט עפּעס געציטערט דער גאַנצער קערפּער. ראַלף — און דער טאָג אַזאַ שיינער — אָ, לאָרד, ווי גוט!

עס האָט זיך דערהערט אַ דיר פון צווייגן.

— גיי, פילאַמינאַ, אַליין. איך מוז צוריקגיין, אָבער זע, קינד, זיי אַ קלוגע. ראַלף איז אַ טייוול, — האָט די איירישע קליינע פרוי גע־שמייכלט אַריבער די שוואַרצע ראַמען פון אירע ברילן און איז אַוועק.

ראַלף האָט דורכגעקוקט דורך די קוסטעס צי קיינער זעט ניט און אַ שפּרונג געטאָן.

— אָ, איך האָב אַזוי מורא. מענער טאָרן דאָך דאָ ניט שפּאַצירן.

— האָט דאָס מיידל צעשראָקן גערעדט און געקוקט אויף ראַלפ'ן, וועל־כער איז געשטאַנען געגן איר מיט זיינע ברייטע פּלייצעס און אָפּגע־ברענט געזיכט, פון וועלכן ווייסע ציינער און פינקלענדיגע אויגן האָבן אַרויסגעלאַכט.

— קום מיט מיר. איך בין דאָ דריי יאָר. איך וויים. זעסט טיף אין די וועלדער? הע־הע, ווייסטו דען וואָס דאָרטן טוט זיך? קום.

זיי זיינען דורכגעקראָכן אַ געדיכטן וואַלד. ראַלף איז פריער גע־גאַנגען און געבראָכן קנאַספּענדיגע צווייגעלעך, אויסגעלייגט זיי פאַר פילאַמינאַ'ס פיס.

פון יענער זייט וואַלד האָט זיך געשפּרייט אַ גרויס פעלד. איין איינציגער קבר האָט דאָרט דערציילט פון אַן עלנטער פרוי, וואָס איז דאָ געשטאָרבן און קיינער איז ניט געקומען זי אָפּנעמען. האָט מען זי דאָ הינטערן סאַניטאָריום באַגראָבן. אַ קבר, אַן איינזאַמער, איז געבליבן.

ראַלף איז מיט פילאַמינאַ'ן צוגעגאַנגען צום שטיין, וואָס ער האָט שוין לאַנג פריער איבערגעקערט און זיך צוגעזעצט.

פילאַמינא איז געווען מיד פון גאַנג. איר ברוסט האָט זיך גע־הויבן. פון אינעווייניג האָט זיך געריסן אַ הוסט. זי האָט מיט אַ טי־כעלע פאַרשטעלט איר מויל. זי מוז איצט בייקומען דעם הוסט. איצט, אָט־אָ דאָ. אימעצער קען נאָך צוקומען און ראַלפ'ן געפינען דאָ אויפן פלאַץ וואו די פרויען שפּאַצירן.

ראַלף האָט געדרייט מיטן קאָפּ. עס האָט אים געוואָרגן אין האַלז. זיידי געליבטע האָט ער שוין געהאַט דאָ און אַלע זיינען געשטאָרבן. ביין, ער וועט פילאַמינאַ'ן ניט דערציילן, זאָל זי ניט וויסן, פונקט ווי זי ווייס ניט, אַז דער גראָער פלאַכער שטיין אויף וועלכן זיי זיצן, איז אַ מצבה.

— דו וועסט מיר זונטאָג פאַרשטעלן פאַר דיין טאַטן, — האָט ראַלף דער ערשטער אָנגעהויבן ריידן.

פילאַמינאַ׳ס פּנים איז פאַרפּלאָמט געוואָרן.

— מ׳זאָגט, אַז דו האָסט שוין געהאַט אַ סך געליבטע, — האָט זי אים געזאָגט, בייסנדיג די ברעגעס פון איר טיכעלע.

— אונזער חתונה וועט זיין טאַקע דאָ אונטן. אין גרויסן זאַל וועט עס זיין, — האָט ראַלף זיך געמאַכט ווי ער הערט ניט וועגן וואָס זי רעדט.

— אָט־אָ דאָ, גאָר ? — האָט דאָס קראַנקע מיידל זיך געוואונדערט.

— אין אַ קלויסטער וועלן מיר חתונה האָבן, אַ גרויסע חתונה וויל מיין טאַטע מאַכן פאַר מיר. אָט־אָ דאָ ? ניין, ראַלף, דאָ איז דאָך אַ שפּיטאָל.

ער האָט זיך צעלאַכט :

— מיינסט אוודאי, אַז דאָ זיינען קיין חתונות ניט געווען ? טאָ קום, וועל איך דיר וויזן. — ער האָט איר צוגעפירט צו אַ שמאָלן וועג. זיי זיינען ביידע דורכגעגאַנגען. פון יענער זייט וועג, זייער ווייט, איז געווען אַ ניט לאַנג פאַרזייט פעלד, מיט שפּיצלעך גרינע בוריקע־בלעט־לעך.

— זעסט, דאָרט, דאָס קליין שטיבל, מיטן פאַרקן דעם גרינעם ? זעסט די פאַרזייטע פעלדער ? — מיסטער נעלסאָן און זיין ווייב זיינען די באַלעבאַטים פון דעם קליינעם הויז מיטן פאַרקן. זיי זיינען אויך געווען פאַציענטן אָט דאָ אין סאַניטאַריום. אָט־אָ־דאָ האָבן זיי זיך פאַר־ליבט, און דאָ חתונה געהאַט. איצט האָבן זיי צוויי קינדער, זיי פאַסן אויף אויפן פאַרם, וואָס שטעלט צו גרינסן פאַרן סאַניטאַריום. זיי זיי־נען געזונט געוואָרן.

פילאַמינאַ האָט אים אויסגעהערט קוקנדיג אַהין וואו זי האָט גע־זען דעם גרינעם פאַרקענדל. זי האָט זיך צוגעדריקט צו זיין גרויסן קערפּער, און אַריינגעאָטעמט טיף די וואַריִמע לופט, וואָס האָט גע־שמעקט פון מאַיאָוון צוויט. פון טיפן אָטעמען האָט זי זיך פאַרהוסט און צוויי רויטע פלעקן האָבן זיך באַוויזן אויף אירע יונגע באַקן. ראַלף האָט זיך אַביסל אָפּגערוקט פון איר :

— האָסט מורא פאַר מיר, ראַלף ?

ער האָט זי געקושט אין די ברענענדיגע ליפּן.

:: :: ::

די מיס האַרט האָט באַשלאָסן זי מוז ראַלפ׳ן אַליין פּאַקן, אַזאַ פאַר־דאַמטער יונג קריכט אַלעמאָל אין פּרויען־וואָרד. זי איז געזעסן אין דער פינצטער אין איר צימער ביז זייער שפּעט. אין מיטן נאַכט, ווען די קראַנקע צעהוסטן זיך, ווער מיט טיפע מענער־שטימען, ווער מיט יונגע סאָפּראַנאָ־שטימען. הוקאַ, היק ! פונם הוסטן ווייזט זיך אויס, ווי אַ סקעלעט וואָלט ערגעץ געקלאַפּט מיט זיינע ביינער אין אַ טרוקענער

ברוסט.

דאַמאָלסט האָט זיך ראַלף געלאָזט צו דער פּרויען־אָפּטיילונג. אויף זיין קאָפּ טראָגט ער אַ פּרויען־צופּיק, אין אַ לאַנגן כאַלאַט אויף די פּלייצעס, ווייס מען סיי ווי סיי ניט צי ס׳איז אַ מאַן אָדער אַ פרוי. שאַרט ער זיך אַריין אין גרויסן פינצטערן צימער, זיינע שטילע טריט ווערן פאַרלאָרן אין הוסטן. פילאַמינא ליגט, אָבער זי איז אויף. ער איז שוין געווען דריי טריט פון בעט, ווי די מיס האַרט איז אַרויס פון איר צימער.

— סאָ, סאָ, — האָט זי אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין פּלייצע, און ליכטיג געמאַכט מיט אַ דריק פון אַ וואַנט־קנאָפּ. ראַלף האָט אַ ציטער געטאָן און גענומען שטאַמלען:

— לאָז מיר זען וואָס דו טראָגסט אונטער דיין באָד־ראָוב — האָט זי שטרענג באַפוילן.

— איך — איך — האָב מילך פאַר מיין כלה. יאָ, מיר זיינען ענגעידזשד — מיס האַרט — האָט ראַלף גערעדט ווי אַ פאַרשעמטער אינגל.

— ענגעידזשד — העי? — האָט די אַלטע נוירס איבערגעפרעגט און אין איבערראַשונג געשאָקלט מיט איר קאָפּ. ווייסע צודעקן האָבן זיך גענומען רירן אויף שטילע בעטן. אויגן גרויסע, טרוקענע, הונגעריגע, האָבן געשפּיצט צו יענעם ווינקל וואו די דריי זיינען געווען.

— גאָ אַ העד! גיב איר שוין די מילך — האָט די אַלטע נוירס באַפוילן. פילאַמינא האָט געשוויגן, געהאַלטן איר קאָפּ איינגעגראָבן אין קישן. ראַלף האָט אַריינגעגאָסן די מילך אין אַ מעטאַלענעם קריגל אויף וועלכן אַ ווייס צעטעלע איז געווען אָנגעקלעפּט.

אויף מאָרגן פרי איז פילאַמינא געזעסן אויף אַ שטול אין דאָקטאָר׳ס אָפיס, לעבן איר ראַלף, אַזוי ווי צוויי וואָס גייען זיך פאָטאָגראַפירן. פילאַמינא האָט געטראָגן איר נייעם וואָלענעם יאַקל, אירע האָר יום־טוב׳דיג פאַרקעמט, די באַקן צעשפּילט, און די פינגער האָבן איר געציטערט.

— שרעק דיך ניט, דאָ איז נישט קיין תפיסה, — האָט ראַלף זי געטרייסט.

דער דאָקטאָר ענגלאַנד איז אומגעגאַנגען הין און צוריק, ווי אַ לאַיער, וואָס אַרבעט אויס זיין רעדע, איידער ער גייט צו אַ משפּט. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן די צוויי, אויסגעשטרעקט אויף זיי זיין וויָיז־פינגער:

— הייסט עס, אַז מיס האַרט האָט דיך געפּאַקט אין דער פרויען־אָפּטיילונג.

— יעס סער, דאָקטאָר! — האָט ראַלף צוגעגעבן און זיינע אויערן

זיינען געוואָרן רויט.

— איז וואָס וועט זיין מיט אייך ? — האָט דער דאָקטאָר פאַרגעזעצט קוקנדיג אויף פילאַמינאַ׳ן, וועלכע האָט אַריינגעווינט אין אַ ווייס טי־כעלע.

— מיר ווילן חתונה האָבן, דאָקטאָר. טי. בי. איז דאָך ניט קיין קאָנסאָמפּשאָן, מאַכט דאָך ניט אויס, ניט אַזוי ?

מיט האַרט איז געזעסן לעבן ברוינעם גלאַנציגן טיש, געשריבן גלאַט אַזוי דריידלעך און לאַנגע פּאַסיקלעך און געשוויגן.

געזען, אַז דער דאָקטאָר שווייגט, אַז ער צעשרייט זיך ניט, איז ראַלף דרייסטער געוואָרן.

— איך בין אַ מוליער, דאָק, איך קען פאַרריכטן אַלע אַלטע טראָ־טואַרן דאָ אַרום, און פילאַמינאַ איז אַ נייטאָרין. זי קען נייען ציכן פאַרן סאַניטאַריום.

נאָכדעם ווי ראַלף האָט אָפּגערעדט איז אין צימער געוואָרן אַ שטיל־קייט, ווי מיט צוויי הענט פון טויטע האָבן לאַנג באַהערשט דעם אַרום.

— אויף וואָן דענקסטו זאָל מען באַשטימען זייער חתונה ? — האָט דער הויכער, גראָער דאָקטאָר איבערגעשלאָגן די שטילקייט, זיך ווענדנ־דיג צו דער נוירס.

— אויף אַ דריי חדשים שפּעטער רעכן איך, דאָק, — האָט זי גע־ענטפערט, איינהאַלטנדיג די טרערן, וואָס האָבן זיך געריסן פון איר האַלז.

די פּאָר האָט זיך גליקלעך אַ הויב געטאָן און אַרויס פון אָפיס. דער דאָקטאָר האָט זיי נאָכגעקוקט, און דורכגעביסן דורך און דורך זיין פאָונטעין־פען, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט.

:: :: ::

אַ נאָוועמבער־ווינט האָט זיך געיאָגט דורך וועלדער, קליינע ביי־מעלעך האָבן געזוכט שוץ, זיינען זיי צוגעפאַלן צו די גרויסע ביימער און געבליבן ליגן הוילע, נאַקעטע. אַלערליי קאָלירטע בלעטער זיינען גע־פלויגן ווי פעדערן אין אַ ווינט, גאַנצע קופּעס זיינען זיי געלעגן אַרום די וואָרצלען פון די ביימער, די וואָלקנס זיינען געווען פול מיטן ערשטן שניי. אַ קעלט האָט אַריינגעאָטעמט אין די הויכע קוימענס פון סאַני־טאַריום.

פאַרטאָג האָט דער דאָקטער ענגלאַנד דערהערט:

— העלאָ דאָקטאָר! העלאָ!

ער איז געווען פאַרנומען. ער מוז גיין געמען דאָס לעצטע מאָל דעם דופּק און ער איז בייז געווען, וואָס דוקא פינף פאַרטאָג דאַרף עס טרעפן. ער האָט גענומען זיינע אינסטרומענטן און גלייכגילטיג גענומען טרעטן

צו וואָרד „די״.

יע, אַזוי איז עס, ווי ער האָט גערעכנט: איידער נאָך דער ערש־טער שנײ, ס'איז דאָס איטאַליעניש מײדל. ווי איבעראַשט איז ער אָבער געוואָרן צו זען — לעבן פילאָמינאַס בעט זײנען געשטאַנען צוויי פעק, דאָס פּאָרל איז געזעסן אָנגעטאָן, און מיס האַרט לעבן זײ, אַ בײ־זע, אַ צעטראָגענע.

— איר זעט, דאָקטאָר, וואָס זײ טוען? זײ אַנטלויפן פון דאַנען — זײ „עלאָופּן!״.

— אַנטלויפן? — האָט דער אַלטער דאָקטאָר איבערגעפרעגט.

— יעס, מיסטער דאָקטאָר, מיר ווילן דאָ מער ניט זײן. מיר פאָרן חתונה האָבן, — האָט ראַלף גערעדט פאַר ביידן.

פילאָמינאַ איז געזעסן אויפן ברעג בעט און אַ וואָרט ניט גערעדט.

— וואָס וועט זײן דאַך? — האָט די אַלטע נוירס געקוקט אויפן דאָקטאָר.

— וועל־וועל, — האָט דער דאָקטאָר געשמייכלט און דערנאָך זיך צעלאַכט: — הייסט עס, אַז איר האָט זיך טאַקע ליב, הע? נו, איר וועט אַרונטערגײן אין מײן אָפיס זיך עקזאַמינירן?

די צוויי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ אויף יאָ, און זיך געלאָזט אים נאָכגײן.

אויפן וועג צום אָפיס איז דער ערשטער שנײ געפאַלן ווייס און פריש אויף פילאָמינאַ'ס בלאָען יאַקל.

דער דאָקטאָר האָט ביידן דורכגעקוקט די לונגען, געוויזן דער מיס האַרט און געשוויגן . . .

די צוויי קראַנקע האָבן אויסגעמידן זײערע בליקן, געקוקט איינער אויפן צווייטן און געשמייכלט.

— איך קען אײך דאָ ניט האַלטן, דאָ איז ניט קײן תפיסה, — האָט ער זיך געצוואונגען צו שמייכלען.

— איז ווען רעכנט איר חתונה האָבן? — האָט די נוירס, אַ גליק־לעכע, געפרעגט.

— אַ יאָ, אַרום קריסטמעס־צייט? — האָט ראַלף געפרעגט זײן געליבטע. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ציטערנדיק, אַז זי זאָל זיך פונקט אין דעם מאָמענט ניט פאַרהוסטן מיט בלוט.

אַז זײ זײנען אַרויס דורכן ערשטן קלאָרן שנײ, האָט זיך דער דאָק־טאָר נאָכגעקוקט פאַרטראַכטערהייט און גענומען טראַכטן: צי גייען ניט די צוויי ערגעץ ברענגען אַ היילונג פאַר די שווינדזיכטיגע?

מיס מייבל

מיס מייבל, אַזוי רופן אַלע דער אַלטער נעגערין. זי איז שוואַרץ און דיק, זי לאַכט הויך און גליקלעך, און ווער עס קומט צו נאָענט צו איר, רופט זי יענעם „טשאַילד". ווילנדיג גייט איר צו נאָענט צו איר, דאַמאָלסט ווערט איר קלייד, דאַכט זיך, ברייטער. זי צעשפּרייט אירע אָרעמס, נעמט אייך אַרום, און זעט אויס ווי אַ שוואַרצע הון מיט הינדע־לעך. אויף איר ווערעאַנדע קלייבן זיך שטענדיג אָן קליינע קינדער, שוואַרצע און ווייסע. דאַמאָלסט ווערן אירע ווייסלען נאָך ווייסער, אירע ציין נאָך קלאָרער. „אָ, לאָרד!" מורמלט זי און לייגט אירע ווייכע הענט אויף די קינדערשע קעפּלעך. „מען קאָן אונז ניט אומברענגען, ניין, לאָרד! מיר זיינען דיינע קינדער". זי נעמט אַלע קינדער און פירט זיי הינטער איר הויז. זי ווייזט זיי אירע בלומען, וואָס זיינען ווי אַ קאָליר־טער פאַרקאָן אַרום איר אַלט שטיבל.

פאַרנאַכט קומען מאַמעס אָפּנעמען זייערע ווייסע קינדער פון איר. האַלטן זיי צו איר פאַרטוך און שרייען, אַז זיי ווילן אַהיים ניט גיין, דאַ־מאָלסט שטייט מייבל און קוועלט. זי ווערט איינגעזר. אירע קליינע קרייזלעך האָר אויף איר רונדן קאָפּ ציטערן פאַר גליק און אירע אויגן צינדן זיך אָן מיט אַ פייערל. — אַהאַ, איר ווייסע מאַמעס, — וויל זי אויסשרייען, — מיר האָבן אייערע קינדער ליב, ניט אייך! זי זאָגט דאָס אָבער ניט. זי שטייט נאָר אויף איר ווערעאַנדע, אירע הענט פאַרלייגט אויף איר בויך און שמייכלט גליקלעך . . .

איך האָב זיך באַקאָנט מיט מייבל'ען ווען איך פלעג אין לאַנגע אָוונטן אַריינגיין אין איר קרעמל, וואו זי פלעגט פאַרקויפן קרייטעכער, קאַרעלן און נאָך אַזוינע זאַכן. מיר האָט געצויגן אַ באַקוועמער וויג־שטול און איר ווייכע שטימע. עפּעס אַזוי פיל מוזיק האָט איר שטים פאַר־מאָגט, אַז איר האָט זיך פון איר ניט געקענט אָפּרייסן. „טשאַילד" און „האָני", שוועסטער מיינע — אַזוי האָט זי מיר גערופן.

איך בין געוועזן ניי אין געגנט. איין אידישע פרוי צווישן הונדער־טער קריסטן, נאָר מיט מיר האָט מען זיך איינגעוואוינט. מיינע פרייטאָג־דיגע געבעקס האָט מיך גאָר דערהויבן אין זייערע אויגן. זייערע קינדער פלעגן אַלע פרייטאָג וואַרטן לעבן הויז, אַז מיינע קינדער זאָלן אַרויס־ברענגען די הייסע קיכעלעך. די קינדער פון געגנט האָבן איבערהויפּט

ניט איינגעזען דעם אומגליק וואָס אַ איד האָט זיך אַריינגעקליבן אין זייער געגנט, צווישן די גרינע מאַראַנצן־בערג, וואו קיין מאַראַנצן וואַקסן ניט, נאָר די בערג אַליין פּוצן זיך אויס יעדן האַרבסט אין אָרענדזש, ריזיגע, רונדע, אַזוי ווי גיגאַנטן מאַראַנצן.

די בריסטעל׳ס און די פּוירקנ׳ס האָבן זיך געמוזט איינגעוואוינען מיט די נייע איינוואוינער, כאָטש עס האָט ביי זיי געהייסן, אַז דער געגנט איז אידן ריין, און זיכער נעגער ריין. האָבן מיר ביידע, איך און מייבל, געהאָט וועגן וואָס צו ריידן. צוויי ווייכע וויג־שטולן, אַ קליינער אַלט־מאָדישער אייזועלע, אַ קענדל קאַווע, אַ פּייער פון אַ קעראָסין־לאָמפּ און זי. איר שטים ווייך, מוטערלעך, באַזעלט מיט גליק, וואָס אַ ווייסע פּרוי קומט צו איר טרינקען פון איר קענדל. הערט זי אויס, פרעגט זיך נאָך. פלעגט זי אויפלויכטן. געדעדט האָט זי וועגן אומגערעכטיגקייטן, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן איר ראַסע. איך פלעג הערן, פּרובירן איר באַ־ווייזן, לערנען זי פון וואָס די אַלע זאַכן נעמען זיך, דאַמאָלסט פלעגט זי קיין וואָרט ניט פאַרלירן. צו מיין יעדן וואָרט האָט זי זיך צוגעוויגט אַ שווייגנדיגע. אירע אַרגומענטן זיינען מיר ניט געווען אינטערעסאַנט, נאָר איר שטים, ווי די שטים פון מיליאָנען מאַמעס צונויפגעגאָסן אין איין אומעטיגן אָרקעסטער, האָבן אָט געוויינט, אָט געכליפּעט, אָט גע־טרייסט.

זי איז זעלטן אַרויס פון איר געצעלט. צוליב דעם וואָס זי האָט זיכער געוואוסט, אַז אין אַ פינצטערער נאַכט, ווען זי זאָל ניט זיין אין שעה אין דערהיים, וועט מען איר קליינע שטיבל אונטערצינדן. און איר פיר־צימערדיגע שטיבל איז געווען פאַרבונדן מיט געשיכטע פאַר איר, ווייל איר מאַן, אַ האַלב־אינדיאַנער און אַ האַלבער נעגער, האָט דאָס לאַנד מיטן שטיבל איבערגענומען פון זיין מוטער׳ס פאָטער, אַ אינדיאַ־נער. אַ הויכער, אַ גלייכער, מיט גלאַנציגע האָר, גלייכע, לענגלעכע, כדי מענטשן זאָלן באַמערקן פון וועמען ער שטאַמט, איז ער געווען זי־כער, אַז אים באַלאַנגט דער וואַלד אַרום הייזל. יעדער בוים איז געווען פאַר אים אַ הייליגקייט. צווישן די גרויסע, אַלטע בוימער, ווייס ער זיכער, אַז זיין זיידע האָט דאָ זיין וויג אויפגעהאַנגען. אויף דעם אָפּגע־האַקטן בוים האָט זיין טאַטע האַלץ געהאַקט. דער ברונעם איז נאָך גע־שטאַנען, ווי היינט געבויט. און אָט זיינען די פאַרברענטע דערנער, וואו זיין טאַטע מיט זיינע פריינט פלעגן באַקן פלייש. ניין, ער וועט קיינמאָל פון דאַנען ניט אַוועק! — אַזוי פלעגט ער אויסשרייען אַ שטאָלצער, אַ זיכערער, צו זיין מייבל׳ען.

און זייער הונט, אויך אַ שוואַרצער, מיט אומעטיגע אויגן, וואָס איז געווען גוט ווי אַ קינד און פלעגט דערשמעקן אַ שלעכטן מענטשן אויף

מיילן, איידער יענער איז נאָך צוגעקומען צו זיין באַלעבאָסטעס הויז.

דאָס שטעטל אַרום האָט זיך מער און מער אויסגעפּוצט. נייע הייזער האָבן אַרומגערינגלט זייער שטיבעלע, און זייער אַלטע היים האָט געגנומען אויסזען ווי אַ צאַצקע־שטיבעלע אַנטקעגן די גרויסע נייע וואוינונגען.

די פרויען פון די ווייסע אַמעריקאַנער פלעגן קומען צו מייבל׳ען נאָך די פאַרשיידענע קרייטעכער, וואָס איר אינדיאַנישער מאַן פלעגט זיי פון ערגעץ קריגן. די רייכע ווייסע פּוסט־און־פּאַסניצעס פלעגן דאָרטן אָפּזיצן לאַנג און אויסהערן וואָס זי האָט צו דערציילן וועגן איר מאַנ׳ס אָפּשטאַם. די געשיכטע פון יעדער מין פלאַנץ, וואָס מען טוט צו קנייטשן אויפן פּנים, לאָזן זיך פון מיס מייבל׳ען איינרייבן דעם שאַרבן, אַז זייערע האָר זאָלן ווערן געדיכטער, און מייבל האָט געפּילט, אַז זי איז וויכטיק אין ווייסן געגנט. די מענער אָבער האָבן שטענדיק געאַרבעט אָפּצורייניקן דאָס שטיקל ערד פון די שוואַרצע. עס האָט ניט געהאָלפן וואָס פּיקווין, מייבל׳ס מאַן, האָט אָפּגעהיט צו צאָלן די שטייערן צו דער מינוט. דער ערשטער איז ער שוין געשטאַנען לעבן פענצטערל פון גרינוואודס שטייערן־אָפּיס, מיט אַ טייסטערל געלט צונויפגעדריקט אין זיין גרויסער האַנט, האָט ער גליקלעך אַרויפגעלייגט אויפן ברעג פענצטערל און דאָס ווייסע מיידל פלעגט זאָגן מיט פאַרדרוס און האָס אין איר שטים:

— דו, מיסטער פּיקווין, היטסט אָפּ דיינע צאָלונגען צו דער מינוט.

— יעס־מעם, אַזוי דאַרף זיין. איך וועל דאָך ניט לאָזן מיין גאָרטן און מיין טאַטנ׳ס אַנדענק גיין צו די הינט . . . פאַר אַ הונדערטער אַ יאָר.

אָפט פלעגן זיך לעבן זיין הויז אָפּשטעלן די פירער פון גרינוואוד, און אַריינגיין באַקוקן זיין שטיבעלע מיט די מאָדנע טעפּיכער אויף די ווענט, באַטאַפּן, באַטראַכטן די זאַכן פון וואָס זיי האָבן נאָר געלייענט איי ביכער, קוקן אויף די וואונדערלעכע פלאַנצן, וואָס עס וואַקסן ביי דעם שוואַרצן, וואָס ער וויל נאָר, אַז מען זאָל אים גלויבן, אַז ער איז אַ האַלבער אינדיאַנער. דער קליינער וואַלד אַרום הויז, מיט די דיקע ריזיגע בוימער האָט זיי געשראָקן. אויף די הויכע צווייגן וויגן זיך מענטשלעכע שאַרבנס. שפּיזן און שטיינערנע האַמערס, פייל־און־בויגן וואַרפן אָן אַ שרעק אויף די געסט. גלייך קומט אַרויס מייבל, הויך, שוואַרץ, מיט אירע ריזיגע אָרעמס פאַרלייגט אויפן בויך, ברייט צעשמייכלט זי זיך, פאַרנייגט זיך קיינמאָל ניט פאַר קיינעם. זי קומט אַלע מאָל אַרויס מיט איר זון פּיקיניני, גראָד זיך איינגעגעבן אין זיין מאַמען. שטייען זיי ביידע מיטן שוואַרצן הונט לעבן די פּיס און קוקן אויף די ווייסע, וואָס זיי זיינען זיכער, אַז זיי קומען איבעררעדן, אַז מען זאָל זיי

פאַרקויפן דאָס שטיבל מיטן וואַלד.

איינמאָל איז מייבל זייער קראַנק געוואָרן און געמוזט גיין אין שפּי־טאָל. אַ נאַכט פריער האָבן זיך די דריי געוויגט אויף זייערע וויג־שטולן, דער הונט אויסגעצויגן לעבן זייערע פיס. דער דרויסן איז גע־ווען האַרבסטיג־קיל, און די ביימער האָבן געדרעמלט.

— פּיקווין האָני, — האָט מייבל זיך געווענדט צו איר מאַן, — איך זע אין בלעקי'ס אויגן, אַז קיין גוטס וועט ניט געשען, ווען איך וועל אין דערהיים ניט זיין . . . דעם הונט'ס נאָז ברענט ווי אַ פייער, און טרוקן ווי האָלץ, אָ. לאָרד, לאָרד, עפּעס וועט געשען.

און דער הונט איז טאַקע געלעגן טרויעריג. איין אויג פאַרמאַכט, די צווייטע אָפן, איז ער געלעגן און אַלע ווײַלע אַרויסגעלאָזן אַ זיפץ. ניט גענומען קיין עסן, קיין טרינקען און ניט אָפּגעטראָטן פון מייבל'ען.

ווען פּיקווין און זייער זון זיינען אַוועק געוואָר ווערן זייער מייבל'ען, האָט די נאַכט דערהערט דאָס טרעסטשען פון האָלץ, און ריזיגע פלאַ־מען זיינען געשפּרונגען אין דער לופטן, זיך געריסן פון פייער אַרויס, צעקאָכטע, פאַרשעמטע, ווי זיי וואָלטן גליקלעך געווען וואָס זיי אַנטלויפן פון דעם ברענענדיגן שטיבל און וואַלד. קיינער פון די נאָענטע האָט די פייער־לעשער ניט גערופן, געלאָשן בלויז זייערע אייגענע ווענט, כדי דאָס הויז וואו די שוואַרצע וואוינען, זאָל אָפּברענען.

דער הונט האָט געבולן: ראַטעוועט! ראַטעוועט! אומגעלאָפן אַרום די פלאַמען, געוויינט, געשלעפּט פאַר די אַרבל, פאַר די פאָלעס יעדערן, וואָס איז גלייכגילטיג געשטאַנען און צוגעקוקט ווי עס ברענט דאָס שטיבל פון די נעגערס. ווייט אַרום האָבן אַלע געוואוסט, אַז דאָס ברענט מייבל'ס הויז. מען איז געזעסן אויף די גרויסע ווערענדעס און געקליבן נחת, קוקנדיג אויף די צונגען־פייער, געהערט דאָס בילן פון הונט און שווייגנדיגע אָנגעקוואָלן וואָס באַלד וועט מען פּטור ווערן פון דער שוואַרצער פאַמיליע. און די ווענט זיינען געפאַלן אין טיפן פייער אַריין. יעדער באַלקן, ווי אַ טויטער זעלנער, אַ פאַרוואונדעטער, אַ צעברענטער, איז אויסגעגאַנגען, פאַרטיידיקנדיג די רואיגע פיר ווענט, וואָס האָבן דורות־לאַנג אויסגעהערט אינדיאַנישע מעשיות און געזאַנגען. רויטער אַש אויף אַש האָט זיך געלייגט הילפלאָז, טרויעריג, געסאָפּעט, געשפּיגן פונקען. יעדער פלעמל האָט באַלויכטן איין געבליבענע זאַך, דעם הונט, וואָס איז ניט אָפּגעטראָטן פון פייער.

ווען מייבל איז אַהיים געקומען האָט זי געפונען דעם קוימען ווי אַ מאָנומענט, וואָס קוקט אַן איבעראַשטער אויף די פאַרבייגייער. האָט זיך מייבל געשטעלט אויף די שטיינער לעבן איר נידעריגן, ברייט־פליי־ציגן זון, און זי האָט אָנגעהויבן:

— אָט דאָ, אויף די אַש וועלן מיר שלאָפן! דער לאָרד וועט אייך שטראָפן. אַ שטורעם וועט וואַרפן די ציגל פון קוימען און אונז וועט איר פון דאַנען ניט פאַרטרייבן! גאָט'ס קינדער זיינען מיר, פונקט ווי איר. אָט־דאָ וועלן מיר בלייבן! די ערד קענט איר ניט פאַרברענען.

יעדן אָוונט, אַ זומער־לאַנג, איז זי אַזוי געשטאַנען. פון איין זייט איר בלינדער, שוואַרצער הונט, בלינד פון פייער וואָס האָט זיינע אויגן אויסגעברענט. דער הונט האָט צוגעקלאַפּט מיטן עק צו אירע רייד.

פיקווין, איר מאַן, בויט ווידער דאָס הייזל. פון שטיינער, פון ליים, פון אַלטע ברעטער בויט ער צוריק זייער היים, און פון די אָפּגעברענטע בוימער שפּראָצן קליינע ביימעלעך. הויך ציען זיי זיך צום שפּיץ פון רויטן, פאַררויכערטן קוימען. ביז מייבל האָט ווידער אַ היים און דאָס מאָל מיט אַ ווערענדע. קיינמאָל אָבער גייט זי ניט אַוועק פון איר היים און איר בלינדער הונט ליגט לעבן אירע פיס, ווען זי וויגט זיך אויף איר אַלטע וויג־שטול. זיינע נאָז־לעכער צוקן, זיינע אויערן פאַרשפּיצט צום טיר, היט ער צי קומט מען ניט ווידער אונטערצינדן.

און די ווייסע אַמעריקאַנער פון שטעטל גרינוואוד ווייסן ניט וואָס צו טאָן. אַ חוץ וואָס זי איז אַ שוואַרצע, קלעפּן נאָך צו איר זייערע ווייסע קינדער, און זי צעשפּרייט אירע דיקע שוואַרצע אָרעמס, לאַכט הויך דורך אירע קלאָרע ציין און דערציילט זיי די מעשה, ווי זייערע טאַטעס האָבן איינמאָל פאַרברענט איר הויז און בלינד געמאַכט איר בלעקי'ן.

שיינע הייזער רינגלען אַרום איר שטיבל מיטן וואַלד, און דורך די גרינע בוימער, צוזאַמען מיט דער אונטערגייענדיגער זון, לויכטן מייבל'ס אויגן. אירע ציין פרעסן זיך צונויף, אירע ברוינע פויסטן פאַר־מאַכן זיך. איר גוטער, ווייכער שמייכל פאַרבייט זיך ווי ביי אַ וואַלד־פאַרטיזאַנקע, ווען זי דערשפּירט ווי די ווייסע גרינוואודער שטאָט־טאַ־טעס דרייען זיך ווידער אַרום איר שטיקל לאַנד. יונג ווערט זי, גלייכט זיך אויס, לייגט אַרויף איר שוואַרצע האַנט איבער אירע אויגן, שרעקט אירע שונאים מיט אירע מעסערדיגע בליקן, און מורמלט אַ קללה צו די וואָס דרייען זיך אַרום דורך די נעכט אַרום איר שטיקל ערד. ביינאַכט איז זי די וועכטערין. זי מיט איר בלינדן הונט, און ביי טאָג דרעמלט זי אויף איר אַלטן וויג־שטול.

זי האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן

(פון מיינע באַגעגענישן)

איך בין געווען אַ גאַסט ביי זיי אין שטאַט, געקומען צו אַ באַנ־קעט.

צווישן אַלע זיינען זיי געזעסן. שטיל, כמעט באַליידיגטע. ס׳איז געווען פונקט פאַר דער זאַמלונג. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, דער־זען, אַז זי קען מיר ניט, האָט זי אָנגעהויבן:

— איך זע, אַז איר זייט אַ נייע דאָ, וויל איך אייך זאָגן, אַז אונז מיינט מען דאָס.

— וואָס מיינט איר אייך? — בין איך געוואָרן נייגעריג.

— די מעצענאָטן, די מעצענאַטן, די אַלרייטניקעס, — האָט זי קלאָרער באַטאָנט, וואָס זי מיינט. זי האָט ניט געוואָלט זען, ווי איר מאַן ווינקט צו איר, אַז זי זאָל זיך ניט פאַנאַנדעררעדן. אָבער זי האָט מיר גענומען אָן אַ זייט און אָנגעהויבן מיט פאַרדרוס אין איר שטים:

— ס׳איז אמת, מיר זיינען רייך, זייער, זייער רייכער, ווי די אַלע וואָס זיצן דאָ. זאָל איך אייך דערציילן, אַז מיינער איז דאָ געקומען מיט אַ פּאַק אין האַנט, און אָנגעהויבן פאַרקויפן צירונג, וואָס דאָס אַליין האָט שוין געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ ווייטערדיגן באַנק־בוך. אַז ס׳איז געוואָרן אויס מאָדע גאָלדענע זייגערס מיט קייטלעך פאַר מענער און ווייבער, — האָט זי פאַרגעזעצט, — האָט מען געמאַכט סטאַרס. זאָל איך אייך דערציילן, ווי די גאַנצע פאַמיליע האָט געהאָרעוועט, וועט איר מיר זיכער ניט גלויבן. איצטער פעלט אונז קיין זאַך ניט, און מען קען געבן. איז וואו גיט מען? אין שול גייט מען ניט, קיין פאַנאַטישע מענטשן איז מען דאָך ניט, גיט מען דאָ . . . דער פונק איז קיינמאָל ביי אונז ניט אויסגעלאָשן געוואָרן. וואָס מיר זיינען געווען אין דערהיים, אין די יונגע יאָרן, זיינען מיר איצטער אויך, אָבער אַז מען נעמט אויף אייך קוקן, ווי איינער זאָגט: — דאָרטן זיצן זיי, די אַלרייטניקעס, די גראָבע בייכער, איז כאַטש נעם און אַנטלויף וואו די אויגן טראָגן. מען פילט זיך ווי צוויי פּענעס.

— איר מיינט מיר זיינען שוין ניט אַנטלאָפן? עס איז געווען אַ צייט, ווען מיר האָבן זיך געשעמט אַהער צו קומען, ניט חלילה מיט די

אָרעמע, מיט די אַרבעטער האָבן מיר זיך געשעמט, נאָר פאַר די אַר־בעטער האָבן מיר זיך געשעמט. מאַכט מען אַ הויז־פּאַרטי, שעם איך זיך מיט די מעבל. טאַקע אַז איין אַלמער קאָסט דאָך מער ווי די גאַנצע הויז מעבל פון אַן אַרבעטער, היינט די הויז? מען מוז דאָך וואוינען ווי מענטשן. מען וועט דאָך דאָס געלט ניט מיטנעמען מיט זיך? און אַז מען איז ניט קיין גרויסע פאַמיליע, זיינען דאָ אַ סך ליידיגע צימערן, איז אַז מען קומט זיך צונויף, לייען איך אין די פּנים'ער: — איי, ווען איך זאָל דאָס האָבן די פאַר ליידיגע צימערן פאַר מיר? היינט, גיי גיב אָפּ יענעם די הויז! זיינען מיר טאַקע איינמאָל אַוועק צו אונזער קלאַס, איז אונז דאָרטן גאָר געוועזן ביטער, — האָט זי פאַרגעזעצט, — דאָרטן האָבן אַלע די זעלבע הייזער, מען קען זיך פאַר קיינעם מיט גאָר ניט באַרימען. דאָרטן פאַרשטייען מיר גאָרניט זייער שפּראַך, עס זיינען אונז פרעמד זייערע מאַניערן, איז מען ווידער געקומען אַהער. וואָס זאָל מען טאָן: זאָל מען אַלץ פאַרברענגען וואָס מען פאַרמאָגט? — איך זאָג אייך, ס'איז ניט אַהין און ניט אַהער. גיט מען ניט, דאַרף דאָך די באַוועגונג געלט; גיט מען יאָ, קוקט מען אויף אייך, ווי אויף הויכע, רייכע אידן, און אויב רייך, ווי קומט מען אַהער? אָבער אַז דאָ איז פּאָרט אונזער לעבן.

די זאַמלונג האָט זיך אָנגעהויבן. דער מאַן האָט דערלאַנגט די ערש־טע הונדערט דאָלער. עס איז געוואָרן אַ קלאַפּעריי מיט די הענט.

— הונדערט! הונדערט! ווער גיט נאָך?

עס איז געוועזן שטיל. ווי קען מען זיך פאַרגלייכן מיט הונדערטער?

— פריינט, — האָט דער פאָרזיצער אויסגערופן, — אייערע טאָלער זיינען פונקט אַזוי אָנגעלייגט ווי אימעצנס הונדערט. דאָס זיינען די שווער־פאַרהאָרעוועטע געלטער. שעמט אייך ניט און גיט וויפיל איר קענט!

— איר הערט, איר הערט, — האָט זי מיר אַ צי געטאָן ביים אָרבל.

— אַט־די ווערטער זיינען ווי הייסע אָנגעברענטע שפּיזלען. עס ווילט זיך אַנטלויפן ערגעץ און מער ניט געבן, און מער ניט קומען, אָבער דער פונק, דער אידעאַל איז אַזוי טיף. עד, די פאַסקודנע געלט, די הייזער — ברענען זאָלן זיי! מען קען פאַר מענטשן דעם פּנים נישט ווייזן.

ווען אַלע ביים באַנקעט האָבן געקוקט אויף זיי זיינען זיי געזעסן און ניט געוואוסט וואו די אויגן צו באַגראָבן.

זי האָט געהאַט מיט איר אײנזעעניש

— דאָס איז זי, הייסט עס? קען עס זיין? — האָט זי זיך אַליין געפרעגט.

זי האָט געקוקט אויף איר בילד און בייז געוואָרן אויף זיך אַליין, פאַרוואָס עס איז איר פלוצלונג איינגעפאַלן זיך צו פאָטאָגראַפירן. זי האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט איר פנים, די קנייטשן אַרום מויל, די טיפע קאַרבן דאָ און דאָרטן, און געלייענט אין זיי איר לעבן, ווי קאַפּיטלעך פון איר אייגענער ביאָגראַפיע. די קנייטשן אַרום מויל זיינען איר געקומען פון ניט־דערציילטן צער, די אונטער־די־אויגן — פון וויינען. אָ, ווי אַלט זי איז, אַלט אָן יאָרן, — האָט זי געמורמלט שטיל, מיטן בילד אין האַנט.

אין פאָטאָגראַפּטשיקס זאַל איז געווען געפּאַקט. עס איז געווען חודש יוני. זיידענע קליידער, בענדער און בלומען, מיידלעך און בחורים, חתן־כלה, גליקלעכע, שמעקנדיגע, זיינען געשטאַנען גרייט זיך צו פאָטאָגראַפירן. אַלץ אַרום האָט געשמעקט מיט יוגנט, און קיינער האָט זי ניט באַמערקט. זי האָט שוין געוואָלט אַרויסגיין, איבערלאָזן די האַנטגעלט פאַר די בילדער און צערייסן דאָס בילד, וואָס ווייזט איר, ווי פאַרעלטערט זי איז געוואָרן, ווי גיך איר פרילינג און זומער איז אַריבער. דער מענטש, וואָס האָט זי פאָטאָגראַפירט איז אַרויס פון אַ טונקעלן צימער און זי אַ פרעג געטאָן:

— וויפיל בילדער באַשטעלט איר?

— עס איז עפּעס ניט גוט אַרויסגעקומען, — האָט זי מיט געפאַלנקייט אין איר שטים אַרויסגערעדט, און דאָס בילד נאָכאַמאָל באַטראַכט.

— וואָס הייסט ניט גוט? עס איז דאָך אייער בילד, פּונקט ווי איר, — האָט זיך דער פאָטאָגראַפער כמעט באַליידיגט, וואָס עס געפעלט איר ניט זיין אַרבעט.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דאָס מיידל, וואָס האָט די בילדער אַרויסגעגעבן:

— מיר מאַכן בילדער פּונקט ווי דער מענטש זעט אויס, נאָר די קנייטשן אייערע וועלן מיר אָפּרייבן, ענדיקנדיג דאָס בילד.

„קנייטשן? דאָס מיידל זעט אויך אירע קנייטשן?" און זי האָט געהאַפּט, אַז דאָס מיידל וועט זי טרייסטן, זי וועט זי זאָגן, אַז צוליב איר שוואַרצער קלייד איז זי אַזוי אַלט אַרויסגעקומען.

אַ טיפער ווייטאָג האָט איר אַרומגענומען, אָבער מער פון אַלץ האָט איר פאַרדראָסן די באַציאונג פון די פּאָר יונגע מענטשן, וואָס וואָלטן זיך

נישט געגלויבט, ווי ערשט מיט אַ פּאָר צענדליג יאָר צוריק, איז זי גע־וועז שענער פון מיידל. דאָס מיידל האָט איר פּרובירט איינריידן:

— מיסעס, באַשטעלט די בילדער, זיי זיינען אייערע ניט מיינע. אַזוי זעט איר אויס, — האָט זי איר אָנגעוויזן אויף איר פאַרעלטערטן פּנים.

זי האָט שוין מער ניט געפּילט ווי צו ריידן. זי האָט געקוקט אויף דער מיידל, וועלכע איז געווען זומערדיג אָנגעטאָן, די האָר פאַרקאַמט אין אַ הויכן פריזור, אויף איר קלאָרן האַלז ווייסע קאָרעלן, דורך איר ווייסער בלוזע האָבן זיך געשפּאַרט יונגע בריסט, און איר לאַנגע, שוואַר־צע קלייד, מיט אַ סך קרויזן, האָבן דערמאָנט אָן א פּאַווע. „ווי דאָס מיידל שפּאַסט עס פון איר", — האָט זי געטראַכט.

זי האָט דאָס בילד צעריסן, אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, און מיט אַ ביטערן שמייכל אַרויסגערעדט צום בילדער־נעמער:

— מיסטער לעבן, ווען איך בין געווען אייער עלטער, האָב איך אויסגעקליבן אַ סך שענערע אינגלעך ווי איר. מיט אַזאַ ווי איר וואָלט איך ניט שפּאַצירט! — און זי איז האַסטיג אַרויס.

הינטערן טיר איז זי געבליבן שטיין, ווייל אינעווייניג האָבןביידע געלאַכט. דאָס מיידל מיטן מאַן האָבן וואולגאַר זיך געוויצלט.

— דער טאַטע אירער איז שולדיג . . . און איך האָב געקראָגן אַ גאָב, — האָט דער בחור געלאַכט אויף איר חשבון.

זי האָט אָבער נאָר געהערט דעם מיידל'ס ווערטער: — מיר וועלן אַרונטערנעמען די קנייטשן, מיסעס, ווען מיר וועלן דאָס בילד ענדיגן. עס איז אייער פּנים, פּונקט ווי איר, מיסעס . . . און ווי מאָדנע: דאָס מיידל, דאַכט זיך, איז זי. זי אין אירע ניט־לאַנג צוריק פאַרפלויגענע יאָרן.

אויף מאָרגן איז זי אַריין אין דער סטודיאָ.

— איר זייט געקומען נאָכן בילד? — האָט דאָס מיידל זי איבער־גענומען.

— ניין, טייערינקע, איך בין דיר געקומען ווייזן אַ בילד, — האָט די מיטליאָריגע פרוי אַרויסגענומען אַ בילד פון האַנט־בייטל און דאָס בילד דערלאַנגט דער יונגער מיידל.

— דאָס זייט איר? — האָט דאָס מיידל צעעפנט ברייט און פאַר־וואונדערט אירע גרויסע יונגע אויגן.

— יעס מעם, איך, און גאָר ניט לאַנג צוריק. — די פרוי איז גע־ווען כמעט אַזוי פאַרקאַמט ווי דאָס יונג מיידל, אויך זי האָט געטראָגן אַ ווייסע בלוזע און קאָרעלן אויף איר דינעם, קלאָרן האַלז.

— איר? — האָט דאָס מיידל שטיל און דערשראָקן איבערגע־פרעגט, און געקוקט אויף דער פרוי'ס פיגור און אויסגעמאַטערטע הענט,

אויף אירע טיפֿע גריבער אונטער די אויגן. אַ שווערע לאַסט, עפּעס אַ געדיכטער טומאַן האָט פֿאַרשטעלט אירע אויגן. וועט זי אויך אַזוי ווערן? אַט־די פרוי, פֿון וועמען זי האָט נעכטן געלאַכט, האָט אויסגע־זען ווי זי, און זי וועט עס ווען עס איז אויסזען ווי די פרוי? . . .

די מיטליעריגע פרוי האָט דערפֿילט איר געמיט, און גענומען זיפֿצן: מען דאַרף האָבן איינזעעניש מיט איר, מען דאַרף זי טרייסטן, האָט זי באַשלאָסן, און געזאָגט:

— איצט, טאָכטערל, זיינען אַנדערע צייטן און בעסערע צייטן קו־מען. פֿאַר אונז פֿרויען פֿון עטלעכע צענדליג יאָר צוריק איז געווען זייער שווער, אָבער פֿאַר אייך, יוגנט, איז אַלץ אָנגעגרייט: זון, גליק, שיינע הייזער, אַלע נייע דערפֿינדונגען זיינען פֿאַר אייך. שרעק דיך ניט, קינד, דו וועסט ניט ווערן אַזוי ווי איך. מיינע קנייטשן לעבן מויל

— דאָס זיינען ניט־דערציילטעליידן; מיין פּנים איז אַ בוך, טאָכטערל,

— האָט זי גערעדט, דערציילט, ווען דאָס מיידל האָט איינגעגראָבן אירע בליקן אין בילד.

דער מאַן, וואָס האָט איר פֿאָטאָגראַפֿירט, איז אויך מיט לאַנגזאַמע טריט אַריינגעקומען. ער האָט זיך געפֿילט פֿאַרשעמט, פֿאַרלאָרן, ווי ער וואָלט אַ טייערע זאַך צוגע'גנב'עט ביי דער פרוי און גייט איר עס אָפּגעבן.

— יאָ, יאָ, ניט קיין וואונדער, אַז איר וואָלט מיט אַזאַ מאַן ווי איך ניט שפּאַצירט, — האָט ער גאָר אַן איבערגעביטענער גערעדט צו דער פרוי. — איר זעט אויס ווי איצט, ניט קיין סך געביטן זיך, — האָט ער געפּרובירט פֿאַרריכטן דאָס וואָס ער האָט איבערגעפֿירט.

די פרוי האָט גאָרניט גערעדט, נאָר געקוקט אויף דער יונגער מיידל, וועמעס אויגן האָבן געוואַנדערט ווייט, ווייט, אין אַ וועלט, וואו אַלע זיינען אַלט, צעקנייטשט. זי האָט ווייניג גערעדט, נאָר צום ערשטן מאָל זיך פֿאַרטראַכט, ווי אַזוי מען דאַרף ריידן צו מענטשן.

די פרוי, וואָס האָט זיך אָפּגערעכנט מיט דער יונגער מיידל, ווייזנ־דיג איר ווי אַזוי מען קען ווערן פֿאַרביטן, האָט זיך געפֿילט שולדיג, ניט געדאַרפֿט מצער זיין דאָס מיידל. אַזוי פֿיל אומעט האָט פֿאַרטונקלט איר געזיכט. געדאַרפֿט האָבן איינזעעניש מיט איר.

זי האָט מיט גרויס פֿאַרזיכטיגקייט צוגענומען איר בילד מיט די שפּיצן פֿינגער, עס אַריינגעלייגט אין האַנט־בייטל און אַ גליקלעכע, ווי אַ זיגערין, אַרויס פֿון דער סטודיאַ, דערפֿילנדיג די בליקן פֿון די צוויי יונגע מענטשן אויף אירע פּלייצעס. זי איז ווידער געבליבן שטיין אַ מינוט פֿון יענער זייט טיר, געוואָלט עפּעס הערן, נאָר עס איז געווען שטיל איבעוויינצויג, שאַ, שטיל.

29 און אַ פּעני

איין פרימאָרגן, ווען די מיסעס שניידער האָט געקערט דעם פאָ־דערשטן טייל פון ווערקשטאָט, די „סטאָר“, און ווי געוויינטלעך, האָפע־נונגספול געקוקט צום טיר, צי וועט אימעצער אַריינברענגען אַ שטיקל אַרבעט, האָט זי דערזען „גין־גאָלדין“, דעם קאָנקורענט זייערן, אַרומ־דרייען זיך אַרום טיר.

— קום אַהער אַ מינוט, זע אַ גאַסט איז דאָ! אונזער גוטער פריינט!

— האָט דעם שניידער'ס ווייב אַריינגעשריען צו איר מאַן, וועלכער האָט געפּרעסט קליידער הינטערן הויכן גלעזערנעם אַלמער, אויף אַן אַלטער מאַשין, וואָס האָט פון זיך אַרויסגעשיקט אַ פּאַרע ווי פון אַ קראַנקן לאָקאָמאָטיוו.

מר. שניידער האָט אַפילו ניט געדאַרפט פרעגן ווער עס דרייט זיך אַרום סטאָר, אים איז שוין גוט באַקאַנט געווען דער „גין־גאָלד“ קלי־נער, וועלכער האָט אויפגעעפנט אַ קלינינג־סטאָר אַ גאַס ווייטער פון אים און שניידט די פרייזן.

— זאָל ער זיך דרייען, וואָס גייט דיר אָן? — האָט ער אַרויסגע־שריען צו דער ווייב זיינער.

די שניידערין האָט דערזען ווי דער „גין־גאָלד“ דערנענטערט זיך ווידער צום סטאָר, האָט זי אַ טראַכט געטאָן: אויב אַזוי, זאָל ער טאָקע האָבן וואָס צו זען. זאָל ער ניט מיינען, אַז ער'ט אונז אָוועקגע'הרג'עט.

און זי האָט אויפגעקליבן וואו נאָר אַ פּאָר אַלטע הויזן, אַ מאַנטל, איר מאַנ'ס, איר אייגענעם, און עס אַוועקגעלייגט אויפן גרויסן טיש. גלייך נאָך דעם האָט זי פאַנאַנדערגערוקט די צוויי טירן פון אַלמער, וואו עס זיינען געהאַנגען געפּרעסטע בגדים — אַ סך פון זיי שוין דאָרטן יאָרן לאַנג . . . זאָל איר בלוטיגער שונא זען, אַז עס פעלט, דאַנקען גאָט, ניט קיין שמאַטעס! ס'איז דאָ אַרבעט, אַבי געזונט!

— זעסט, ער איז דאָ, ער טרעט ניט אָפּ. עפּעס זוכט ער דאָך! האָט די שניידערקע ווידער אַריינגעשריען.

דאָ איז שוין דעם מיסטער שניידער די זאַך געוואָרן אינטערעסאַנט. ער ווייס, אַז דער קאָנקורענט זיינער ווייכט פון אים. גייט צען גאַסן אַרום, ווייל ער, דער „גין־גאָלד“, ווייס דאָך, וואָס ער האָט אים אָפּגע־טאָן. און דאָ פּלוצלונג איז ער געקומען וועלן עפּעס ריידן.

דער שניידער איז אַרויס פון זיין הינטער־וואָרשטאָט, זיך פּאַריכט דעם רימען אַרום גוף, אַ פאַרשאַר־געטאָן דעם בונט גרויליכע האָר, וואָס

איז אים אַרונטערגעפאַלן ביים פּרעסן, זיך אויסגעטאָן די ברילן און באַ־פעלן דער ווייב:

— גיי אַריין, זיי מוחל, אַ ווייליטשקע הינטן. אַז ער'ט דיר זען, וועט ער ניט אַריינגיין. גיי, לאָמיר זען, וואָס ער וויל.

די מיסעס שניידער איז ניט אַריינגעגאַנגען, נאָר אַריינגעלאָפן. זינט די פיס זיינען איר געשוואָלן, לאָזט איר דער מאַן ניט צוגיין צום מאַ־שין. אָבער די מאַשין ליבט זי בעסער ווי די נאָדל. מיט אַ צען יאָר צוריק איז די מאַשין געווען איר שטאָלץ. זי איז געווען יונגער, געזונטער, פּלעגט אויספּרעסן צען גאַרניטערס אַ שעה.

— איך זעט, ווי מיין אידענע טאַנצט? — פּלעגט איר מאַן אַריינ־פירן שניידערס און זיך אויסבאַרימען מיט זיין גראָטענער און אַר־בעט־ליבנדיגער ווייב.

שפּעטער, ווען די געשעפטן האָבן אויפגעהערט גיין, האָט איר די פּרעס־מאַשין געדינט אויף אויסלאָזן איר כעס. איז איר עפּעס געווען שווער אויפן האַרצן, פּלעגט זי אַרונטערלאָזן דעם פּרעס־דעק מיט אַ זעץ און דריי־פיר מאָל אַ שפּרינג־טאָן אויפן טרעטער . . .

אָפט, אין גרויס פאַרדרוס, פּלעגט זי בלייבן אַזוי שטיין אַ ווײלע, און אַפילו אָנשפּאַרן איר קאָפּ, און בלייבן אַזוי פאַרטראַכט אַ מידע, אַ פאַרזאָרגטע, רוען אַזוי, ביז זי פּלעגט דערהערן פון מאַן:

— וואָס טוסטו דאָרטן? וועסט אָפּלייגן אַ גלאַנץ, וועסטו!

איצט איז זי אויך אַרויפגעשפּרונגען אויפן טרעטער פון פּרעס־מאַ־שין און אַרונטערגעלאָזן דעם דעק מיט אַ זעץ — מיטן גאַנצן כעס אויף דעם „גין־גאָלד"־קלינער, וועלכער האָט נאָך אַ העזה אַריינצוקומען צו איר אין סטאָר.

זי האָט אָבער דעם כעס ניט געקאָנט אויסלאָזן צו דער פּרעס־מאַשין, ווי זי פּלעגט עס טאָן, ווייל ביי יעדן זעץ מיטן אויבער־דעק, האָט איר אַ שניט געטאָן אין די געשוואָלענע פיס. אויף דעם האָט זי אויך געהאַט אַ תירוץ: שוין צען יאָר, ווי דער דאָקטאָר טענה'ט מיט איר מאַן, אַז די דירה איז זייער אומגעזונט. נאָר אין קיך שיינען אַריין אַ פּאָר זון־שטראַלן, מער ניט. אָבער זי האָט דעם דאָקטאָר געהערט ווי דעם קאָטער. שניידער וואוינען נאָך אין ערגערע דירות!

— דערווײלע, דאַנקען גאָט, האָב איך דאָ, אין דער הינטערשטער וואוינונג, אויסגעהאָדעוועט צוויי קינדער, ווי די בוימער. איינער גייט אין קאָלעדזש, דער צווייטער האָט שוין חתונה געהאַט. און וואָס ווייטער וועט זיין, זאָל גאָט זאָרגן.

דאָס שווינדלעניש פאַר די אויגן האָט איר ניט געשראָקן. די פּיינצטערניש לעבן פּרעס־מאַשין האָט זי אויך צו פאַרדאַנקען דעם

„גין־גאָלד׳ן". דער מאַן אירער האָט אים געוואָלט נאָכטאָן האָט ער איבערגעדרייט, — ווי זי רופט עס, — די סטאָר מיטן קאָפּ אַראָפּ. אַמאָל איז קיין אַלמער ניט געשטאַנען. אַ לאַנגער אייזערנער שטעקן פּלעגט אויפהאַלטן הונדערטער בגדים. אויף דער מאַשין האָט דער מאַן גע־פּרעסט. געניייט האָט זי, און אַמאָל פּאַרקערט. אויף דעם האַלבן פּאָר־הענגל פון פענצטער זיינען געווען אָנגעהאַנגען שטיקלעך פּעלץ, שטיקלעך געוואַנט. אין דעם צווייטן פענצטער איז זיך געשטאַנען אַ פיגור, אויס־געפּוצט אין אַ געפּאַלבעוועטע קלייד. אַ צווייטע האָט געטראָגן אַ קלייד מיט פינקלענדיגע פּאַטשערקעס. צווישןביידן — אַ חתן אין שוואַרץ און ווייס אויסגעפּוצט. די זון פלעגט שיינען איבערן גאַנצן סטאָר. אין דער ברייט. הינטן, לעבן מאַשין, איז פינצטער. אייניקע אַליין האָרע־ווען זיי דאָרטן. און אַלץ צוליב דעם „גין־גאָלד׳ן".

כל׳ערליי צונעמעניש האָט זי פאַר איר קאָנקורענט: „ווייס רעקע־לע" — צוליב זיין ווייס־קלאָרן אַרבעט־רעקל, וועלכער האָט אויפן קראַגן דעם אויפשריפט „גין־גאָלד קלינערס"; „קאַטערינקע" — ווייל ער פאַרט אַרום מיט אַן אויטאָמאָביל צוזאַמענגעמען אַרבעט; „פּראָ־פּעסאָר" — ווייל איר מאַן האָט איר דערציילט, אַז דער יונגערמאַן איז זייער געלערנט. ער האָט גאָר געהאָפט צו ווערן אַ לאָיער.

— וואָס ביזטו אים אַזוי מקנא די גליקן? — בייזערט זיך אָפּט דער מאַן אויף דער מיסעס שניידער. — אונז קאָן ער ניט „ביטן". אַ קאָלומבוס׳עס שניידער קאָן זיך מיט אונז ניט פאַרגלייכן! אַי, וואָס ער האָט זיך אויסגעפּוצט? צו עסן קומט עס נאָך ניט!

דעם מאַן קאָן די מיסעס שניידער ניט איבערשפּאַרן ווען עס קומט צו רייד וועגן זייער קאָנקורענט. מיסטער שניידער קען זייער קאָנקו־רענט׳ס פאָטער, זיי האָבן צוזאַמען געאַרבעט אין שאָפּ, ווען דער קאָנ־קורענט זייערער איז נאָך געווען אַ קליין אינגל.

זיין טאַטע האָט געהאָפט פון זיין זון צו מאַכן אַ דאָקטאָר אָדער אַ לאָיער. אַ פּאָר יאָר איז דער זון טאַקע געגאַנגען אין קאָלעדזש. דער־נאָך איז שווער געוואָרן דעם אַלטן שניידער אויסצוהאַלטן זיין זון — האָט ער אים אָפּגעזוכט אַרבעט אַלס אַ טראָק־טרייבער טאַקע אין דעם גרויסן שאָפּ וואו דער טאַטע האָט געאַרבעט. פאַרדינט האָט ער גאַנץ פיין. האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ מיידל, וועלכע האָט אויך געאַרבעט אין אָפּיס פון אַ קלינינג־שאָפּ, און — זיי זיינען געוואָרן דעם שניידער׳ס קאָנקורענטן.

זייער סטאָר איז ווייס, מיט נייע אַלמערס, מיט נייע מאַשינען. די שניידעריי טראָגט מיסטער גינגאָלד אַוועק צו זיין טאַטן. דער טאַטע נעמט איבער די אַרבעט מיט אַ זיפץ און דער זון בלייבט שטיין לעבן טאַטן,

קוקט אַזוי ווי דער טאַטע נייט פלינק און גוט און קלערט דערביי, אַז ער האָט געדאַרפט זיך לערנען אַ פּאָר יאָר שניידעריי, אַז ס'איז גאָרניט אַזאַ שלעכטע מלאכה. אָט איז שוין זיין טאַטע איבער זעכציג, די אויגן דינען שוין ניט ווי אַמאָל און ער קען נאָך אַלץ פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט.

איז דער גינגאָלד קלינער געווען שטאָלץ ביי זיך. צוליב קלוגקייט ווי „אויסצופיקסן" אַ סטאָר, זיין ווייב'ס פיינע באַנעמונג צו מענטשן, און צוליב זיין טאַטן, וועלכער מאַכט אים די שניידעריי, האָט ער זיך גאָרניט געשראָקן פאַר די אַלטמאָדישע שניידערס. פאַרקערט, זינט ער האָט באַמערקט, אַז זיין טאַטנ'ס גוטער פריינט דרייט אַוועק זיין קאָפּ פון אים ווען ער באַגעגענט אים, איז ער געווען מער גרויס ביי זיך און געזאָגט צו זיין טאַטן:

— דיין פריינט, דער שניידער, קערט אָפּ זיין קאָפּ פון מיר. אַז דו'סט אים זען — זאָג אים, אַז עס איז אַ פרייע אַמעריקע!

און איצט שטייען ביידע, גינגאָלד און דער שניידער, מיט די עלנ־בויגנס אָנגעשפּאַרט אָן טיש, בלאָזן דעם רויך פון די ציגאַרעטלעך. ריידן שטיל.

מיסטער שניידער האָט שוין צען מאָל פאַרשאַרט די גראָע קוטשמע האָר פון זיין שטערן, האָט שוין באַלד צעביסן דעם פינגערהוט. מיסטער גינגאָלד האָט גערעדט ענגליש און געשריבן מיט אַ שיינער פאָונטען־פּען ציפערן, גאַנצע ראָדן, און באַוויזן דעם שכן זיינעם, אַז ווי זיי זאָלן זיך ניט פּרובירן פאַרמעסטן וועט עס ניט אַרבעטן.

און די מיסעס שניידער קען נאָך אַלץ ניט הערן אַ וואָרט וואָס זיי ריידן. עפּעס ווי זיי, די צוויי שניידער, וואָלטן פּלוצלונג געוואָרן דאָק־טוירים און האַלטן זיך אָן עצה וועגן אַ זייער געפערלעכן קראַנקן, וועל־כער איז אויף אַ מינוט איינגעשלאָפן. אַזוי שטיל האָבן די צוויי גע־רעדט. טאָקע מער געטראַכט ווי גערעדט.

האָט מיסטער שניידער גענומען אריבערקוקן איבער זיינע ברילן און בייסן דערביי דעם פינגערהוט, ווייס שוין דער יונגער שניידער, אַז ס'איז שלעכט. אַזוי טוט זיין טאַטע, ווען ס'איז ביטער, שלעכט. אַזוי פלעגט זיין טאַטע טאָן ווען ער פלעגט ריידן וועגן אויסהאַלטן אים אין קאָלעדזש. זעט שניידער, אַז דער יונגערמאַן, וועלכער האָט שיר ניט געקאָנט ווערן אַ לאָיער, מעקט און שרייבט, און מעקט ווידער. דאַרף ער שוין ניט פרעגן, ס'איז אין דר'ערד ברודערקע, קלערט ער, און בייסט ווידער דעם פינגערהוט. און די מיסעס שניידער האָט שוין אויפגעג־הערט פרעסן. זי האָט שוין צען מאָל דורכגעקוקט דורכן לעכל פון אַלמער, וועלכעס דינט צו זען, אויב אַ קאָסטימער קומט אַריין, און זי

ווייס אַלץ ניט וואָס די צוויי ריידן דאָרטן.

ניין, אַרויסגיין זיך אַריינמישן וועט זי ניט. ווארים טאָמער עפּנט זי דאָס מויל, וועט זיך טאָן חושך. זי וועט אים מוזן זאָגן, וואָס זי טראַכט וועגן אים.

פלוצלונג דערהערט זי:

— ניין און צוואַנציג און אַ פּעני. אַ בראָך האָט אונז געטראָפן!

„ניין און צוואַנציג און אַ פּעני!", האָט זי נאָכגעשריען און אַרויס־געאײלט זיך פון הינטערן אַלמער. זי איז געבליבן שטיין צווישן די צוויי געבלומטע פאָרהענגלעך, די הענט פאַרלייגט, מיט אַ פראַגע אין אירע ברייט־צעעפנטע אויגן, און איינגעהאַלטן איר אָטעם.

— איר זייט שוין געקומען איינגאַנצן דער׳הרגע׳נען דעם טרעיד?

— האָט דעם שניידער׳ס ווייב אַרויסגעשריען ווי נישט זי אַליין וואָלט עס גערעדט, נאָר צרות אָנגעקליבענע האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן פון איר האַרצן דורך איר מויל.

מיסטער גינגאָלד׳ן האָט הנאה געטאָן, וואָס די מיסעס שניידער איז אַרויס פון אַרבעט־צימער, און הויבט אָן אָנטייל נעמען אין דער שרעק־לעכער געשעעניש. ער ווייס גוט, אַז אָן איר גייט קיין זאַך ניט. האָט ער איר געענטפערט איידל:

— איצט, מיסעס שניידער, איז עס גראָד ניט איך. ס׳איז אימע־צער רייכער פון מיר . . .

— וואָס פאַלסטו אַריין ווי אַ סאָלדאַט אין סוכה? — איז מיסטער שניידער גערירט געוואָרן פון דעם יונגנמאַנ׳ס איידלקייט, ווי אַזוי ער רעדט עס געלאָסן צו זיין ווייב, וועלכע שטייט אַזוי אָנטקעגן איר קאָנ־קורענט מיט אַ בלייכן פּנים פון איינגעהאַלטענעם כעס.

— דו ווייסט און ווייסט, און ווייסט גאָר ניט! — האָט ער זיך אָנגענומען זיין שכנ׳ס קריוודע. — קענטין, ברענען זאָל ער, שלעפּט זיך דאָך אַריין אויפן קאָרנער! — האָט דער זעכציג־יעריגער שניידער אַרויס־געשריען, ווי ער וואָלט איר אָנזאָגן, אַז אַ גרויס אומגליק האָט זיי גע־טראָפן.

— ק—ע—נ—ט—׳ן! — האָט דעם שניידער׳ס ווייב אַרויסגע־זיפצט און געשיקט מוטערלעכע בליקן צום יונגן גינגאָלד׳ן, — ק—ע־נ—ט—׳ן!!

אַלע דריי האָבן זיך געלאָזן גיין צום עק גאָס, צו דער נייער ליכ־טיגער סטאָר, וואו עטלעכע פרישע מעלדונגען, אין רויטע און גרינע ווערטער, האָבן אָנגעזאָגט: קענט׳ן קלינערס! מאָרגן עפנט זיך דאָ איי־נע פון די גרעסטע טשעין־סטאָרס איבערן לאַנד! זיידענע קליידער — 29 און אַ פּעני.

דער מאַן, וואָס וויל ניט אַהיים גיין שלאָפן

דער עלטסטער פון די דריי איז געזעסן ביים טיש אָן אומעטיגער, געשלונגען לאַנגזאַם דאָס עסן און אַלע ווײַלע געקוקט אין שלאָפצימער, וואו דאָס צוועלף־יעריגע אינגל האָט אַרויסגעקוקט מיט איין אויג פון אונטער זיין קאָלדרע און געוואַרט, אַז דער מענטש, מיט וועמען ער קען ביי איין טיש ניט זיצן, זאָל שוין אַרויסגיין פון שטוב.

— ווי ביטער עס איז! — האָט דעם אינגל׳ס שטיף־פאָטער געפילט ווי פאַר עמיצן זיך צו באַקלאָגן. די דיקע נעפּלדיגע שטילקייט האָט אים געדריקט. פאַרוואָס ריידן מיר זיך ניט דורך? — האָט זיך אים געוואָלט אויסשרייען. מיר אַלע דריי טראַכטן דאָך פון דער זעלבער זאַך. אָבער קוקנדיג אויפן אינגל׳ס מוטער, ווי שטיל און געפאַלן זי פילט זיך, ווי לאַנגזאַם זי טרעט איבערן דיל, האָט זיך אין אים דערוועקט אַ מיטלייד צו איר און ער האָט ווידער געשוויגן.

אַז זי האָט אים צוגעטראָגן די קאַווע, האָט ער מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט געקוקט אויף אירע ראָזעווע הענט. צען יאָר האָט ער געחלומ׳ט פון צוויי גוטע הענט, וואָס וועלן אים דערמאָנען אָן זיין ערשטער פרוי׳ס גוטע הענט, אָן די וואַרעמע בליקן, אָן די פראַגן, וואָס זי פלעגט אים שטעלן, ווי ער פילט נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, — נו, אָט זיינען זיי. אָבער דאָס אינגל אירס? ווי פיינט דאָס קינד האָט אים! זאָל ער אים אפשר ווידער רופן צום טיש? ניין, בעסער נישט, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן, אפשר וועט זיך דאָס מיט דער צייט אַליין אויספרעסן. מען טאָר ניט פאַלן פאַר אַ קינד.

ער איז אַרויס פון הויז אָן אַ גוטן טאָג: זאָל דאָס אינגל מיינען, אַז ער, דער מאַן, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן צו אים און זיין מאַמען, איז ניט פאַרליבט אין זיין מאַמען.

אַז דער שטיף־פאָטער איז אַרויס האָט דאָס אינגל ווי אַ באַפרייטער פון קייטן, אַ שליידער געטאָן פון זיך זיין צודעק, אַ קוק געטאָן אין קיך אַריין — „ניטאָ אים, גוט אַזוי, פאַרוואָס האָט אים זיין מאַמע געדאַרפט אַריינגעמען אין שטוב? זיינע חברים זאָגן, אַז זיין מאַמע און דער מאַן האָבן חתונה געהאַט״ . . . אין דעם מאָמענט האָט ער זיך ווידער צוגעדעקט זיין פנים, ווי ער וואָלט זיך געשעמט פאַר די פיר ווענט. זיין מאַמע, געדענקט ער, פלעגט זאָגן — „איך וועל לעבן פאַר מיין זון. מיין מאַן, מיין קינד׳ס פאָטער, וועל איך אויף קיינעם ניט פאַרבייטן״ . . .

און אים איז געווען אַזוי גוט . . . איצט קאָכט זי און באַקט און וואַשט די העמדער פון אַ פרעמדן מאַן — ניט זיין פאָטער. אַלעמאָל פלעגט זיין מאַמע זאָגן „מאָוויס זיינען שעדלעך פאַר די אויגן" . . . איצט, ווי נאָר זי איז אַליין מיטן מאַן, פרעגט זי אים: „פאַרוואָס גייסטו נישט אין די מאָוויס?"

עד, ווען ער וואָלט איצט געהאַט זיין באָבע'ס שטול, יענעם שטול מיט די לעכלעך. ער געדענקט, ווען דער פעטער דוד פלעגט קומען און דערציילן, אַז ווען ער איז געווען אַ אינגל פלעגט מען שמייסן אינג־לעך צו געבן אָנצוהערעניש, אַז אים דאַרף מען אויך שמייסן. פלעגט ער פאַראַרבעטן אַ נאָדל אונטערן שטול און זי אַ צי טאָן, אַזוי אַז דער אָנקל האָט דערפילט דעם שטאָך און פלעגט גלייך אַרויס פון הויז. ער וואָלט עס אַזוי געוואָלט טאָן דעם מאַן, וואָס האָט פאַרנומען זיין פאָטער'ס אָרט אין הויז, וועלכער צעשיידט אים איצט פון זיין מאַמען . . .

— פאַרוואָס שטייסטו ניט אויף? וועסט זיין שפעט אין סקול! — האָט אים די מוטער איבערגעשלאָגן זיינע געדאַנקען. — שטיי אויף, די קאַשע איז פאַרטיג.

— זינט ווען האָסטו גענומען קאָכן קאַשע אינדערפרי? זינט ער איז געקומען אַהער, האַ? — האָט דאָס אינגל זיך האַסטיג אַ הויב געטאָן פון בעט.

— יע, קינד, ער איז געקומען וואוינען מיט אונדז . . . ער האָט מיר געזאָגט וועלכע גרויפּן עס איז גוט פאַר אינגלעך ווי דו, — האָט זי זיך דערפרייט, וואָס זי האָט אַ געלעגנהייט צו ריידן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם מאַן, אויף וועמען זי האָט אויך געוואַרט אַזוי פיל יאָרן.

— איך האָב אים פיינט און שוין! — האָט דאָס צוועלף־יעריגע אינגל אַ וואָרף געטאָן זיין שוך אָן דר'ערד, און זיך ווידער אַריינגע־וואָרפן אין בעט אַריין.

זיין מאַמע איז לאַנגזאַם אַריין אין זיין צימער, זיך געזעצט אויף זיין ברעג בעט.

— פאַרוואָס האָסטו פיינט דעם מאַן? — האָט זי אַרויפגעלייגט איר קאַלטע, נערוועזע האַנט אויף זיין פאַרפלאַמטן שטערן.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָט ער געשטאַמלט, — ווייל ער גייט ניט אַהיים שלאָפן, ווייל מיינע חברים זאָגן, אַז דו האָסט מיט אים חתונה געהאַט, — האָט דאָס אינגל געצופּט זיין קישן.

— דו מוזט זיין בראַוו . . . איצט איז די צייט . . . דו מוזט צו אים רעדן ווי צו אַ דערוואַקסענעם ברודער, — האָט אַן אינעווייניגסטער קול גערעדט צו איר . . .

— איך וויל פאַר דיר ניט לייקענען . . . איך בין טאַקע פאַרהייראַט

צו דעם מאַן, וואָס בלייבט דאָ שלאָפן ביי אונז . . . ער איז אַ גוטער און וועט מיר דיך העלפן אויפהאָדעווען, — האָט זי גערעדט און געזוכט זיינע אויגן, וואָס ער האָט באַגראָבן אין קישן.

— האָסט ניט געקענט וואַרטן ביז איך וועל ווערן גרויס? — האָט דאָס אינגל אַרויסגעשטורעמט.

— דאַמאָלסט וועל איך זיין אַלט און קיינער וועט מיך ניט וועלן.

— האָט די מוטער געפירט אירע פינגער דורך זיינע לאָקן. אַ מאָדנער ציטער איז דורך דורך זיין יונגן קערפער — אוי, ווי שלעכט אים איז! ער נעמט פיינט האָבן זיין מאַמען פונקט ווי דעם מענטשן, וואָס וויל ניט גיין אַהיים שלאָפן, אָט דעם, וואָס באָט אים אַלעמאָל אָן געלט צו גיין אין די מואוויס . . .

און פאַרוואָס האָט זי זיך צוגעשפיליעט איר פרימאָרגן־קלייד? . . . זי, זיין מאַמע, שמייכלט שוין באַלד אַזוי ווי יענער מאַן, וועמען ער האָט אַזוי פיינט . . . אָט וועט ער זי באַלד אַ זעץ טאָן אין זייט מיט זיין פוס! אָט ציט ער אויס זיין פוס און טוט ווי זיין טייערער מאַמען . . .

— גיי אַוועק, גיי אַוועק פון מיין בעט, — האָט ער געשריען פון אונטער זיין צודעק און געביסן שטיקער פון קישן.

אַ פיינלעכער געפיל האָט ביידן געדריקט. אויף אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרן אין צימער, ביז אַ שטים, אַ קליין מיידעלע׳ס שטים, האָט די שטילקייט צעבראָכן.

— טעדי! העי, טעדי! דו גייסט ניט אין סקול? קום אַרויס, טעדי, עס ווערט שפעט! — האָט זיין מיידל־פריינט אַריינגעשריען אין שטוב אַריין.

— ס׳איז עטל, דיין מיידל־פריינט. מיינסט איך ווייס ניט? — האָט די מוטער פרובירט אַראָפּשלעפּן דעם צודעק פון זיין פנים. — איך האָב ליב דיין עטל׳ען, זי איז אַ פיין קינד, — האָט די מאַמע פאַרגעזעצט. — טו דיך אָן, טעדי, טו דיך אָן! זי וואַרט אויף דיר . . .

אָבער טעדי האָט געצופּט דעם קישן ביז אַ שטראָם טרערן האָט גענומען רינען פון זיינע אויגן: — „זי איז ניט מיין מיידל״, — האָט ער געשריען.

— זעסטו, מיין קינד, איך ווייס אויך עפּעס וועגן דיר . . . באַלד וועסטו חתונה האָבן מיט עטל׳ען . . . יאָרן לויפן גיך און איך, מיך וועט עטל ניט וועלן . . . איך וועל זיין אַלט . . . דאַמאָלסט וועט מיך שוין קיינער ניט וועלן, — האָט די מאַמע אַלץ ניט אויפגעהערט ריידן און געזוכט איר אינגל׳ס פנים

— טעדי, עס ווערט שפעט, קום, שטיי אויף! — האָט דאָס דינע מיידלשע קול׳כל ווידער אַריינגעשריען.

— זאָג איר, אַז איך גיי היינט ניט אין סקול, — האָט ער מיט פאַרוויינטע אויגן געבעטן זיין מוטער.

— אַזאַ גרויס אינגל זאָל וויינען, — האָט אים זיין מאַמע גע־שטראָפט.

— גיב מיר די קאַשע, וואָס דער מאַן, וואָס וויל ניט גיין אַהיים שלאָפן, זאָגט, אַז עס איז גוט פאַר אינגלעך ווי איך, — האָט טעדי פלוצ־לונג געבעטן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צום דיל.

די מוטער האָט אים אַריינגעגאָסן די פרישע גרויפּן מיט וואַרעמע מילך. ער האָט געקוקט אויף זיין מאַמען און דערזען, אַז זי זעט אים, דאַכט זיך, אויס ווי עטל, זיין סקול־חבר'טע, וועמעס ביכער ער טראָגט יעדן טאָג אַהיים פון סקול . . .

עטל איז נאָך אַלץ געשטאַנען לעבן הויז און געוואַרט.

— היינט גיי איך מיט עטל'ען אין די מואוויס, — האָט ער אָנגע־זאָגט דער מוטער און זיך גערויטלט.

אויף מאָרגן, ווען דער שטיף־פאָטער איז געפאָרן צו דער אַרבעט, איז ער אַ מידער איינגעשלאָפן אין סאָבוועי און אים האָט זיך גע'חלומ'ט, אַז ער זיצט לעבן טיש, און עסט פון איין טעלער מיטן צוועלף־יאָריגן שטיף־אינגל, און די מוטער גייט אַרום אַ פריילעכע אַרום זיי, זינגט אונ־טער און שמייכלט.